STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06480

GRENETSEN

Abraham Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אב. גאָלדבערג

גרענעצען

גרענעצען

עסעיס

פון אב. גאָלדבערג.

„פאַרלאַג „פּראָגרעס"
195 קאַנאַל סטריט
ניו יאָרק, 1924.

Copyright, 1924
FARLAG "PROGRESS"

אינהאַלט:

פאָרוואָרט	7
גרעניצען	9
מעלות און חסרונות	16
אונזער ביבעל	24
בודהאַ	31
געלד	38
דער „זוהר"	45
התבודדות	51
פרייד	57
פאָפּולאַריטעט	64
די מאַסע	71
גלגולים	77
נערוועז	85
ערפינדונג און רייכטום	92
דער איינגעוואנדערטער אידישער אינטעליגענט	98
דער אידישער מאָטיוו	105
חזנות	112
„דזשעז"	117
דער גולם	124
קריסטמעס	131
גאָט־זוכעניש	138
דאָס לופט־פליהען און דער גלויבען	145
אונזער ערד	151
„די אידען"	158
דאָס לעבענס־ליד	167

אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקאַ — 174
דער נייער גייסט — 181
די פּלאַסטישע קונסט — 190
אייראָפּאַ און אַמעריקאַ — 200
די איסט־סייד — 206
דער קוואַל פון יוגענד — 212
ווערטער און זייער באַדייטונג — 217
נסים — 223
ספּיריטואַליזם — 230
דניאל דערונדאַ — 237
בערד — 244
צו הערצל׳ס טאָג־בוך — 250
חיים נחמן ביאַליק — 259
גרעץ, דער היסטאָריקער, קינסטלער און פּאָעט — 275
קאַרל מאַרקס און דער אידישער גייסט — 283
געהאַרט האַופּטמאַן — 290
בן יהודה — דער סימבאָל פון אַ דור — 297

פאָרוואָרט.

צווישען די צאָהלרייכע אַרטיקלען, קלענערע און גרעסערע, וואָס איך האָב אין דעם משך פון מיין מעהר ווי צוואנציג יעהריגער שריפטשטעלערישער טעטיגקייט אויפגעשריבען, און וואָס זיינען מייסטענס מיט דעם טאָג געווען פארבונדען, מיט איהם געבוירען און מיט איהם פאַרלוירען, האָבען אַ שיין געטאָן מיט אלע זיבען רעגענבויגען קאָלירען קעגען דער זון און זייגען פאַרשוואונדען, האָב איך אין מינוטען פון „עלית הרוח", אין פארלויף פון דער צייט אויפגעשריבען אויך אַ געוויסע צאָהל אַרטיקלען, וועלכע — אזוי, לכל הפחות, גלויב איך — האָבען מעהר ווי אַ צייטווייליגען ווערט און פארדינען צו קומען אין בוך־פאָרם. פון די דאָזיגע אַרטיקלען האָב איך דאָ, אין דער פאָרליגענדער זאמלונג, צונויפגעקליבען אַרום אַ פופציג, אין דער האָפנונג, אז די לעזער וועלען מסכים זיין מיט דער מיינונג פון מחבר איבער זייער ווערט.

דעם נאָמען „גרענעצען" האָב איך דער זאמלונג געגעבען ניט נאָר דערפאר. ווייל דאָס ערשטע ארטיקעל טראָגט אָט דעם נאָמען, נאָר הויפטזעכליך צוליב דעם, ווייל דער רעיון, וואס איז אויסגעדריקט אין אָט דעם אַרטיקעל: „דער מענש איז מיט גרענעצען געבוירען און קען די וועלט נאָר דורך גרענעצען פארשטעהן"... „און אָפט פארשטעהען מיר דאָס גרענעצלאָזע דורך די גרענעצען"... ליגט אין יסוד פון די מייסטע ארטיק־לען, וואָס זיינען אריין אין דער זאמלונג.

א. ג.

גרענעצען

ניט נאָר מאַכט דער מענש קינסטליך גרענעצען, האַלט זאַכען פאַרנאַנדערגעטיילט אין פאַרשידענע קעסטעלאַך, קלאַסען, קאַטעגאָריעס, מדרגות, נאָר דער מענש איז אויך געבוירען מיט גרענעצען, ער טראָגט זיי, אַזוי צו זאָגען, אין זיין שכל, אין זיין באַוואוסטזיין, און אפילו זיין אונגעצוימטער דמיון קען זיך פון זיי ניט באפרייען.

דער מענש מוז זיין דענקען איינפאַסען אין די ראַמען פון צייט און רוים. די מחשבה מוז האָבען אַן אָנהאַלט, זי מעג שוועבען אין דער לופט, אָבער די לופט אַליין מוז האָבען רוים וואו צו קענען זיך אויסשפּרייטען. די לופט מוז האָבען אַ גרענעץ. יעדע מחשבה מוז געשעהן אין אַ געוויסער צייט, נעכטען, היינט, מאָרגען, שטענדיג, אָבער אָהן צייט איז ניטאָ קיין מחשבה. יעדע גרויסע מחשבה איז אָפּגעזונדערט, איז קלאָהר דעפינירט, ווייסט איהר קוואַל, איהר שורש, ווייסט דעם „מה לפנים", „מה לאחור", אַלא ניט איז זי כאַאָס, מיש מאַש, פּלאַפּלעריי.

יעדע שאַפונג מיינט אויסשניידען עפּעס פון דעם כאַאָס, געבען איהם פאָרם, גרענעצען, און מאַכען עס פאַר אַ יש.

אַזוי האָט כביכול אַליין אויך געטאָן ווען ער האָט די וועלט באַשאַפען: פריהער איז געווען תוהו ובוהו, כאַאָס, אַ פאָרמלאָזע מאַסע וועגען וועלכער מיר האָבען באמת קיין באַגריף ניט, ווייל בעצם האָבען מיר אין לעבען קיין גאַנצע פאָרמלאָזע זאַך ניט געזעהען, אָבער עס איז קיין הימעל און קיין ערד ניט געווען, ניט קיין זון און ניט קיין לבנה, און ניט קיין שטערען, עס זיינען נאָך ניט געווען די גרעניצען — וואָרום וואָס איז דען פאָרם ווען ניט

גרענעצען? — דער מאַטעריאַל איז געווען, אָבער אָהן גרענעצען איז קיין ליכט ניט געווען, קיין האַרמאָניע, קיין זין און קיין סדר אין די ספערען, ערשט ווען כביכול האָט זיך גענומען באַשטימען גרענעצען אין דער מאַסע, האָבען זיך אויסגעקריסטאַליזירט די הימלען, האָט זיך אויסגעהאַפּטעוועט די ערד, זיינען געוואָרען שטערען, זון, לבנה, דאָס גוטע ליכט, וואָס איז אַליין דער בעס־טער גרענעץ־מאַכער, דער פּאַרנאַנדערטיילער. וואָרים אין דער פינסטער איז די וועלט איין שטיק מאַסע, קיין בערג און קיין טאָ־לען, קיין רויט און גרין, קיינע פאַרבען, קיינע בוימער און קיינע בלומען, קיין יבשה און קיין וואַסער, אַלץ איז אַ גערדיכטע שטיק שוואַרצקייט מיט אַ בלויליכען שיין, וואָס שרעקט און מאַכט דעם מענשען אָפּהענגיג. דאָס ליכט שאַפט איבער דער וועלט, ווייל זי גיט יעדען געגענשטאַנד זיין פּלאַץ, באַשטימט פאַר איהם זיין גרענעץ, און ניט אומזיסט האָט גאָט אליין באַגריסט דאָס ליכט, און ניט אומזיסט בעט דער מענש אויף ליכט און לויפט פון דער פינסטערניש.

דען דאָס ליכט ווייזט אונז די גרענעצען פון יעדער זאַך, און מאַכט דאַדורך דאָס לעבען פאַרשידענאַרטיג. דאָס ליכט גיט דעם מענשען אַן אָנשפּאַרעניש, אַ באָדען אונטער די פיס, און ער פיהלט זיך זיכער אויף זיין גרענעץ, און נאָך עפּעס, צוליב דעם ליכט האָט דער מענש אויך די פינסטערניש מעהר גערן. זי איז אזוי צו זאָגען, די גרענעץ פאַר דעם ליכט, די אָפּוועקסלונג, און מאַכט דאָס ליכט שפּעטער אנגענעהמער, ליבער, אינטערעסאַנטער. דער מענש קוקט אין דער פינסטערניש מיט ליכטיגע אויגען. ער פילט אוים די פינסטערניש מיט אייגענע שאַפונגען, וועלכע לע־בען אין איהם פון דער ליכט צייט אין זיין נשמה, דאָס ליכט רינגעלט ארום די פינסטערניש. און די פינסטערניש שטעהט אויף דער גרענעץ פון דעם ליכט.

עס איז נאָכאַמאָל גרענעצען. דער פּלאַסטישער קינסטלער, דער מאַלער, דער קולפּטאָר, דער שריפטשטעלער האָט דאַמאָלסט דערגרייכט זיין ציל, ווען ער האָט זיין געגענשטאַנד געגעבען די

ריכטיגע גרענעצען. דער מאָלער ציהט מיט זיין פּינזעל א ליניע ביז אהין און ניט ווייטער, א קיילעכדיגער פּונקט, אזוי פיל און ניט מעהר. ער מוז האָבען די גרענעץ אין דער האנד, אין די שפּיץ פינגער. יעדער קען ציהען מיט דעם פּינזעל. קען איינטונקען אין פאַרב און שמירען אויף דעם לייוועגד אָדער אויף דער וואַנד. ניט יעדער קען אָבער אזוי באַגרענעצען די ליניע, אז עס זאָל אַרויסקומען עהנליכקייט. דער מאָלער קען. דורך דער באַגרענעצ־טער ליניע, דער אַרומגעשניטענער לויט באדערפניש, קומט ארויס דאָס בילד. וואָס גרעסער דער קינסטלער אלץ פעהיגער איז ער דורכצופיהרען די גרענעצען, אלץ פּרעציזער איז ער — און אלץ גרעסער איז די שאפונג. דאָס זעלבע איז ריכטיג וועגען דעם סקולפּטאָר. ביז ער באַשטימט דעם ליים ניט זיינע גרענעצען, איז עס פאָרמלאָזע ליים. ערשט ווען ער נעהמט אויסקנעטען די גרענעצען ווערט עס געשטאַלט, ווערט עס א בילד. וואס שאַרפער די גרענעצען אלץ אינדיווידועלער דאָס בילד. ווען ניט גענוג שאַרף, דעמאָלט האָבען מיר מענש־עהנליכקייט, אָבער ניט קיין מענש. די שאַרפע גרענעצען מאכען די שאַרפע עהנליבקייט, און ווען עס איז גענוג עהנליך צו א געוויסען מענשען, קען עס לסוף אויך ווערען דער סימבאָל פון דעם מין מענש.

די נייע שטרעמונגען אין דער קונסט האָבען אין דעם פּרט ניט פיל געענדערט. דער אימפּרעסיאָניזם שאפט ניט אָפּ די גרענעצען נאָר בייט זיי בלויז. די צופלאָסענע ליניע, די וואונק ליניע, איז ניט וויינינער באַגרעניצט, ניט וויינינער שאַרף ווי די וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו רופען די שאַרפע ליניע. נאָר די שארף איז אויף אַן אנדער פּלאַץ. די שאַרף קען זיין געטיילט, געבראָכען אין פּלעצער אבער זי איז פאראַן. ניט מעהר, דער אימפּרעסיאָניזם באהויפּטעט, אז דאָס אמת׳ע בילד באקומט זיך דוקא דורך די אזוי צו זאגען ניט באשטימע ליניען, ווייל אין זעהער׳ס אויג קענען נאָר די סאָרט ליניען ארויסרופען די עהנ־ליכקייט, די אילוזיע, פּונקט ווי ווען מ׳וויל איז א שפּיגעל זעהן גלייכע שריפט מוז מען דוקא אנטקעגען שטעלען פארקעהרטע

שריפט. פארקעהרטע שריפט, איז אָבער דיזעלבע באגרעניעצטע שריפט, און די ניט באשטימטע ליניען זיינען פונקט אזוי אונטער־ווארפען די געזעצען פון גרענעצען ווי די אָנגענומענע שארפע ליניען.

קוביזם, ווידער, איז באמת א שטארקערע באטאָנונג פון די גרענעצען. קוביזם דערמאָנט, אז געגענשטענדען האָבען דריי גרע־נעצען און ניט קיין צוויי, און אמת'ע קונסט מוז דארום אויך האָ־בען דריי גרענעצען און ניט צוויי — אָבער די גרענעצען ווערען אַלענפאלס אנערקענט.

אויך אין דער שריפטשטעלעריי קונסט איז פאראן גרענעצען. יעדעס ווארט איז באמת א גרענעץ. אָבער דער אמת'ער קינסטלער קלייבט אויס די ווערטער, וועלכע זיינען גוט ארומגעצייכענט און וואס גיבען דעם געשילדערטען געגענשטאַנד זיין אטמאָספערע, זיין ארָאמא, זיין אינדיווידואַליטעט.

עס איז אמת, אז דער גרויסער קינסטלער קלייבט אויס ניור־אנסען־רייכע ווערטער, וועלכע ווייזען צו דער זעלבער צייט אויך דעם שייכות פון דעם געגענשטאַנד מיט דער וועלט ארום איהם פון וועלכער ער איז א טייל — דאָס איז ריכטיג. דאָס וואָרט איז אָבער ניט ווייניגער באגרענעצט ווען אפילו עס האָט ניואנסען, פונקט ווי דער טעלעגראף סלופּ ווערט ניט אוים סלופּ ווייל צו איהם זיינען צוגעבונדען דראָטען, וואס ציהען זיך ווייט אוועק. די גאַנצע עקספּאנס פון וואָרט, זיינע רוישענדע כוואַליעס, זיין טיפער ווידער־קול, זיין אינוועניגער שטורם, אָדער פארקעהרט, זיין טיפע רוה קען נאָר דערגרייכט ווערען דורך זיין גרענעץ און באשטימטקייט. אפילו דער ים האָט זיינע גרענעצען, און עס איז צוליב זיינע גרענעצען און אין קאמף מיט זיי וואס דער ים איז וואָס ער איז. אפילו די ווייטע הימלען האָבען זייערע האָרי־זאָנטען, דאָס הייסט זייערע גרענעצען. די האָריזאָנטען קענען זיין ברייטע, קענען זיין שמאָלע אָבער עס איז דורך דעם האָ־ריזאָנט וואס דער הימעל־פארנעהם ווערט קלאָהר און באגרייפ־לאך, דער האָריזאָנט איז דער גרענעץ, אבער דער גרענעץ איז

ניט דוקא דער סוף. עס איז גיכער דער אפּרוה, און די מעג־ליכקייט ווייטער צו ציהען דעם פאָדעם פון דמיון, ביז דער גרע־נעץ, אויף דער גרענעץ און נאָך איהר.

די לירישע קונסט האָט ניט ווייניגער ווי די פּלאסטישע איהרע גרענעצען כאָטש זי דערגרייכט ווייטערע עולמות. א שטי־מע אויף די בערג איז ניט ווייניגער באגרענעצט ווי די שטימע אין טאָל, ניט מעהר, דאָס ווידער קול טראָגט זי ווייטער. זי באקומט אויף דעם בארג פליגעל, אָבער כדי דאָס ווידער קול זאָל זיין א שעהן ליד און ניט בלויז א ווילד געשריי, מוז מען א שעהן ליד זינגען, מוזען די טענער זיין געמאָסטען, מוז זיין הארמאָניע, מוז זיין ריטם. דאָס הייסט גרענעצען.

די לירישע פּאָעזיע שעפּט איהר טיפקייט פון דעם מענ־שען'ס נשמה. זי מעג שפּעטער ווערען סימבאָליש פאַר דער גאנצער מענשהייט. די טראגיק מעג ווערען וועלט־שמערץ, אָבער צו אלער ערשט קומט דער אינדיווידואום, צוערשט דער בא־שטימטער מענש, זיינע ליידען, זיין פרייד, זיין צער איבער זיין באגרענעצטקייט, זיין חלום, זיין הימעל און זיין ערד. דאָס ליד קען ווערען די לייטער אויף וועלכען מלאכים געהען ארויף און אראָפּ, וועמעס שפּיץ דערגרייכט ביז די הימלען, אָבער איהרע פיס שטעהען אויף דער ערד.

אפילו אין דער אבסטראקטער מאטעמאטיק מוזען מיר האָ־בען גרענעצען. יעדער ציפער איז באמת א גרענעץ, אוועקגע־שטעלט אין דער אונבאשטימטהייט, אין דער אונענדליכקייט, וואָס אטעמען צווישען איהר און דער ציפער פאר איהר אָדער נאָך איהר. די מאטעמאטיק וואָלט פאר אונז קיין נוץ ניט געהאט ווען מיר זאָ־לען זיך אָפּגעבען מיט איהר אונענדליכקייט. די מאטעמאטיק אליין איז אונענדליך, אָבער מיר מוזען האָבען גרענעצען, ציפער, כדי זיך צו קענען מאכען א באגריף פון איהר אין סוף'דיגקייט. אין געאמעטריע מוזען מיר האָבען די אימאזשענערע ליניע כדי מיר זאָלען זיך קענען מאכען א באגריף פון דער אונצוטיילבאַרקייט, פון דער אונענדליכקייט.

אזוי איז דער מענש. ער איז מיט גרענעצען געבוירען און קען די וועלט נאָר דורך גרענעצען פארשטעהן — זיינען די גרע־נעצען קייטען? אפשר, אייגענטליך הענגט עס אָפּ פון שטאנד־פּונקט. עס איז פּאַרט בעסער צו זיין א מענש, א באשטימטע צאָהל אטאָמען, וואס באוועגט זיך שוועער איידער דער אָפּגעריסע־נער אטאָם, וואָס פליהט רוהלאָז ארום אין די ספערען.

די גרענעצען זיינען אלענפאַלס ניט שטענדיג א שטער. אָפט פארשטעהען מיר דאָס גרענעצלאָזע דורך די גרענעצען. זיי זיי־נען פאר אונז אזוי צו זאָגען דער ארכימעדישער פּונקט דורך וועלכען מיר הויבען די וועלט. דורך די גרענעצען ארום מאַ־כען מיר זיך א באגריף, ווען אויך זעהר דונקעל, זעהר פארנע־בעלט, פון דעם גרענעצלאָזען. מיר ריידען פון גאָטהייט וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סוף, וואָס איז צייטלאָז און רוים־לאָז, וואָס איז איינציג און אליין אבער איז דאָך כולל די וועלט, איז איינציג און דאָך ניט באגרענעצט. דער מענש ראנגעלט זיך דאָ מיט ווערטער, ער וויל מאכען א בילד פון בילדלאָזען און פאלט אין אָנמאכט. דער פילאָזאָפישער גאָט איז אונפארשטענד־ליך און דער מענש פיהלט זיך הילפלאָז, און אין הארץ איז אזא ליידיגקייט און שרעק פאר אָט דער ליידיגקייט, און ניט ווילענ־דיג מוז דער מענש אויך זיין גאָט באגרענעצען, כדי ער זאָל איהם באגרייפען. גאָט איז איינער, איז האר, איז איבער דער וועלט, זיין אויג זעהט ביז סוף כל הדורות, זיין אויער פארנעהמט דעם קרעכץ פון א מילב אונטער א שטיין. אויער און אויג... און גאָט ווערט דעם מענשען נאָהענט און פארשטענדליך. דער מענש דערנעהנטערט זיך צו גאָט, און דער מענש אליין ווערט דער־הויבען און געטליך, ווערט א טייל פון דער גאָטהייט.

גאָט וואוינט אין די הימלען, אָבער די הימלען זיינען ניט אונבאגרענעצט. די ספערען האָבען א געוויסע הארמאָניע, ווע־רען קאָנטראָלירט דורך ציפער, לויט דער פּיטאגאָרישער באהויפּ־טונג. די הימלען און די שטערען זיינען כביכול'ס ליעד. דורך זיי וויזט ער די הארמאָניע פון דער וועלט, און ווער עס וויל

הערען הערט. די גרענעצען זיינען, ווען מען וויל, גאָר ניט קיין שטער, נאָר א הילף. וואס טויג דער דימענטבארג ווען צוליב זיין געדיכטע מאסע, און צוליב זיין אונגעהויערע גרויס קען מען די ליכט־גלאָרי, די צויבער קאָלירען ניט זעהן? דער קליינער די־מענט, וועלכער איז נאָך דערצו געשליפען, ארומגעפיילט און ארומ־געגרענעצט איז פאַר דעם צוועק בעסער. די זיבען רעגענבויגען קאָלירען, דאָס הייסע פייער ליכט, וואס רופט ארויס באוואונ־דערונג, השתוממות, און וואָס איז א וואונק אויף דעם „אור הגנוז" קען מען זעהן אין דעם באַגרענעצטען דימענט, און די גרענעצען פיהרען צו דער גרענעצלאָזיגקייט, צו נייע ליכטיגע וועלטען, וואס זייער צאָהל איז אונענדליך. אזוי איז עס אויך אין לעבען. פון דעם מענשען צו דעם פאָלק, פון דעם פאָלק צו דער מענשהייט, צום וועלט־אַל, צו דער גאָטהייט. אָנהויבען הויבט עס זיך אָן מיט דעם מענש. ער איז די גרענעץ צו דער גרענעצלאָזיגקייט.

מעלות און חסרונות

„פון דעם גראנדיעזען ביז דעם לעכערליכען איז בלויז איין שריט״ — דאָס איז אַן אמת, וואָס איז באגרינדעט אויף דער ערפאַהרונג. עס איז דארום קלאָר, אַז ווען אַ שונא אָדער אַ געגנער וויל אייערע בעסטע מעלות ארייגשטעלען אין דער קאַטעגאָריע פון חסרונות, האָט ער ניט קיין גרויסע שוועריגקייטען. וואָס טוט ער? ער שפּאַנט אריבער פּאַר אייך דעם שריט, וואָס איהר אליין האָט ניט געמאַכט, און ער פארוואַנדעלט אזוי ארום אייערע שעהנסטע זייטען, אייערע בעסטע פעהיגקייטען אין פעהלערען און אין שוואַכקייטען — וואָרים די גרענעץ און די מחיצה פון אַ שעהנער מדה אין דעם העכסטען גראַד ביז איהר געגענזאַץ איז ניט זעהר גרויס.

ווען איהר זייט שטאַרק ליידענשאַפטליך און קנאי׳ש אין אייערע איבערצייגונגען, זאָגען אויף אייך אייערע געגנער, אַז איהר זייט פאַנאַטיש און אונטאָלעראַנט. דאָס וואָס איהר זייט איז אַ מעלה, דאָס וואָס מע זאָגט איהר זייט, איז אַ חסרון. צווישען די ביידע ליגט אָבער בלויז אַ שטרוי.

ווען איהר זיינט געזעצט און איבערלעגט אין אייערע האַנדלונגען, זאָגען אויף אייך די געגנער, אַז אייך פעהלט מוט און אַז איהר האָט ניט קיין שוואונג. עס איז בלויז אַ קליין קוועטשעלע צווישען די ביידע, צווישען דעם וואָס איהר זייט באמת און די מיינונג, וואָס אייער געגנער גיט. עס איז ניט קיין גרויסער מרחק; עס איז בלויז איין שריט. און אָט דעם שריט מאַכט פאַר אייך דער געגנער.

ווען איהר זייט אַ פּאָליטיקער און אַ מעורב בן הבריות,

און מאכט קליינע קאָנצעסיעס צוליב אייער גרויסען ציל, ער־קלעהרען די געגנער, אַז איהר זייט אַ פּאָליטיקאַן, אַ חונף און אַן אָפּאָרטוניסט. דאָס האָבען די געגנער בלויז איבערגעוואָרפען דאָס בריקעל איבער דעם אונטערשייד וואָס טיילט אָפּ דעם פּאָלי־טיקער פון פּאָליטיקאַן, כדי צו קענען ארויסקומען מיט אַזאַ שאַר־פער באַשולדיגונג.

ווען איהר זייט אַ דעמאָקראַט, זאָגען זיי אַז איהר זייט אַ פּלעבעער; ווען איהר זייט מילד, רופען זיי דאָס אויסברענ־גערייַ; ווען איהר זייט אויסגערעכענט, רופען זיי דאָס קאַרג־שאַפט; ווען איהר זייט קלוג און שאַרף, רופען זיי דאָס כיטרע־קייט, איבערגעשפּיצטקייט; ווען איהר זייט אַ ליידענשאַפט־ליכער רעדנער, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך פון די מאסען, זאָגען זיי אַז איהר זייט אַ דעמאַגאָג, אונעסטעטיש, א. ד. גל.

ניט שטענדיג טוט עס דער געגנער מיט אַ שלעכטען כיוון, מיט אַ בייזער פּניה. פילע מאָל גלויבט ער אין דעם וואָס ער זאָגט. דער צווישענשייד צווישען מעלה און חסרון איז אַזוי עדעל און דעליקאַט, אַז ביי איינעם, וועלכער איז פיינדליך געשטימט, קען אַ מעלה ווירקליך אויסקומען אַ חסרון. דערי־בער האָבען אונזערע גרויסע ערקלעהרט, אַז „השנאה מקלקלת את השורה". עס איז אונמעגליך צו ערוואַרטען אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג, אַן אומפּאַרטייאישע מיינונג פון אַ געגנער, וואָרים ער טרעט צו מיט באַשטאָכענע אויגען צו דער אָפּשאַצונג זיינער. און היות אין לעבען זיינען די גרענעצען צווישען דאָס גוטע, עדעלע, שעהנע און דאָס שלעכטע, מגושמ'דיגע און גראָ־טעסקע אָפּט זעהר שמאָלע, קען דער געגנער ארויסקומען מיט אַ שלעכטער מיינונג אָהן מורא אויסגעלאַכט צו ווערען, און ער קען נאָך אפילו געפינען אָנהענגער פאַר זיין מיינונג, ווייל ניט אַלע זיינען געאיבטע שופטים.

דאָס ערקלעהרט אויך וואָרום עס טרעפט אָפּט, אַז צוויי קריטיקער, ווען אפילו זיי זיינען ניט קיין געגנער און קיין שונאים פון דעם מענשען, ווען זיי קריטיקירען, צוגעהען זיך אַזוי

ווייט אין זייערע מיינונגען, אַז איינער רופט איהם מלאך און דער צווייטער טייפעל, כאָטש ביידע טרעטען צו מיט דערזעלביגער מאָס פון גוט און שלעכט.

אין פלוג דאַרף זיין גוט — גוט, און שלעכט — שלעכט, פאַר אַלע וואָס קומען מעסטען די זאַך מיט דערזעלבער מאָס. און דאָך טרעפען אַזעלכע גרויסע און ווייטע אונטערשיידען אין די מיינונגען איבער איין און דערזעלבער זאַך. די ערקלעהרונג איז, אַז דער אונטערשייד אין דער מיינונג איז אַזוי גרויס, ווייל דער אונטערשייד אין לעבען צווישען גוט און שלעכט איז אָפט אַזוי קליין; ווייל די גרענעץ, וואָס טיילט זיי פאַנאַנדער, איז אַזוי שמאָל. דערפאַר קען קומען אַ קריטיקער און דערקלעהרען: יענער איז קאַרג און טאַדלען איהם דערפאַר, כאָטש יענער איז בלויז איבערלעגט און אויסגערעכענט, וואַרפט זיך ניט מיט געלד גלאַט אין דער וועלט אַריין, וואָס דאָס איז געוויס אַ מעלה, אַלענפאַלס ניט קיין חסרון. ווייל אויסגערעכענטקייט איז זעהר נאָהענט צו קאַרגשאַפט. עס זעהט אויס ווי קאַרגשאַפט, ווייל עס איז זעהר ווייט פון אויסבערענגעריי, און עס איז אויך אַביסעל אָפּגערוקט פון מילדקייט, וואָס איז אויך אַ מעלה; עס איז נעהנטער צו קאַרגשאַפט, און איז פאָרט ניט קיין קאַרגשאַפט. פאַר דעם זייטיגען אָבער קען עס אויסזעהן ווי קאַרגשאַפט. די נאָהענטקייט פון קאַרגשאַפט און אויסגערעכענטקייט מאַכט, אַז מען זאָל זיי פאַרבייטען.

פאַרקעהרט, ווידער, ווען איינער איז מילד, נעהמען עס פילע אָן פאַר אויסבערענגעריי. וואָרים ער איז זעהר ווייט פון זיין קאַרג און איז אויך אַביסעל אָפּגערוקט פון זיין אויסגערעכענט; ער איז נאָהענט צו זיין אַן אויסבערענגער; ער שטעהט אויפ'ן גרענעץ. דעם אמת קען אָבער באַמערקען בלויז דאָס שאַרפע אויג. דאָס שטומפּיגע אויג וועט אָפט מילדקייט ערקלעהרען אַלס אויסבערענגעריי, מחמת דער אונטערשייד פון מילדקייט און אויסבערענגעריי איז זעהר אַ שמאָלער. די צוויי עקסטרעמען זיינען אויסבערענגעריי און קאַרגשאַפט, און אַלע

שטימען איין, אז דאָס ערשטע איז שלעכט און דאָס צווייטע איז גוט. אָבער עס זיינען פאַראַן אָהן אַ שיער צווישען־גראַדען צווישען אויסברענגערייי און קאַרגשאַפט, און די צווישען־גראַדען זיינען שוין ניט אַזוי ווייט איינס פון דאָס אַנדערע, און דאָ קענען שוין די מיינונגען זיין ניט נאָר פאַרשיידען נאָר אויך געגענגעזעצט.

ווען מען האָט אין זינען די דאָזיגע אמת׳ען, ווערען פאַר־שטענדליך פילע זאַכען, וועלכע זעהען זאָנסט אויס משונה׳דיג.

פילע מאָל וואונדערען מיר זיך, וואָרום די מיינונג וואָס אונזערע שכנים האָבען איבער אונז איז אַזוי ווייט פון דעם אמת, און מיר קומען צום שלוס, אַז זיי פאַרלייקענען דעם אמת מיט אַ כיוון, מחמת זיי האָבען אונז פיינד. וואָרים מיר שטעלען זיך די פראַגע: געשיקט זיך, אַז מענשען זאָלען וואוינען מיט אונז אַזוי לאַנג און זאָלען דאָך אַרויסטראָגען וועגען אונז אַ מיינונג, וואָס איז דער היפך פון דעם וואָס מיר זיינען אין דער ווירקליכקייט? ניט אַנדערש, אַז זיי פאַרקרימען דעם אמת אויס שנאה צו אונז.

מען קען ניט לייקענען. אָפטמאָל קומען ווירקליך אונזערע שונאים אַרויס מיט פאַלשע מיינונגען איבער אונז, כאָטש אין האַרצען ווייסען זיי אַז עס איז ליגען. וועגען דעם פאַל איז אָבער ניט נויטיג צו רעדען. דאָס שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין רעטעניש און נויטיגט זיך ניט אין קיין ערקלעהרונג.

די פראַגע איז אָבער: וואָרום טרעפט, אַז אויך פילע עהרליכע קריטיקער, מענשען וואָס זיינען באַקאַנט אַלס אויפ־ריכטיג און עהרליך, קומען אַרויס מיט באַשולדיגונגען געגען אונז, וועלכע זיינען גרונד פאַלש? דער ענטפער דאַרויף איז: ווייל אין לעבען עקזיסטירט זעהר אָפט אַ גאַנץ דינער אונטער־שייד צווישען שעהנקייט און לעכערליכקייט, און עס איז לייכט אַריינצופאַלען אין אַ טעות און פאַרבייטען די ביידע באַגריפען. עס איז לייכט אַריינצופאַלען אין אַ טעות אפילו ווען מען איז פאַלשטענדיג אָביעקטיוו, בפרט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען

אידען, וואָס דעמאָלט איז דער פרעמדער קריטיקער זעלטען אָביעקטיוו, זעלטען אינגאַנצען פריי פון פאָראורטייל.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס פילע מאָל פאַלען אריין אונזערע שכנים אין טעות'ן, ווייל דאָס אידישע פאָלק איז געוועהנליך — להיפך צו דער אָנגענומענער מיינונג — א פאָלק וואָס איז ווייט פון עקסטרעמען: עס איז ניט אויף דער זייט פון כלו גוט און אויך ניט אויף דער זייט פון כולו שלעכט, נאָר איז אין דער מיט. וואָס דאָס קען מיינען אויף דעם גרענעץ פון חסרון, און דער פרעמדער קריטיקער נעהמט עס אָן פאר א חסרון. ער פארזעהט דעם גרענעץ. וואָלטען אידען געווען עק־סטרעם, וואָלטען זיי געקענט טאַדלען נאָר די, וואָס האָלטען, אז דער דאָזיגער עקסטרעם איז שלעכט, אָבער עס וואָלט ניט מעג־ליך געווען צו קומען און ערקלעהרען אז זיי זיינען עפּעס וואָס זיי זיינען ניט. וואָרים דער עקסטרעם איז צו בולט און שארף ארומגעצייכענט. דערפאר אָבער, וואָס אידען געהען געוועהנליך אויף דער גאָלדענער סטעזשקע, צווישען פייער און שנעע, נאָ־הענט צו איינעם אָדער צו דעם אַנדערען, קומען צו געהן פילע קריטיקער און ערקלעהרען, אז די אידען געהען אויף פייער אָדער געהען אויף שנעע, כאָטש באמת געהען זיי גאָר אין דער מיט.

דאָס אידישע פאָלקס־ווערטעל — וועלכער איז, ווי אַלע פאָלקס־ווערטער, דער אויסדרוק פון לאַנגער ערפאהרונג און אינטימער באקאנטשאפט מיט דעם לעבען — ערקלעהרט אזוי: דער איד עסט אָבער ניט פרעסט, דער איד טרינקט אָבער ניט זשלאָקעט, דער איד שלאָפט אָבער ניט פּאָפט, דער איד קוקט אָבער ניט גלאָצט. דער איד איז אין קיין זאך ניט עקסטרעם. ער פייניגט ניט דאָס לייב און איז אויך ניט קיין פרעסער; ער איז ניט קיין נזיר און אויך ניט קיין שיכור א. ז. וו. ער געהט אויף דער גאָלדענער סטעזשקע.

די פרעמדע קריטיק, וועלכע איז ניט אין גאַנצען אָביעקטיוו, כאָטש זי קומט אָפּט מיט דער ריכטיגער מאָס, טראָגט אָבער ארוים א פאַלשען אורטייל, ווייל זי נעהמט אָן דעם מיט —

בדרך אגב, בנוגע מעלות און חסרונות זיינען פאראן צוויי מיטען — פאר דעם עקסטרעם, און דערפאר טאדעלט זי. די טאדלונג וואלט געווען א גערעכטע, ווען דאס וואס זי נעהמט אן אלס פאקט וועגען אונז וואלט זיין אמת. זיי האבען אבער אפט א טעות, ניט אין דער אורטיילס־מאס, נאר אין איבער־געבען די פאקטען.

עד היום באטראכט די קריסטליכע וועלט די פרושים אלס דאגמאטיקער און ענגהערציגע מענשען, גראד דערפאר ווייל זיי זיינען געגאנגען אויף דער מיטעלער סטעזשקע און אויסגעמיטען דעם עקסטרעם, גראד דערפאר וואס זיי האבען אויסגעמידען די דאגמא. זיי זיינען אבער געווען אויף איהר גרענעץ, און די קריסטליכע וועלט האט דעם רינעם אונטערשייד ניט באמערקט און ערקלעהרט די פרושים אלס דאגמאטיקער. די פרושים זיינען אבער קיין דאגמאטיקער ניט געווען, ווייט ניט. אידישע דאגמאטיקער זיינען, צום ביישפיל, געווען די קאראאימען, וועלכע האבען טאקע קיין ערפאלג ניט געהאט, ווייל דאס אידישע פאלק איז זיך מרחק פון עקסטרעמען.

דאס דאזיגע דערווייטערען זיך פון עקסטרעמען פיהרט אפט צו טעות'ען אין דער אפשאצונג פון אונזערע מעלות מצד דער פרעמדער קריטיק.

אידען קומט, למשל, אפט אויס צו הערען די באשולדיגונג, אז זיי זיינען מאטעריאליסטען. וואונדערען זיך די אידען: סטייטש, אזא טעות! עס איז אבער פארשטענדליך פאר וואס דער טעות ווערט געמאכט, ווייל די אידען זיינען ניט מבטל די מאטעריע. אידען פארשטעהען די וויכטיגקייט פון מאטעריעלע מיטעל. מיט אנדערע ווערטער: אידען זיינען פראקטיש. דער אונטערשייד איז זעהר א דינער און אונזערע געגנער פארביימען עס לייכט.

עס איז קיין ספק ניט, אז די אידען זיינען שארף און שכל'דיג, אלענפאלס זעהר ווייט פון נאאיוו. דארויף זיינען מיר צופיל קולטורעל. אבער אונזערע געגנער ערקלעהרען אונז

פאַר שלוי און איבערגעשפּיצט. זיי זאָגען ניט אַז מיר זיינען נאַאיוו און „מיכעל״דיג. דאָס קענען זיי ניט. אָבער די צווייטע באַשולדיגונג לאָזט זיך מאַכען, ווייל מיר שטעהען אויף דער גרענעץ.

לעצטענס האָבען מיר געהאַט זעהר אַ כאַראַקטעריסטישען ביישפּיל, וועלכער וואַרפט פיל ליכט אָט אויף דער פון אונז באַהאַנדעלטער ערשיינונג. אין אַ ניו יאָרקער צייטונג, וועלכע איז באַקאַנט אַלס אַן אַנטיסעמיטישע, איז איינמאָל ערשינען אַן ארטיקעל אין וועלכען מען האָט די אידען באַשולדיגט אַלס צושטערונגס־עלעמענט. נאַטירליך, האָט די אידישע פּרעסע פּראָטעסטירט געגען דער באַשולדיגונג. האָט דאַרויף די צייטונג געענטפערט, אַז זי זעהט ניט איין: מה רעש? אידען זיינען אַ צושטערונגס־עלעמענט, אָבער אָפט איז דער עלעמענט זעהר וויכטיג, ווייל ווען מען וויל, למשל, צושפּליטערען אַ באַרג בדי צו שניידען אַ וועג, דאַרף מען האָבען דינאַמיט, דאָס הייסט, צושטערונגס־מאַטעריאַל.

נאָכדעם רעכענט זי אויס אַ ליסט פון מענשען, וועלכע זי באַטראַכט אַלס די צושטערער. און וועמען, מיינט איהר, דערמאָנט זי? לואיס ד. בראַנדייס, דר. פלעקסנער פון „ראַקעפעלער פאַונדיישאָן“, פּאָול וואַרבורג פון דער פעדעראַל רעזווירוו באָארד און דזשאָרדזש קריל (וועגען איהם האָבען מיר ניט געהערט אַז ער זאָל זיין אַ איד). איז דאָך די פראַגע: צו קען דען אימיצער די אַלע מענשען אָנרופען צושטערער? וואָלט אונז די צייטונג ניט אויסגעזאָגט צוליב וואָס זי האָט וועגען אונז אַזאַ מיינונג ארויסגעטראָגען, וואָלט אונז גאָר קיינמאָל אין קאָפּ ניט אריינגעקומען, אַז צוליב די מענשען וועט זי אונז דעם טיטול געבען.

די צייטונג האָט אָבער דאָ ניט ווילענדיג אויפגעדעקט אַ וויכטיגען אמת. זי האָט אונז געוויזען דעם סוד פון פילע פון די פאַלשע מיינונגען איבער אונז. דאָ טייטשט מען אויס אַ מעלה פאַר אַ חסרון, צוליב דעם וואָס די מעלה איז אויף דער

גרענעץ. וואָרום וואָס זיינען באמת די אויסגערעכענטע מענ־שען? זיי זיינען ניט קיין רעאַקציאָנערען, זיי זיינען אויך ניט קאָנסערוואַטיוו; זיי זיינען רעפאָרמער — דאָס הייסט, זיי זיינען אויפ'ן גרענעץ פון די צושטערער. די רעפאָרמער מוזען אויך עפּעס צושטערען, אָבער דאָס איז געמיינט לשם בויען. זיי פאַרדינען ניט דעם נאָמען צושטערער, ווייל די רעפאָרמע צילט דאָך אויסצומיידען די צושטערונג און די אַנאַרכיע. פאַר דעם קריטיקער איז עס אָבער צ.שטערונג, ווייל דער אונטערשייד איז אַזוי דעליקאַט, אַז ער דערזעהט איהם ניט, בפרט ווען ער איז ניט אינגאַנצען אָביעקטיוו.

די דאָזיגע באַשולדיגונג, וועלכע פאַרטרויט אונז אויך די טעמים פאַר איהר אורטייל, און גיט אונז דעם שליסעל צו איהר אורטייל, גיט אונז אויך דעם שליסעל צו פילע פון די פאַלשע מיינונגען, וואָס די פרעמדע וועלט האָט איבער אונז. עס איז קלאָר, די פאַלשע מיינונג קומט אָפט דערפון וואָס אונזער מעלה ווערט אויסגעטייטשט אַלס חסרון, מחמת די מעלה איז אָפט אַזוי נאָהענט צו דעם חסרון, מחמת די מעלה געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון דעם חסרון, און דאָס ניט שאַרפע אויג, אָדער דאָס פאַרכמורעטע אויג פאַרזעהט דעם אונטערשייד.

אונזער ביבעל

דער באריהמטער ענגלישער שריפטשטעלער ה. ג. וועלס איז לעצטענס ארויסגעקומען מיט א שפּאַגעל־נייער אידעע: ער איז אונצופרידען מיט אונזער וועלטעל, מיט די מענשען אויף איהר, מחמת ער קען ניט צוזעהן ווי זיי רייסען זיך צווישען זיך, שלאָגען זיך אין פארגיסען טייכען בלוט, טראכטען אוים אלערליי מאָרד־געצייג כדי צו קענען פארטיליגען וואָס מעהר מענשליכע באשעפענישען, שלאָגט ער דארום פאָר אלס תרופה, אָפּצואַווישען די גרעניצען פון לאנד צו לאנד, און צו שאפען אויף דעם פּלאַץ די פאראייניגטע שטאאטען פון דער וועלט. ער גלויבט, אז דאָס איז מעגליך. והאָ ראיה — טענה'ט ער — אמעריקא! אין אַמעריקא זיינען פארטראָטען כמעט אַלע פעלקער פון דער אלטער וועלט; פילע פון זיי האָבען אויף זייער אייגענעם באָדען צווישען זיך געפיהרט אייביגען קריג, בשעת אין אמעריקא אונטער איין דאך לעבען זיי בשלום, האָבען אָפּגעווישט די גרעניצען, אָפּגעשאפט אויך די עקאָנאָמישע גרעניצען, דעם טאריף, און פאראייניגט דורך די אַלגעמיינע מענשליכע אינטערעסען, זיינען די פארשיידענע פעלקערשאפטען געוואָרען באפריינדעט צווישען זיך, אָנשטאָט וואָס פילע פון זיי זיינען אין דער היים, אזוי צו זאָגען, געוועזען ביטערע שונאים.

וועלס פרעגט: ווארום קען מען ניט די דאָזיגע פאראייניגטע שטאאטען אויסברייטען אזוי אז זיי זאָלען איינשליסען די גאַנצע וועלט? ווארום קען סאן פראַנציסקאָ זיין א טייל פון דער פאראייניגונג און לאָנדאָן ניט? ווארום קען ניו יאָרק זיין א טייל פון דער גליקליכער פּאָליטישער קערפערשאפט און

טאָקיאָ ניט? טאָקיאָ איז נעהנטער צו סאַן פראַנציסקאָ ווי ניו יאָרק, און לאָנדאָן איז ניט ווייטער פון ניו יאָרק ווי סאַן פראַנ־ציסקאָ?

בקיצור, וועלס חלומ'ט דעם אַלטען חלום פון „והיה באחרית הימים", ווען אַלע פעלקער וועלען לעבען צווישען זיך ווי איין פאָלק. די גרויסע וועלט וועט זיין איין גרויסע פאַראייניגונג, מיט איין צענטער פון אויטאָריטעט, און ווער ווייס, אפשר וועט דער צענטער גאָר זיין ירושלים.

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס וועלס קומט אַרויס מיט אַ נייער אידעע, וואָס איז באמת ניט ניי. ניי אין דער אידעע פון פעלקער־פאַראייניגונג איז אפשר דאָס, וואָס ער גלויבט אַז עס איז שוין איצטער געקומען די צייט דערפאַר. ניי זיינען אפשר די ביישפּילען. די אידעע אַליין איז אָבער געוויס אַן אַלטע און גע־הערט אונז.

וועלס איז אַ שטיקעל שונא ישראל, און ווען ער קען פאַלט ער אויך אָן אויף דער ביבעל. ער זוכט דאָרט אַלץ פגימות און חסרונות. מיט אַלעם דעם שטעהט ער געוואַלדיג אונטער דעם איינפלוס פון אַט דער ביבעל, וועלכע האָט אויף איהם אין דער יוגענד געמאַכט אַ טיפען רושם, פון וועלכען ער קען זיך בשום אופן ניט באַפרייען.

בלא יודעים שעפּט ער פון איהרע קוועלען. אַלע מאָל קומט ער אַרויס מיט אַ אידעע, וועלכע שטאַמט דירעקט פון דער ביבעל. דער דאָזיגער פאַקט שטערט איהם דאָך ניט צו וואַרפען שטיי־נער אין דעם קוואַל, פון וועלכען ער טרינקט.

מיט אַ שטיקעל צייט צוריק איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ נייער רעליגיע, וואָס האָט געמאַכט אַ סענזאַציע. די נייע רע־ליגיע איז אָבער גאָר ניט געווען ניי. עס איז געווען דאָס אַלטע יודענטום, דער אַלט־באַקאַנטער גאָט פון ישראל, איידער אַ גע־וויסער איד שאול, וועלכער האָט נאָכדעם פאַרביטען זיין נאָמען אויף פאַול, האָט איהם גענומען רעפאָרמירען, כדי ער זאָל די גויים געפעלען.

ווען וועלס לעגט איצט פאָר די אידעע פון א וועלט־פאַר־איינינונג, שלאָגט ער זיך גלייך אָן אויף דער נויטיגקייט צו געבען אָט דער וועלט־פאַראייניגונג אַן אַלגעמיינעם אידעאַל, און ער קומט צום שלוס, אַז כּדי דאָס דורכצופיהרען איז נויטיג דער וועלט צו געבען א נייע ביבעל.

די אַלטע ביבעל, מיינט ער, איז שוין אַלט, און האָט פאַר־לאָרען איהר איינפלוס. און אויב מען וויל היינט דאַרום האָבען א אידעע, וועלכע זאָל די מענשען פאַראייניגען, מוז מען זיי געבען אַ נייע ביבעל. די אַלטע ביבעל האָט באוויזען, אַז פאַר־שיידענע פעלקער קענען זיך באַגייסטערען פאַר א געוויסען בוך הונדערטע יאָהרען, היינט וואַרום איצט אויך ניט מאַכען אַזאַ בוך אין איינקלאַנג מיט דעם מאָדערנעם גייסט? וועלס גלויבט אַז מען קען אַזאַ בוך שאַפען. איין מענש קען עס ניט טאָן, נאָר א מין כּנסת הגדולה באַשטעהענדיג פון די וויכטיגסטע מענשען פון אַלע פעלקער, קען דאָס בוך צוגרייטען.

בקיצור, וועלס קען זיך אַלץ ניט באפרייען פון אָט דער ביבעל, ווען אפילו ער וויל אויף איהר פּלאַץ שאַפען א נייע.

אינדירעקט זאָגט ער איהר דעם גרעסטען שבח, מחמת ער נעהמט זי אַלס דעם ביישפיל פון דער נייער. ווען ער פרעגט זיך: וואָס זאָל די נייע ביבעל ענטהאַלטען? קומט גלייך דער ענטפער: דאָס וואָס עס געפינט זיך אין דער אַלטער; זי איז דער נאָבעלער ביישפּיל. און ער מאַכט אַ שאַרפען אַנאַליז און באווייזט מיט וויפיל חכמה דאָס בוך איז צונויפגעשטעלט גע־וואָרען. עס איז, ווי די חכמים זאָגען: „הפוך בה והפוך בה, דכולא בה“.

דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט א באשרייבונג פון „בריאת העולם“, ווייל שטענדיג וועט דער מענש וועלען וויסען עפּעס פון דער וועלט־רעטעניש, שטענדיג וועט ער שטרעבען אויפצו־דעקען אויף ווי ווייט מעגליך דעם שלייער, וואָס פאַרדעקט דעם אָנהויב פון דער שעפונג.

וועלס דריקט בדרך אגב אויס זיין ערשטוינונג אויף די

הײנטיגע היסטאָריקער, וואָס זײ הויבען אָן די וועלט־געשיכטע פון מיטען. עס איז שוין דאָ א געזעלשאפט, א פאָלק אָדער פעלקער, און עס שפּינט זיך די געשיכטע. אין אמת'ן אָבער דארף זיך די געשיכטע אָנהויבען פון דעם אָנהויב, פון „בראשית", ווי עס הויבט זיך אָן אין דער ביבעל. וועלס האָט לעצטענס אָנגעשריבען א געשיכטע, וועלכע האָט ארויסגערופען גרויס אינ־טערעס און אויפזעהן, האָט ער טאַקע זײן געשיכטע אָנגעהויבען מיט דער קאָסמאָגאָניע. מיט אנדערע ווערטער, ער האָט אין דעם פּרט נאָכגעמאַכט די ביבעל, און ער גלויבט אליין, אז דאָס איז איינע פון די סבות וואָס זײן וועלט־געשיכטע האָט ערפאָלג.

וועלס וויל דארום אויך פאר זײן נייער ביבעל א „ספר בראשית", א טייל, וואָס וועט דערצעהלען לויט די לעצטע פאָר־שונגען, ווי אזוי אונזער וועלט איז געשאַפען געוואָרען, ווי אזוי זי איז געוואָרען דאָס וואָס זי איז היינט צו טאָג.

דער צווייטער טייל פון דער נייער ביבעל זאָל זײן געשיכ־טע. ווייטער דאָס זעלבע. פונקט ווי אין דער אַלטער ביבעל קומט נאָך דער קאָסמאגאָניע און נאָך די קאפּיטלאָך וועגען דעם פּרימיטיווען מענשען — אָדם הראשון — די געשיכטע פון דעם פאָלק ישראל, וועלכע דערצעהלט ווי אזוי עס איז געקומען אויף דער וועלט, וועלכע דערצעהלט דעם יחוס פון זיינע עלטערען, זיינע שווערע צייטען, זיינע וואַנדערונגען אין דעם מדבר, ביז עס איז באפרייט געוואָרען און איז צוריקגעקומען אין זײן לאַנד, — פונקט אזוי דארף אויך די נייע ביבעל אונז דער־צעהלען די געשיכטע ניט נאָר פון ישראל נאָר פון אַלע פעלקער. די נייע ביבעל דארף אונז געבען א „שמות" און א „במדבר". און פונקט ווי אין דער אַלטער ביבעל האָבען מיר געהאַט א קאָדעקס, א „ואלה המשפטים", א ספר „ויקרא", די „עשרת הדברות", און ניט נאָר דאָס נאָר אויך היגיענישע געזעצען, ווי דער מחוקק האָט זײ פאָרשטאַנען, די דינים פון כשר און טרפה, ווי אויך א רעגלאַמענט ווי דער מאַן זאָל לעבען מיט זײן פרוי — פונקט אזוי מוז די נייע ביבעל, ווען זי וויל ווירקען אויף די

מוחות פון די פעלקער און אויף זייער לעבענס־אויפפיהר, האָבען אין זיך אָט די אַלע אויסגערעכענטע זאַכען.

די אַלטע ביבעל מוז זיין דאָס מאָדעל פאַר דער נייער. דער חסרון איז, אַז אין די היינטיגע מאָדערנע צייטען לאָזען מיר די היגיענע צו די דאָקטוירים, און וועגען דעם אויפפיהר צווישען מאַן און פרוי האָבען מיר מורא צו רעדען פריי. עד היום טאָר וועגען דעם גאָר ניט דערמאָנט ווערען אין אונזערע שולען. די ביבעל איז אָבער אַנדערש צונויפגעשטעלט. זי וויל געבען דעם מענשען אַ ריכט־שנור, זי וויל איהם דינען אַלס אַ וועג־ווייזער, זי וויל איהם געבען אַ לעבענס־אידעאַל, און זי מאַכט עס מיט אַ פּלאַן. זי הויבט אָן מיט בריאת־העולם, שטעלט דעם מענשען אין צענטער, שענקט גרויס אויפמערקזאַמקייט דעם פאָלק, וואָס עס וויל מאַכען אַלס דעם טרעגער פון דעם אידעאַל, דערצעהלט מיט אַלע פּרטים זיין געשיכטע, און נאָכ־דעם באַגליקט זי די קינדער פון דעם פאָלק מיט די געזעצען, וועלכע זי באַצייכענט מיט די ווערטער „וחי בהם", געזעצען לויט וועלכע מען קען און מען דאַרף לעבען.

וועלס דענקט, אַז די נייע ביבעל קען נאָר דעמאָלט האָבען אַן ערפאָלג ווען זי וועט נאָכפאָלגען דעם ביישפּיל פון דער אַלטער.

די אַלטע ביבעל האָט אויך ליטעראַטור, ווי למשל, דאָס בוך „איוב" „רות", „שיר השירים" און „משלי". וועלס גלויבט דאַרום, אַז אויך די נייע ביבעל מוז אין זיך האָבען ליטעראַטור. און וועלס נעהמט זיך ווייזען וועלכע ליטעראַטור מען מוז און מען מעג איינשליסען.

די וועלט־ליטעראַטור איז אָבער גרויס, און נעהמען דאַרף מען פון אַלע פעלקער און פון אַלע צייטען. די ביבעל דאַרף אָבער ניט זיין צו גרויס. די אַלטע ביבעל באַשטעהט אין גאַנ־צען פון פיר און צוואַנציג קליינע ביכלאַך, און דאָס האָט מען אויך איינינגע פון זיי געוואָלט דן זיין „לגניזה". אַ גרויסע ביבעל וואָלט דאָס פאָלק ניט געקענט אויסלערנען און ניט גע־

שעצט אזוי שטארק. נים אלץ מעג מען איינשליסען אין א ביבעל, ווען אפילו עס איז גוטע ליטעראטור. מיר האבען דארום אויסער דער ביבעל ספרים חצונים, ווי דאס ספר „חכמת בן סירא” אדער „די חשמונאים”. וועלם שלאגט דארום אויך פאר די המצאה פון ספרים חצונים; נים נאר א נייע ביבעל זאלען מיר האבען נאר אויך ספרים חצונים.

די נייע ביבעל דארף אויך איינשליסען „וויזיאנען” — נבואה, הייסט עס. די נביאים פארנעהמען אין דער אלטער ביבעל א גרויס ארט, מחמת דער מענש וויל נים נאר וויסען פון וואנען ער קומט, נאר ער וויל אויך וויסען וואוהין ער געהט. די אלטע ביבעל האט זיך אין דעם פאל מיט דעם יחיד נים אפגעגעבען. זי האט נאר געשעצט דעם „אחרית הימים” פון די פעלקער און צווישען זיי דעם גאלדענעם קץ פון דעם אייגע־נעם פאלק. דער נייער טעסטאמענט האט שוין אויך גענומען פאראויסזאגען וועגען דעם סוף פון דעם יחיד, וועגען דעם גן־עדן, וואס איהם ערווארט, מיט באשרייבונגען וועגען דעם. וועלם מיינט, אז אויך די נייע ביבעל מוז האבען א ספר נבואה, פאראויסזאגונגען ווי אזוי די וועלט וועט זיך געשטאלטען און וואס עס ערווארט די פעלקער און די מענשען אויף דער וועלט, נבואות וואס ענטפערען אויף די פראגען: צו וואס שטרעבען מיר און וואוהין געהען מיר?

מיט דעם ספר וועט די נייע ביבעל זיין פאלקאמען. וועלס זאגט דער נייער ביבעל צו א גרויסע ווירקונג און אריכת ימים. מיר פון אונזער זייט זיינען אביסעל מסופק אין דעם, כאטש ווען ער וואלט עס נים רופען „ביבעל”, דאס בוך בה"א הידיעה, קען זיין אז עס וואלט נים זיין קרום ווען מיר וואלטען פאר דער וועלט צוגעגרייט א מין „בוך”, וואס ענטהאלט אין זיך די אלע אויסגערעכענטע זאכען.

קיין ביבעל קען מען אבער אויף באפעהל — טו אדער — נים מאכען. דערצו איז נויטיג רוח הנבואה. מען קען פון דער אלטער ביבעל אפלערנען איהר סדר, און זי אימיטירען: דאס

דאַרף זיין און דאָס דאַרף ניט זיין, אָבער מען קען ניט נאָכ־מאַכען איהר גייסט. די תמימות, דעם ערנסט, די פשטות, די ליידענשאַפט, דעם זין פאַר ווירקליכקייט און אמת, די געטליכ־קייט — דאָס קען מען ניט נאָכמאַכען און באַשטעלען. פרומע אידען גלויבען, אַז די תורה איז אונז געגעבען געוואָרען מן השמים. די אידישע לעגענדע דערצעהלט, אַז גאָט האָט זיך מיט דער תורה ארומגעטראָגען צו אַלע פעלקער און זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט זי אויפצונעהמען. אויפ'ן מאָדערנעם לשון וועט עס הייסען, אַז דער תנ"ך אונזערער איז געשריבען מיט רוח הקודש, און אַז ניט אַלע פעלקער זיינען זוכה צו שאַפען אַ תנ"ך, און ניט אַלע ווילען עס — עס קאָסט צו טייער.

דאָך ווען וועלס'ן ווילט זיך, זאָל ער מאַכען אַ נייע ביבעל. פאַר אונז איז די אַלטע גוט גענוג.

וואָס אונז אינטערעסירט אין דעם גאַנצען ענין איז דאָס יאָס אפילו וועלס, דער געגנער פון אונזער ביבעל, וועלכער ער־קלעהרט אַז אונזער ביבעל האָט פאַרלאָרען דעם איינפלוס, מוז דאָך ניט ווילענדיג אַנערקענען איהר וואונדערליכען געבוי, און מוז דאָך צוגעבען, אַז זיין ניי־פּראָיעקטירטע ביבעל קען נאָר דעמאָלט האָבען ערפאָלג ווען זי וועט געהן אויף דעם וועג פון דער אַלטער.

„בעל כרחם יענו אמן“.

בודהאַ

מעהר פון בודהאיזם געפעלט מיר בודהאַ אליין — זיין הויכע, שעהנע, פרייע נשמה. בודהאיזם האָט דעם מענשען בודהאַ ניט גרעסער געמאַכט, נאָר פאַרקעהרט, איהם איינגעצוימט אין גרענעצען. בודהאַ איז פריי ווי דער פויגעל אין פעלד, ווי דער ווינד, ווי דער פלאַם; בודהאיזם איז פאַרשריפטען, געזעצען און סיגים: „אַזוי און אַזוי האַנדלען, אַזוי און אַזוי זיך פיהרען"; כללים און באַגרענצונגען פאַר דעם מענשליכען גייסט, קייטען אויף זיינע פליגעל, בליי אויף זיינע פיס, דעקלאַך אויף זיינע אויגען, געגען וועלכע בודהאַ אליין האָט שווער געקעמפט.

בודהאַ איז דער מענש, וואָס רעכענט זיך ניט מיט די אָנגענומענע דאָגמעס און קאָנווענציעס, וואָס האָט ניט מורא פאַר טראַדיציע, פאַר יחוס, וואָס איז ניט נאָר אַ „מקצץ בנטיעות", וואָס ברעכט אָפּ דעם צווייג אין דעם לעבענס-גאָרטען, נאָר ער האָט ניט מורא אויסצואוואָרצלען בוימער מיט'ן שורש.

בודהאַ איז דער סימבאָל פון דעם אייביג-זוכענדען מענשליכען גייסט, וואָס וויל קיין זאַך ניט אָננעהמען פאַר אַ חוב, פאַר אַ מוז, ביז וואַנען ער נעהמט עס ניט דורך מיט זיין אייגענעם שכל, מיט זיינע אייגענע חושים, צו וועלכע ער האָט אויך ניט געגוג צוטרוי.

בודהאַ איז דער סימבאָל פון דעם מענשליכען שטרעבען נאָך אַבסאָלוטער פרייהייט, פון זיין פּראָטעסט געגען יעדער פאָרמע פון שקלאַפעריי צו זי קומט פון דרויסען אָדער פון אינווענינ. קייטען זיינען קייטען, צי עמיצער טוט זיי מיר אָן צי

איך טו זיי מיר אליין אָן. דער פּרינץ בודהאַ בונטעוועט זיך ניט נאָר געגען זיין אייגענער קרוין, אין וועלכער ער זעהט ניט מעהר ווי אַ שווערע לאַסט, געגען פאַמיליען־בונד, נאָר אויך געגען דעם „עטמאן“, געגען דעם „יצר־הרע“, געגען דער אייגען־ליבע, געגען די לוסט־אינסטינקטען, וועלכע אונטער דעם מאַנטעל פון תענוג טוען דאָך דעם מענשען אָן אין אַ צוואַנגס־יאַקע.

דעם מענשען דוכט זיך, אַז ער איז הערשער איבער זיין אייגען הויז, אַז ער יאָגט זיך נאָך די תענוגים, ווייל ער וויל אַזוי. לסוף איז ער איינגאַנצען אין טעות. ניט ער הערשט איבער זיינע תאוות, נאָר זיי הערשען איבער איהם. ער איז אַן עבד כנעני צו זיינע אייגענע תאוות. זיי האַלטען איבער איהם אַ ביימש, יאָגען איהם, און ער לויפט ווי אַ נאַריש פערדעל, און נאַרט זיך נאָך אָפּ, אַז דאָס פערד איז אימיצער אנדערש אָון ער איז דער קלוגער אָנטרייבער.

אין אונזער קבלה און חסידישער ליטעראַטור ווערט פיל דערצעהלט וועגען סמאל און לילית, וועלכע קומען און פאַרנאַרען דעם מענשען מיט זייערע כשוף־ און שמד־שטיק, — הויפּטזעכליך לילית.

„ניט זי זינגט, נאָר זי שפּרינגט; ניט זי רעדט, נאָר זי זינגט“. עס געהט איהר נאָך דער מאַן מיט גרויס פרייד און גלויבען. ער מיינט ער טוט וואָס ער וויל, לסוף ציהט עס איהם לילית אויף דעם שנירעל; זי ציהט איהם צום זומפּ, צו זיין אייגענעם אומגליק.

וואָרום ווען די נאַכט פאַרגעהט, און דער האָן גיט אַ קרעה פאַרשווינדט די לילית און ער געפינט זיך אין אַ זומפּ, אין אַ בלאָטע, מיט אַ בימערען טעם אין מויל, מיט אַ טשאַד אין קאָפּ, און מיט אַ פלאַגענדען געוויסען.

די קבלה און דער חסידיזם שפּעטער האָבען די תאוה פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי אַ שד׳יכע, אָדער אין אַ קליפּה. אָבער עס איז דאָך קלאָר, אַז די קליפּה איז ניט אין דרויסען פון דעם מענשען, נאָר לעבט אין איהם אינוועניג און

זי פֿאַרשקלאַפט איהם, מאַכט פֿון איהם אַ בער, מעשה־חוזק, שיקט איהם איבער בערג און טאָלען, דורך וועלדער און מדבריות, כדי צו דערפילען זיין תאוה, זיין באַגעהר. דער מענש מיינט אַז ער טוט עס מיט זיין פֿרייען ווילען, לסוף איז ער בלויז דאָס שיק־אינגעל פֿון זיין תאוה־אינסטינקט, פֿון זיין „עטמאַן“.

* * *

בודהאַ — ליכט און חכמה. די הינדוסען גלויבען, אַז דער בודהא, וועלכער איז באַקאַנט דער וועלט, ווען אַ דריטעל פֿון דער מענשהייט פֿאַרגעטערען און לעבען כלומרשט לויט זיינע פֿאַרשריפטען, איז ניט געווען דער ערשטער; אַז פֿאַר איהם האָבען געלעבט אַנדערע בודהאַ׳ס, מחמת די חכמה גופא, וועלכע דער מענש דאַרף אַזוי נויטיג, זוכט די מעגליכקייט זיך צו באַ־ווייזען פֿאַר דער מענשהייט, און זי קלייבט שטענדיג אויס אַ מענשען דורך וועמען זי ווערט נתגלה.

בודהאַ איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער חכמה, איז דאָס אָפֿענע קלאָרע אויג פֿון דער מענשהייט, מיט וועלכען ער זעהט ניט נאָר וואָס איז אַרום איהם, נאָר אויך וואָס איז אין איהם, וואָס קען דורכדרינגען די טיפֿעניש פֿון דער אייגענער נשמה, דעם „ממעמקים“. בודהאַ איז דער פֿרייער גייסט, וואָס רייסט זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם „חומר העכור“, פֿון דעם גוף, וועלכער וועגט ווי אַ שווערע משא אויף דעם מענשען. דער גייסט איז פֿאַרשקלאַפּט ביים גוף, און דער גייסט ליידט צוליב דעם גוף. דער גייסט איז אַ טייל פֿון גאָט, איז אויסגעהאַקט געוואָרען פֿון דעם „כסא הכבוד“ און גאָט איז אין גלות ביי אַ בשר ודם, בעת דאַרפֿען וואָלט געדאַרפֿט זיין פֿאַרקעהרט, — דער טייל גאָט, וואָס מאַכט דעם גוף לעבעדיג, וואָס הויבט איהם אויף פֿון דעם שטויב פֿון דער ערד ביז צו די שטערען אין די הויכע הימלען, דער טייל וואָלט געדאַרפֿט געוועלטיגען איבער דעם גורל און די מעשים פֿון דעם מענשען. די שטערען וואַלגערען זיך אין שטויב, די נשמה באָדט זיך אין קויט, דער גייסט איז געפּענטעט.

בודהאַ איז דער גרעסטער פּראָטעסט געגען דעם פֿאַרקעהר־

טען סדר־העולם, און ער קומט אויף דער וועלט דעם מענשען צו רעטען פון די הענד פון דעם „עטמאַן", פון זיין צושטערער וואָס לעבט אין איהם.

שטענדיג באַווייזען זיך בודהאַ'ס, און דער בודהאַ, וועמען מיר קענען, איז אויך ניט געווען דער לעצטער.

עס באַווייזט זיך אין יעדען דור כאָטש איין בודהאַ, וואָס איז דער וועלט'ס עמוד האש, אַ פאַרשענדער גייסט, וואָס זוכט דעם מענשען צו באַפרייען, וואָס זוכט צו ענטפערען אויף דער רעטעניש פון לעבען און טויט, וואָס זוכט . . . כאָטש עס איז אַ גרויסער ספק צו מען האָט ביז איצט די פרייהייט געפונען, צו מען האָט אַ פתרון אויף דער רעטעניש געפונען. אפשר זיינען מיר אויף דעם וועג, אפשר מיט אַ פּאָר שריט נעהנטער צו דער פרייהייט, צו דעם ענטפער, אָבער דער ספק בלייבט דערווייל אַ ספק, און די פראַגע אַ פראַגע:

„וואָרום איז די וועלט פול מיט נויט, בראָך, טרויער און יסורים, קלאָג און פלאָג?"

שעהן איז אָבער דאָס זוכען, הייליג איז דאָס פרעגען און פאָרשען.

* * *

ליגט אויף מיין טיש דאָס קליינע ביכעל „תורת בודהאַ" אין דער מייסטער־איבערזעצונג פון געציל זעליקוביץ, און איך בלעטער. די פיר־קאַנטיגע אותיות זיינען ווי צוגעפּאַסט צו די ווערטער; ניט אַנדערש, אַז בודהאַ אַליין האָט זיינע קלוגע פראַזען און שעהנע, פרייע און באַפרייענדע ווערטער אין אונזער הייליגער שפּראַך, לשון הקודש, אַרויסגעזאָגט. עס איז פאַראַן אַ כשוף־ריטם אין די שורות; דער ריח פון אָריענט, די שעהנע ריחות פון די פאַרשיידענע בלומען וואָס וואַקסען אין אינדיע שמעקען פון זיי אַרויס. עס הערט זיך אין די ווערטער „די קלאַנגען פון פערעל אויף גינגאָלדענע סטרונעס". זעליקוביץ קען שטאָלץ זיין אויף זיין איבערזעצונג. עס איז ניט קיין איבערזעצונג, נאָר אַ נייע יצירה. עס איז אין דעם ווערקעל

פאַראַן אַטמאָספערע. עס איז דאָרט פאַראַן מעהר ווי עס שטעהט געשריבען; עס איז פאַראַן עפּעס צווישען די שורות.

איך בלעטער דאָס ביכעל, לייען און לייען און האָב גרויס הנאה, קען די אויגען ניט אָפּרייסען פון די ליכטיגע, זאַנפטיגע אותיות, און דאָך ווען איך פרעג זיך: וואָס האָט מיר, דעם אידען, וואָס האָט זיך ערצויגען אויף דעם תנ"ך, די תורת-בודהאַ געגעבען? האָב איך דאָרט עפּעס נייעס געהערט — אַ נייעם שאָרך, אַ נייע פראַגע, אַ נייעם רמז? מוז איך ענטפערען: ניין!

אין פאַרגלייך מיט איוב, משלי און תהלים איז די „תורת-בודהאַ" אַ קינדער-שפּיל. איוב האָט מעהר פּראָטעסט געגען אַן אונגערעכטער וועלט און מעהר גלויבען אין דער אייביגער גערעכטיגקייט; תהילים האָט ברייטערע האָריזאָנטען, זעהט מעהר די נפלאות הבורא, זעהט אויך גאָט'ס ברייטע אָפענע האַנד, דערקענט אויך טיפער די וועלט-נשמה, וועלכע קלאַפּט אין יעדען גרעזעל און אין יעדען בלעטעל, אין יעדען שטיינדעל און זאַמד-ריטקעלע; און משלי פאַרמאָגט פיל מעהר לעבענס-חכמה, פיל מעהר פּראַקטישען פאַרשטאַנד און ליכטיגען אָפּטימיזם ווי איך געפין אין דער תורת-בודהאַ.

בודהאַ קריצט אויס אין זיינע לוחות אַכט געבאָט, און כל זמן זיי לאָזען זיך איבערגעבען אין העברעאיש זיינען זיי פאַר מיר גאָרניט נײַ. זיי ריהרען אָן די צאַרטסטע סטרונע פון מיין האַרצען, ווייל זיי זיינען פון מיין יוגענד אָן געוועזען מיינע לע-בענס-באַגלייטער. מיט זיי בין איך אויפגעוואַקסען. יעדעס וואָרט רופט אַרויס אין מיין זכרון אַ וואַלד מיט איבערלעבונגען. איך הער דעם בת-קול, איך זעה דעם באַרג סיני, דעם משכן און בית-המקדש, די ענני-הכבוד און די הייליגע געשטאַלטען פון די נביאים און משוררים. אמונה, חסד, צדקה, רחמנות, טהרה, קדושה — צו איז דען פאַראַן אַן אַנדער שפּראַך אין דער גאַנצער וועלט, אין וועלכער אַט די אויסגערעכענטע ווערטער זאָלען אַזוי פיל רעדען צו דער נשמה, צו אַלץ וואָס איז עדעל אין מענשען

ווי אַט די ווערטער אין אונזער שפּראַך? זיי זיינען נשמה־ליכט, וואָס ברענען אייביג אין רויזען־פלאַם.

איך געפין דאָרט אייניגע פאַרדאַמונגס־ווערטער געגען נקמה, געגען שנאה. פאַר מיר איז די פאַרדאַמונג איבעריג. זיי זיי־נען צוויי העסליכע ווערטער — גרינגע, שיפּענדע שלאַנגען, פאַר־שאָלטענע דערנער, די בייזע אויגען פון מלאך המות. עס איז גענוג זיי צו דערמאָנען, אז מען זאָל דערפּיהלען א ווידער־געפיהל צו זיי.

דער פינאַל פון די אכט געבאָטען זיינען דערפאַר אָבער צוויי סאַנסקריטישע ווערטער, וועלכע זיינען דער פונדאַמענט פון בודהא'ס גאַנצער תורה, וואָס לאָזען זיך ניט איבערזעצען אין העברעאיש און לאָזען מיך קאַלט נאָכדעם ווי מען פאַרטייטשט זיי. איך מיין די ווערטער: סאַמסאַרא און נירוואַנא.

נירוואַנא איז, זאָגט מען אונז, דאָס ניט־זיין די איי־ביגע רוה, און זי איז בעסער און העכער ווי סאַמסאַרא. אָבער ווי אזוי דערגרייכט מען די נירוואַנא? סאַמסאַרא איז א שטורמדיגער ים — אזוי איז דאָס לעבען. נירוואַנא איז דער רוהיגער האפען. אָבער ווי אזוי קומט מען צום רוהיגען האפען אָהן יסורים, אָהן ריסען און וואונדען אין דער נשמה? צו מוז מען דען ניט אָט די געלויבטע רוה דערגרייכען אויף די קברים פון די אייגענע לעבעדיגע צאַפּלענדיגע אינסטינקטען? און נאָכדעם, ווען מען קומט שוין, נאָך א גלגול מחילות, צו די אויסגעבעטע פוכאָווע נירוואַנא־קישענס, — צו וועט דען אָט די זיסע צערט־ליכקייט, א לעבען אָהן שפּיציגקייט, אָהן בערג און אָהן טאָלען, די שטענדיגע מאָנאָטאָנע ציהענדע שטילקייט דעם מענשען ניט שטי־קען, און צו וועט זיך איהם ניט פאַרבענקען נאָך דעם שטורם?

סאַמסאַרא, נירוואַנא —ביידע ווערטער לאָזען מיך קאַלט. עס פעהלט אין זיי דער הויך פון א לעבעדיגען גאָט; עס פעהלט דאָס אויג, וואָס קוקט מיט רחמים אויף דעם מענשען, וואָס פיהרט איהם אין די ריכטיגע וועגען, וואָס שטראָפט איהם מיט

ליבע ווי א פֿאָטער א קינד; עס פֿעהלט דער הייסער, דער טיפֿער גלויבען, וועלכער דריקט זיך אוים אין דעם פסוק:

„גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי”.

עס איז דאָ רויזען־ריחות, גלעקער־קלאַנג, קריסטאל וואסער, פֿליגעל־פֿלאַטער, בלייכע בענקעניש, אָבער עס פֿעהלט דאָס קאָכיגע, דאָס שוימענדע מענשליכע בלוט, דער האַמער־קלאַפּ פֿון א פֿולער מענשליכער ברוסט, דער גליהענדער פֿארברענענדער בליק פֿון דעם יונגלינג'ס אויג; עס איז פֿון יענער זייט פֿון גוט און שלעכט, און — דער מענש, כל זמן ער לעבט, וויל ער זיין אויף דער זייט.

געלד

געלד איז זעהר נאָהענט אין קלאַנג, צו גאָלד, און עס איז ניט שווער דארום צו פארשטעהן זיין יחוס'דיגען אָפּשטאַם. געלד שטאַמט פון גאָלד. אָבער דאָך איז געלד חשוב'ער אפילו פון גאָלד. פאַר געלד קויפט מען אפילו גאָלד. דער מיוחס ווערט פארקויפט אין מארק ווי יעדער אנדער ארטיקעל, און קויפען קויפט מען איהם פאַר געלד. אויב אזוי, וואָס זשע איז געלד? פון וואַנען נעהמט זיך זיין כח? „געלד איז די וועלט". אמת, און דאָך ניט אינגאַנצען. ווען מען פארגלייכט דאָס געלד צו דער וועלט, נעהמט דער פארגלייכער, ניכר, עס אָן פאַר א געוויסהייט, פאַר א „ודאי", אַז די וועלט איז גוט. איז דאָך טאַקע פאַראַן אַן אַנדער אידיש ווערטעל: „עס איז איהם גוט ווי די וועלט". דאָס איז אָבער צו אַן אָפּטימיסטישער בליק. די וועלט איז גוט, אָבער ניט פאַר יעדען. דער העברעער זאָגט „עני חשוב כמת", אַן אָרימאַן איז געגליכען צו א מת, און דער איד זאָגט: „אַן אָרימאַן שלאָפט אין דער פינסטער". די וועלט איז בכן ניט פאַר יעדען גוט. די וועלט איז גוט פאַר דעם רייכען. „מיט געלד קויפט מען זיך די וועלט און יענע"; „ווער עס האָט געלד דער קנאַקט מיט דער בייטש". געלד איז בכן מעהר פון דער וועלט. וואָס זשע איז אזוינס געלד? וואָס פאַר א כשוף שטעקט דערין?

ווען איך בין נאָך א קינד געוועזן האָב איך זיך די פראַגע געשטעלט: וואָס איז געלד? איך האָב געפרעגט מיינע עלטערען, און זיי האָבען מיר קיין ריכטיגע ערקלעהרונג ניט געגעבען.

— וואָס הייסט וואָס איז געלד? וואָס פרעגסטו פאַר א

ווילדע קשיות? געלד איז געלד, געלד איז אַלץ, מיט געלד קען מען אַלץ מאַכען, ווען מען האָט געלד איז מען קלוג — אַזוי האָט מיר מיין פאָטער געענטפערט. איך קען ניט זאָגען, אַז דער ענטפער האָט מיך באַפרידיגט.

אַז געלד האָט אַ גרויסען כח, האָב איך שוין אַליין געוואוסט, קליין ווי איך בין געוועזן. דער רבי האָט ניט איין מאָל גע־בעטען שכר למוד פריהער פאַר דער צייט. אַ קבצן, נעביך, געוועזן. פלעגט ער מיר זאָגען: אברהמ'ל, זאָג דער מוהמען, אויב זי קען זאָל זי מיר איצט צושיקען אַ פּאָר קערבלאַך. זאָג איהר, דער רבי בעט, דער רבי דאַרף. דער ווינטער קומט, און איך האָב ניט אַ שטיקעל האָלץ אויף אַ רפואה. פאַרגעס ניט, אברהמ'על.

פלעג איך אהיים געהן און בעטען די מוהמען, וועלכע האָט אימער געהאַט געלד און געקענט געבען די פּאָר קערבלאַך אפילו פאַר דער צייט, אויב דער רבי דאַרף. עס איז דאָך אַ מצוה אויך. די מוהמע פלעגט זיך צוערשט אביסעל קווינקלען: סטייטש, איך האָב איהם דאָך באַצאָהלט וואָס איהם קומט, פאַרוואָס זאָל איך געבען פאַראויס? און האָט דאָך גענעבען. זי האָט מיין רחמנות־פּנים ניט געקענט צוזעהן. איז ווען איך פלעג ברענגען די פּאָר קערבלאַך, פלעגט דער רבי פּשוט ניט וויסען וואָס צו טאָן מיט מיר פאַר שמחה און דאַנקבאַרקייט. ער פלעגט מיר געבען אַ קניפּ אין בעקעל און אריינרופען די רבי'צין: חיה, קום נאָר אריין. ער האָט געבראַכט. אברהמ'על האָט געבראַכט. נאַ געה שוין אין מאַרק און האַנדעל איין מציאות. די רביצין האָט אויף מיר אויך געקוקט מיט וואַרימע אויגען. איך בין איהר די מינוט זעהר ליב געוועזן. ווען זי וואָלט מעגען, וואָלט זי מיר אויך גענעבען אַ קניפּ אין בעקעל און אפשר גאָר אַ קוש. אָרימע רביצין, זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און זי האָט מיך שטענדיג מקרב געוועזן, ארויסגע־וויזען ליבעס־געפיהלען.

האָב איך שוין אַליין געזעהן וואָס געלד הייסט. געלד קען

אפילו ווייך און ליב מאַכען דאָס הארץ פון אַ רבי'ן, כאָטש אַז דער רבי איז גראָד געווען אַ בייזער, האָט זיינע אייגענע קינדער פון דער ערשטער ווייב געשלאָגען מיט אַ רימען. געלד קען אריינברענגען שמחה אין אַ הויז וואו שמחה איז אַ זעלטענהייט. געלד איז אַ גרויסער כח. אָבער וואו שטעקט דער כח?

אין תנ"ך האָב איך צוגעקראָגען אַ ניי וואָרט פאַר געלד, וואָס האָט מיך נאָך מעהר צומישט: „כסף". דאָס וואָרט מיינט אַמאָל זילבער: „כלי כסף וכלי זהב", זילבערנע כלים און גיל־דענע כלים, און אַמאָל איז גאָר כסף — געלד. ווען איז עס זילבער און ווען איז עס געלד? עס איז דאָ זילבערנע געלד: אַ גריוונע, אַ פערציגער א. ד. גל., אָבער זילבער איז דאָך נים קיין געלד. דער פעטער האָט געקויפט אַ זילבערן הדס'ל פאַר געלד. געלד איז מעהר ווי זילבער. עס איז אויך פאַראַן פאַ־פירען געלד. דאָס גרעסטע געלד איז דוקא פאַפיר. מיט דעם פאַפיר קען מען קויפען אי זילבער אי גאָלד. שעהנע פאַפירלאַך אפילו, דאָס מוז מען צוגעבען. איך וואָלט אליין וועלען האָבען אַ פאָר, גלאַט אזוי צו שפּילען זיך. אזא קנאַקעדיג פאַפיר. און די „מאַליע" איז אויך אַ שעהנע. היינט פאַרמאָגט עס וואַ־סערדיגע אותיות, וואָס מען קען זעהן נאָר דורך דער ליכט. אָבער ווארום זאָל דאָס פאַפיר קענען אַלץ אין דער וועלט קויפען?

שפּעטער, ווען איך האָב געלערענט גמרא, האָב איך באַ־קומען נייע ווערטער פאַר געלד, וואָס איך האָב שוין נים גע־וואוסט פון וואַנען זיי שטאַמען. ממון — געלד, מעות — געלד. וואָס איז געוואָרען מיט דעם וואָרט כסף? ווארום האָט מען דאָס וואָרט פאַרביטען? אין חומש האָב איך זיך אָנגעשלאָגען אין אַ וואָרט: „קשיטה", וואָס דער רבי האָט פאַרטייטשט: אַ זעקסערעל. מיר איז זעהר געפעלען דאָס וואָרט. עס האָט מיר געקלונגען ווי טערקיש. איך האָב קיין טערקיש חלילה נים געקענט, אויסער וואָס איך האָב געוואוסט, אז די טערקען האָבען ביי אונז אין שטאָדט איבערגעלאָזט אַ באַשטאַ (אזא מין טורעם),

אין וועלכען עס וואוינען שדים און טוען אַפּ אַלערליי פּאָקוסען און פיהרען אויף אַלערליי שפּיצלאַך. איין מאָל האָבען זיי אונ־טערגעצונדען דאָס אייז. מעשה שהיה כך היה: אין דער באַש־טאַ פלעגט מען זומער האַלטען אייז, ווייל עס איז געווען אַ קיהל פּלאַץ. ויהי היום, קומט אמאָל אַהין אריין דער מאַן, וואָס האָט דאָרט אָנגעשלאָגען דאָס אייז און גיט אַ קוק — דאָס אייז ברענט. דאָס האָט געטראָפען אין דער באַשטאַ. מען האָט אויך געזאָגט, אַז די טערקען, ווען זיי זיינען אנטלאָפען פון דער שטאָדט, האָבען דאָרט אין דער באַשטאַ באַגראָבען אַ סך געלד, גאָלדענע רענדלאַך. ווען מען זאָל גראָבען, וואָלט מען געפונען, נאָר מען האָט מורא צו גראָבען, מען וויל מיט די שדים ניט אָנהויבען. אפנים אַז די שדים האָבען אויך ליב געלד. גאָל־דענע רענדלאַך. נאָר קיין רענדעל האָב איך ניט געזעהן, אָבער אויך ניט קיין זעקסערעל, קיין קשיטה. מעגליך, אַז די טערקען האָבען אין דער באַשטאַ באַהאַלטען אויך קשיטה׳ס, וועלכע איך וואָלט אַ בעלן געווען זעהן.

די רענדלאַך און די קשיטה׳ס מוזען זיין זעהר שעהן, און עס וואָלט געווען זעהר גוט מיט זיי זיך צו שפּילען. מיין פעטער האָט מיר אמאָל דערצעהלט, אַז דער ש״ך, אַ שאַרפער קאָפּ און בעל מח, אַ חריף עוקר הרים, ווען ער פלעגט לערנען, פלעגט פאַר איהם אויף זיין טיש שטעהן אַ שיסעל מיט רענדלאַך און ער פלעגט זיך מיט זיי שפּילען און לערנען. דער קאָפּ זיינער איז געווען צו שאַרף און וואָלט געקענט אוועקפליהען אין די עולמות, און קיינער וואָלט דעמאָלט ניט געוואוסט וואָס ער זאָגט, אָבער די רענדלאַך האָבען איהם באַרוהיגט, און זיין קאָפּ האָט געאַרבייט געלאַסענער.

אַ שיסעל מיט רענדלאַך. איך וואָלט אליין אויך וועלען האָבען אַזאַ שיסעל מיט רענדלאַך זיך צו קענען שפּילען מיט זיי ביים לערנען, און אויך נאָך דעם לערנען. געלד איז אָבער ניט קיין שפּיל, נאָר אַ גאַנץ ערנסטע זאַך. דאָס האָב איך געזעהן אויף שריט און טריט. אָרימע לייט קומען בעטען נדבות און

מען גיט זיי א גראָשען, און — זיי ווינשען פּרנסה און עולם־הבא פאר א גראָשען, און זיי ווינשען אויך ווען מען גיט זיי א דענישקע. און ווען איך וויל נעהם איך פינף קאָפּיקעס און געה אריין און קויף זיך א גלאָז סעלצער־וואסער מיט דעם בעסטען סאָק און פארבייס מיט א שטיקעל שטרודעל. איך קען מיר דאָס פארגינען. מיר האָבען געלד. די אָרימע לייט האָבען ניט, און זיי בעטלען. עס איז גוט צו האָבען געלד. אָבער וואָס איז עס פּאָרט?

ווען איך בין אביסעל עלטער געוואָרען, האָב איך זיך באַקאַנט מיט א געוויסען משכיל, וועלכער פלעגט אריינקוקען, האָט מען געזאָגט, אין דעם מורה נבוכים, און האָט אויך געלערענט אנדערע ספרי־מחקר. עס איז א סברא געווען, אז ער האָט אויך געלערענט רוסישע ביכער, כאָטש רעדען רוסיש האָט ער ניט געקענט. האָב איך ביי איהם געפרעגט: וואָס איז געלד? כסף, ממון, מעות — אזוי פיל ווערטער פאר געלד, אָבער וואַרום זאָלען פּאַפּירלאַך קויפען אלץ? האָט דער משכיל זיך פארטראכט — בדרך אגב, דער משכיל איז געווען א שטיקעל פראָצענטניק — און מיר געענטפערט: געלד איז א הסכמה־זאַך. מענשען האָבען צווישען זיך מסכים געווען, אז זילבער איז געלד, און גאָלד איז געלד, און שפּעטער האָבען זיי אָנגעהויבען נעהמען דאָס פּאַפּיר פון דער רעגירונג פאר געלד. געלד אליין איז גאָרניט, נאָר די מענשליכע הסכמה איז אלץ.

איך קען ניט זאָגען, אז איך האָב זיך מיט דעם ענטפער באפרידיגט. די מענשען האָבען געגעבען א הסכמה אויף געלד, און — דאָס געלד רעגירט מיט דעם מענשען. עס איז משונה.

האָב איך שפּעטער די זעלבע פראַגע געשטעלט דעם מקובל פון שטאָדט, א איד מיט א לאַנגער גרויער באָרד, וואָס פלעגט אויפשטעהן האלבע נאַכט לערנען זוהר און אנדערע קבלה־ספרים. די שטאָדט האָט אויף איהם געקוקט מיט גרויס אימה, האָט זיך מיט איהם אין קיין לאַנגע שהיות פונדעסטוועגען ניט אריינגעלאָזען. די שטאָדט האָט געהאָט פאַראיבעל ווארום ער

האָט זיך גענומען צו קבלה, צו וואָס ניט יעדערער איז זוכה; עס איז ווי זיך שפּילען מיט פייער, אמאָל ווערט מען נאָר אליין פארברענט, אָבער אמאָל מאַכט עס חרוב אַ גאנצע שטאָדט.

איך האָב דעם מקובל דערצעהלט, אַז דער משכיל האָט געזאָגט, אַז געלד איז אַ הסכמה־זאַך, האָט דער מקובל אָנגעכמורעט די ברעמען: „פון אַלץ מאַכען זיי חולין. דעם גרעסטען סוד מאַכען זיי צו גאָרניט, די ליטוואַקעס. געלד איז אַ לעבעדיגע זאַך. געלד האָט אַ קול (ממון בגמטריא קול —ביידע באַטרעפען 136). געלד האָט אַ נשמה. אמאָל איז די נשמה אַ ריינע, אַ הייליגע, און אמאָל אַ זינדיגע. די זינדיגע בעט אָפט אַ תיקון. אָבער נשמה אליין קען אויך זיין נשמה מיט אַ פּת״ח אונטער דער שין, וואָס מיינט נאָר ווייסט. געלד איז אַ גרויסע מדרגה. דער מענש האָט עס אליין געמוזט ארויסברענגען. דער כביכול האָט געמוזט די ערשטע צוועגגע באשאפען, ווייל ער האָט קיין געלד ניט באשאפען. ווען ער וואָלט געווען געלד באשאפען, וואָלט ער קיין צווענגע ניט געווען געדארפט באַשאפען; מען וואָלט זי געווען געקענט קויפען פאר געלד. געלד קען דינען דעם יצר־הרע און דעם יצר־טוב. אזוי ווי געלד האָט דער מענש באשאפען, האָט עס אין זיך צופיל יצר־הרע, און דאָס מוז דער מענש גובר זיין, און . . . עס איז אַ גרויסער סוד״.

געלד האָט אַ נשמה, און עס איז אַ גרויסער סוד — אזוי האָט געזאָגט דער מקובל.

זייט דעמאָלט זיינען שוין אוועק פיל יאָהרען. דער מקובל איז שוין זייט לאַנג אויף יענער וועלט, און איך האָב אין דער צייט געזוכט אין די עקאָנאָמישע ספרים אַן ערקלעהרונג אויף געלד, אויף זיין מהות, און איך מוז זאָגען, אַז נאָך אַלע ערקלעהרונגען — אפשר איז עס מיין שולד, אפשר איז מיין קאָפּ צו קליין — ווייס איך אַלץ ניט דעם סוד פון געלד.

איך זעה איין, אַז דער מקובל איז געווען גערעכט — געלד האָט אַ נשמה, איז אַליין אַ שטיק נשמה, די נשמה. טויזענדע

זאַכען זיינען פּגרים מתים; קומט געלד און בלאָזט אין זיי אריין א נשמה; טויטע נעהמען זיך באוועגען דורך געלד.

ניט אומזיסט האָט דער העברעער שפּעטער אַ נאָמען געגעבען געלד „דמים״. בלוט איז געלד, און בלוט איז די נשמה (הדם הוא הנפש). געלד האָט אין זיך אַ מיסטישען כח, וועלכען אפילו די באָלשעוויקעס האָבען ניט געקענט מנצח זיין. דעם צאַר, וועלכער האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף דער וועלט, האָבען זיי לייכט ארונטערגעוואָרפען. זיי האָבען אַ שלאָס אויפגעהאַנגען אויף דעם מויל פון הונדערט און זעכציג מיליאָן מענשען, אָבער די נשמה פון געלד האָבען זיי ניט געקענט מנצח זיין. זיי בויגען זיך פאַר געלד. זיי שטעהען מיט דעם היטעל אין דער האַנד און בעטען, געלד זאָל קומען זיך זעצען אויף דעם טהראָן: „דאָס לאַנד איז ברייט, קום און רעגיר!" בעטען זיך די באָלשעוויקעס ביי קעניג ממון (מאַמאָן). וואו זשע פאַרט שטעקט דער כח פון געלד?

לעצטענס איז די פראַגע געוואָרען אזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז מען קען שוין גאָרניט ארויסקריכען. געלד איז אליין געוואָרען אַ סחורה, און עס געהט ארויף און געהט ארונטער. די פּרעס דרוקט פּאַפּיר און מען נעהמט — מיליאַרדען, ביליאַרדען גאַנצע. דאָס געלד האָט גאָרניט די ווערט, און עס האָט דאָך אַ ווערט. עס ווערען געגעבען אַלערליי ערקלעהרונגען און עקאָנאָמיסטען ריידען מיט אַ ברייטקייט גלייך ווי זיי פאַרשטעהען, און מענשען לייענען און זיי שעהמען זיך אויסזאָגען אַז זיי פאַרשטעהען ניט. אָבער דער אמת איז, אַז דער מקובל איז געווען גערעכט. געלד איז אַ מיסטישער ענין, אַ סוד וואָס מען פאַרשטעהט ניט. וואָס מען ווייס יאָ איז, אַז געלד האָט אַ נשמה און אַז געלד רעגירט די וועלט.

מיין מקובל וואָלט געווים געזאָגט, אַז קעניג געלד האָט אַ שר אין הימעל, וואָס הייסט הָכליכוליאל.

„דער „זוהר"

איך האָב פון מיין שאַפע דעם זוהר ארונטערגענומען און האָב אין איהם געבלעטערט.

דער זוהר איז מיר געבליבען אַ ירושה פון מיין פאָטער, און ער האָט איהם גע'ירש'ענט פון זיין פאָטער, פון מיין זיידען הייסט עס, — אַ גאָטספאָרכטיגער איד, וועלכער האָט צוליב זיין גרויס פרומקייט באַקומען דעם צונאָמען „גאָט". „אברהם שמואל גאָט" האָבען איהם אַלע גערופען. ער איז געווען אַ גרויסער חסיד, האָט געשטאַמט פון גרויס יחוס, זיך אָנגעקעהרט מיט שמשון רפאל פון פילינוהע, און האָט געלערענט „זוהר".

זוהר — לויטערקייט. די בלעטער זיינען בלויע און דיקע, די אותיות זיינען בולט און דערמאָנען אָן אָדערען, וואָס שניידען זיך ביי פילע מענשען אויף די הענד; דערמאָנען מיך אָן די אָדערען פון מיין פאָטער'ס הענד, אין וועלכע עס האָט געפלאָסען בלוט, ווארים בלוט... און עס איז שוין מעהר ניטאָ.

איך בלעטער דעם זוהר. די ווערטער קוקען אויף מיר היימיש. אָט איז אַ בלאַט איינגאַנצען מיט אותיות באַפינטעלט, געדיכט־געדיכט, בלויז איין אָפּזאַץ אויף דעם גאַנצען בלאַט. ארום — דער גליון, וועלכער איז ביים ברעג אויסגעריבען. איך וויים ניט ווארום, נאָר מיר דוכט זיך: אַ פעלד פון רעטשקע, און אָט איז דער וועג, וואָס ציהט זיך אַוועק ווייט־ווייט און באַגעגענט זיך ערגעץ־וואו מיט'ן הימעל און גיסט זיך מיט איהם צונויף. ערגעץ האָב איך אַזאַ לאַנדשאַפט געזעהן — ביי מיר אין קליינעם שטעדטעל. פעלדער מיט רעטשקע — פרעמדע פעלדער, נאָר אויף דעם יונגען הארצען איז געווען אַזוי גרינג.

זונען־פעדים האָבען זיך דאָרט געשפּונען, און איך האָב פון די פעדים אויף מיין וועב־שטוהל רייצענדע אילוזיעס געוועבט — אויף מיין וועב־שטול, אויף מיין פאַנטאַזיע.

איצט בין איך אין קאָכקעסעל. מיין זוהר איז מיט מיר. ווער איז עלענדער?

איך בלעטער דעם זוהר, וועלכער איז אין תרגום־לשון פאַרפאַסט. איך לייען אין דער הויך, און מיינע אויערען פאַרנעהמען די קולות. וויפיל האַרציגקייט, מתיקות און ליידענשאַפט עס ליגען אין די ווערטער! וויפיל ליכט און וואַרימקייט עס שטראָמען ארויס פון די שורות! דאָס בוך איז אין א היימיש־פרעמדער שפּראַך געשריבען, און עס רעדט פון היימיש־פרעמדע וועלטען.

האָט איהר אמאָל בין־השמשות זיך אונטער דער שטאָדט פאַרקליבען און אויף א הויכען, הויכען באַרג ארויפגעקלעטערט, און דעם פאַרבען־שפּיל פון א זונען־אונטערגאַנג אין זיך אויפגענומען?

די שטאָדטישע געפילדער־כוואַליעס האָבען זיך צום באַרג געיאָגט, נאָר האָבען זיך ביי די פיס פון באַרג געלעגט, און זיינען אָפּגעשטאָרבען. א שוואַכער קלאַנג בלויז האָט געווידער־קול'ט אויף דעם באַרג...

זונען־אונטערגאַנג. עמיצער האָט מיליאָנען פייער־רויזען אין מערב אויסגעשפּרייט. א הייליג געפיהל האָט מיך ארומגענומען: ווייט־ווייט בין איך פון דער שטאָדט, וועמעס געפילדער עס קען דעם באַרג ניט דערגרייכען...

איך האָב זיך אין זיך פאַרטיפט, און אַנדערע קולות האָב איך דערהערט: פון וואַנען קומען די קולות? קלאָר זיינען זיי ווי דאָס קוואַל־וואַסער וואָס פליסט פון דעם באַרג, און מיט א לייכטען מורמעל שלאָגט זיך דורך א וועג דורך די ווייסע, גלאַטע שטיינדלאַך... קלאָר זיינען די קולות און פילען אָן די נשמה. עס לעבט זיך לייכט, עס פאַלען די מינוטען רוהיג, זאַנפט ווי פעדערען און שנעע־פליטערלאַך. דאָך, לאַנגזאַם רוקט

זיך די צייט, יעדע רגע איז אַן אייביגקייט, יעדע רגע ברענגט מיט זיך אַ נייעם סוד, נאָר דער סוד דריקט ניט מיין האַרץ, דער סוד שרעקט מיך ניט. דער סוד איז דורכזיכטיג ווי די לופט, וואָס רינגעלט דיך אַרום...

זונענאונטערגאַנג. ביסלאַכווייז פאַרשווינדט די זון. איהר ליכטיגקייט ציטערט נאָך אין דער לופט. איך מאַך צו די אויגען, און איך פיהל, ווי איך גיס זיך צונויף מיט דעם וועלטאַל. מיין האַרץ ציטערט פאַר פרייד... איך פיהל, איך האָב אַ סוד, וואָס איז טיף, זעהר טיף, ענטדעקט, נאָר איך קען איהם ניט אָנרופען...

האָט איהר אַמאָל אין בין־השמשות אויף אַ באַרג אונטער דער שטאָדט געקלעטערט?

אויף עפּעס עהנליכעס דערמאָנט מיך דער „זוהר“. לויטערקייט, עס איז די לויטערקייט פון זונען־אונטערגאַנג, דער סודות׳דיגער פאַרבען־שפּיל. צוויבערענדע שטימען פון העכערע וועלטען קלינגען אַרויס פון די ווערטער, און אין די שטימען ווידער־קול׳ט זיך דער אָפּגעשטאַרבענער געפילדער־קלאַנג פון דער וועלט. הייליגע סודות פילען אָן דאָס האַרץ. נאָר דורכזיכטיג זיינען די סודות; זיי שרעקען ניט, זיי שטיקען ניט. אדרבא, עס ווערט דיר גרינג אויף דעם האַרץ. יעדע רגע איז אַן אייביגקייט, אָבער זי פליסט אַזוי לייכט, און דו פיהלסט אַז דו ביזט אַ טייל פון עפּעס גרויסעס, אייביגעס; אַז די גאַנצע וועלט הענגט אויף דיר; אַז דו ביזט דאָס בילד און די גאַנצע וועלט איז די ראַם.

איך בלעטער דעם „זוהר“, די ירושה פון מיין זיידען. דריי דורות האָבען דאָס ספר אין די הענד געהאַלטען. וואָס פאַר אַן אונטערשייד אין די דורות! איך קען מיר נאָך פאָרשטעלען וואָס מיין זיידע האָט געפיהלט לערנענדיג „זוהר“; איך קען מיר קוים פאָרשטעלען, וואָס מיין פאָטער, וועלכער האָט שוין אין זיין האַרץ אַ נייגונג צו השכלה פאַרבאָרגען, האָט געפיהלט. צו וועמעס געפיהל איז עהנליך דאָס געפיהל, וואָס שלאָגט אין

מיר — צום זיידען׳ס אָדער צום טאַטען׳ס? איבער מיר אָנ־געבויגען שטעהען זיי ביידע — דער טאַטע מיט אַ שוואַרץ־געקרויזט בערדעל, און דער זיידע, מיט אַן אליהו־הנביא־באָרד. דעם זיידען האָב איך גאָרניט געקענט, אָבער איך זעה איהם נעבען מיר און איך הער זיין מורמעל...

— דרך־ארץ, מיין אייניקעל! „שעל נעליך", וואַרף אַראָפּ די שיך. עס איז הייליג. עס איז ניט נאָר קדוש, נאָר קדשי־קדשים.

און איך שלאָג אויף אַ בלאַט, אין וועלכען דער „זוהר" רעדט וועגען „גלגול".

די נשמה ווערט ניט צושטערט, די נשמה ווערט אַלט און באַנייט זיך. די נשמה איז אַ טייל, אַ פונק פון גאָטהייט, די נשמה זוכט אַן עליה דורך די גלגולים.

* * *

גלגול — נאָך דער מעשה מרכבה הויבט מיט „דניאל" זיך אָן די מיסטישע שטרעמונג אין יודענטום. דניאל איז געשריבען אין אַראַמעאיש, אין דער פרומער שפּראַך, דער האַרציגער און ווייכער. אויף דעם העברעער העלפט אויך די פּרעמדקייט פון דער שפּראַך אָנצופיהרען אַ מיסטישע שטימונג.

נאָך דניאל איז אָבער געקומען דער גלגול, עס איז געשאַ־פען געוואָרען דער „ספר יצירה". ווער עס האָט דאָס ספר געשאַפען, בלייבט אַ סוד. אייניגע שרייבען עס צו די תלמוד׳ים־טען צו. דאָס ספר איז דאָס ערשטע פילאָזאָפיש־מיסטיש בוך, אָבער שוין ניט אין אַראַמעאיש, נאָר אין העברעאיש. האָט דער ספר צוליב דער העברעאישער שפּראַך עפּעס פאַרלאָרען? אדרבא, העברעאיש האָט דעם אינהאַלט צוגעגעבען שוואונג און פּאָעטישען חן. אַראַמעאיש איז צו אַ היימישע שפּראַך. דאָס הייסט, זי האָט אין זיך צופיל ווייכקייט, איז אין גאַנצען, וואָלט איך זאָגען, אַ מ ע נ ש ל י כ ע שפּראַך, האָט בלויז מענשען־קלאַנגען געזאַמעלט. העברעאיש האָט אָבער אין זיך אויפגע־

זאמעלט אויף די נאטור־קלאנגען, די שטרענגע אזוי גוט ווי די צארטע.

אראמעאיש האט פיל פון זיין מיסטיציזם פארלארען, מחמת דער תלמוד איז אין איהר געשריבען געווארען; אראמעאיש איז צוליב דעם געווארען אויף די שפראך פון געזעץ און פלפול.

פון „דניאל" ביז „ספר יצירה" — עס איז געווען א גלגול, וועלכער האט געמיינט אן עליה וואס איז נוגע דער שפראך. דאן פון „ספר יצירה" ביז דעם „זוהר" — ווער האט דעם „זוהר" געשריבען? עס הייסט, אז ר' שמעון בן יוחאי. ווייטער, אלזא, ווערט דאס ספר צוגעשריבען צו די תלמוד'יסטען. אבער דאס מאל איז דער ספר ניט מעהר אין העברעאיש, ווי דאס „ספר יצירה" — דער גלגול איז געווען א צוריקפיהר צום אנהויב.

עס איז אפשר ניטא קיין ליידענשאפטליכערע, קיין מעהר באצויבערענדע שפראך ווי די שפראך פון „זוהר". וואסערע נשמות האבען יענע מענשען, די בעלי־הזוהר, געמוזט באזיצען, ווען זיי האבען זיך צו אזא שפראך דערהויבען! היינט, וואסערע הויכע רעיונות!

ניט אומזיסט האט דאס ספר געהאט אזא גרויסע השפעה אויף אזוי פיל דורות, איז געווארען א קוואל פון לעבעדיגע וואסער, צו וועלכען אלע גאט־דורשטיגע זיינען זייער דורשט געקומען לעשען. דער „זוהר" איז געווארען דאס קאפיטאל ווערק פון צוויי גרויסע באוועגונגען אין יודענטום, פון דער קאַבאליסטישער און פון דעם חסידיזם. אין „זוהר" איז די ליבע צו גאט געקומען צום העכסטען אויסדרוק, און אויף די ליבע צום מענשען — גאט'ס פארטרעטער אויף דער וועלט.

דער „זוהר" איז אבער געווען געשריבען אין אראמעאיש — דער איינציגער מום, וואס דאס גרויסע ספר האט.

די נאכפאלגער פון „זוהר" זיינען אבער בנוגע דער שפראך דעם „זוהר" ניט נאכגעגאנגען. די גרויסע קאבאליסטען האבען זיך מיט דער העברעאישער שפראך באנוצט, און עס איז כדאי

צו געדענקען, אַז דער גרויסער קאַבאַליסט משה חיים לוצאַטו איז אויך געווען דער שעפער פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור.

דער „זוהר" איז געווען אַ ספר, וואָס האָט באַפרוכפּערט דאָס יודענטום, וואָס האָט אָפּגעפרישט זיין געביין, וואָס האָט איהם געגעבען מוט און גלויבען, וואָס האָט ליכט־שטראָם אין זיין לעבען אריינגעבראַכט, וואָס האָט דעם הימעל אויף דער ערד אַרונטערגעצויגען — איז אָבער דאָס וויכטיגע ספר געשריבען אין אַראַמעאיש.

ווען וועט שוין דער „גלגול" קריגען אַ תקון?

אַראַמעאיש האָט פיל פאַר העברעאיש געטאָן, האָט עס שטאַרק באַרייכערט, האָט איהם צוגעגעבען נייע אויסדרוקען און נייע פאָרמען און איז ענדליך איינגעשלונגען געוואָרען אין העברעאיש אויף אַזוי פיל אויף וויפיל די העברעאישע שפּראַך האָט עס געקענט פאַרדייהען. אַראַמעאיש איז צו קבר ישראל געקומען און אין העברעאיש תחית המתים אויפגעשטאַנען. ווען וועלען שוין די אַראַמעאישע ספרים, און איבערהויפּט דער „זוהר", זייער אויסלייזער געפינען?

דער „זוהר", וואָס האָט אַזוי פיל געשטאַרקט דאָס גאולה־געפיהל ביי אידען, וואַרט אויף זיין גואל.

התבודדות

„דער מענש איז א געזעלשאפטליכע חיה“, האבען די אלטע גריכען נאך לאנג ערקלעהרט. און עס איז קיין ספק ניט, אז זיי זיינען געווען גערעכט. דער מענש איז געזעלשאפטליך. דער מענש קען ניט לעבען אליין. ער פיהלט זיך אונגליקליך, דערדריקט, עלענד, מעלאנכאליש, ווען ער איז געצוואונגען צו לעבען אליין, אהן געזעלשאפט.

אונזערע חכמים האבען דעם געדאנק נאך פיל שארפער אויסגעדריקט, ווען זיי האבען געזאגט: „חברותא או מיתותא“, געזעלשאפט אדער טויט. ווען דער מענש האט ניט קיין געזעלשאפט איז דאס לעבען פאר איהם אן אפקומעניש, א גיהנם. עס איז גלייכער דער טויט איידער אזא לעבען.

דער גרעסטער עונש ביי אידען איז דארום געווען דער חרם, די אויסשליסונג פון דער געזעלשאפט. די שטראף פלעגט דעם זינדער גלייך ברענגען צו תשובה. די אידישע קהלות אין גלות האבען ניט געקענט איינזעצען די פארזינדיגטע אין תפיסות, אדער דורכפיהרען אנדערע שטראפען. זיי האבען אבער מיט דעם עונש פון חרם געהאלטען די מיטגלידער אין דער געהעריגער דיסציפלין, ווייל דער חרם, וואס האט צוגענומען ביי דעם יחיד די מעגליכקייט צו האבען געזעלשאפט, איז געווען א געוואלדיגער שטראף, אז זי זאל האלטען אלעמען אין דער מורא.

צו דער זעלבער צייט מוז מען דאך צוגעבען, אז דער מענש איז ניט נאר א געזעלשאפטליכע חיה, א טייל פון א גאנצען, נאר אויך א באשטימטער פרט, אפגעזונדערט פאר זיך, עפעס אפגעשלאסענעס און גאנצעס.

דער מענש קען ניט זיין אינגאנצען צופרידען ווען ער מוז שטענדיג זיין אין געזעלשאפט, שטענדיג אין דער עפענטליכקייט. שטענדיג לעבען אין איינקלאנג מיט עמיצען אנדערש, שטענדיג זיך צופאסען, זיין א טייל פון א גאנצען, א שרייפעל אין א מאשין, א טאָן פון א ניגון, א ניגון פון א סימפאָניע. דער מענש וויל אמאָל פיהלען, אז ער איז ניט א פראָצענט, נאָר די גאנצע הונדערט פראָצענט; אז ער איז דאָס ליד, דער עיקר, און קען לעבען ווי ער וויל, לויט אייגענע קאפריזען, אָהן חשבון צו קיינעם, אָהן צוואנג, אָהן ערקלעהרונגען, אָהן כללים, אָהן געשטעלטע, אייזען־געפרעסטע מנהגים. דער מענש וויל אמאָל ארומגעהן „נעגליזשע״, מיט צושויבערטע האָר, וויל זיין ווילד. ער וויל הערען און פארנעהמען די אייגענע שטימע, די שטימע פון זיין הארץ, זיין „קול דממה דקה״, וואָס אין דעם טומעל און רעש פון דער געזעלשאפט קען ער זי ניט הערען.

דער מענש וויל דארום אויך „התבודדות״, וויל זיין מיט זיך אליין, פיהלען זיין איך, זיין יש, הערען דעם ריטם פון דער אייגענער נשמה, פארטיפען זיך אין זיך, מאכען א חשבון הנפש. די רוסען זאָגען: „אריינגעהן אין זיך״. עס איז א גלענצענדער אויסדרוק, ווייל געוועהנליך לעבט דער מענש אין דרויסען, לעבט אין א גלעזערנע הויז, לעבט פאר דעם דרויסען, ער האָט קיין צייט פשוט ניט ארייצובליקען אין זיין אייגענער נשמה. זיין נשמה ווערט א טייל פון דער גאס, און ער לעבט מיט די געפיהלען, וואָס זיינען גאנגבאר אין גאס. מען דארף געדענקען, אז די נשמה אליין האָט א „שאָלאכץ״ און א „תוך״. פילע מאָל דוכט זיך דעם מענשען, אז ער איז געריהרט, והאָ ראיה: עס זיינען צוגעקומען טרעהרען אין זיינע אויגען, זיין בלוט האָט גענומען שטארקער לויפען אין די אָדערען, עס איז איהם געווארען היים אין אלע גלידער, עס האָט איהם גענומען קלינגען אין די אויערען און ער רעכענט אז דאָס זיינען נשמה־אָנצוהערענישען. אָבער עס איז לאו דוקא. עס קען אויך זיין נערוועזיטעט, פיזישע שוואכקייט. די נשמה ענטפלעקט זיך אָפט

אויף דורך אָט די מאַניפעסטאַציעס, אָבער מען דאַרף זיין נשמה־רוהיג אַז מען זאָל קענען וויסען ווען זיי זיינען באמת דער אויס־דרוק פון דעם טיפען אינערען איך. אין דער געזעלשאַפט רוהט אמאָל אויף די שכינה. עס איז אָבער אַ שכינה, וועלכע ריהרט אָן אייער אייגענע וועלט בלויז מיט דעם עק פון איהר פליגעל. מחמת די שכינה אליין האָט אויך ליב התבודדות. זי האָט ליב אַ ווינקעל, אַ קודש קדשים. זי האָט ניט ליב ווען מען מאַכט זי וואַכעדיג. זי האָט ליב דאָס שטילע ווינטעל, דאָס קליינע טייכעל, דעם רויש פון זאַנגען, די בלייכע לבנה־שטראַהלען, די האַרפע־טענער, דעם בלויען פלאַם, דעם רוהיגען פאַרבען־שפּיל פון אַ זונען־אונטערגאַנג. — לא ברעש ה׳!

עס איז דאַרויף קיין סטאַטיסטיק ניטאָ. עס איז אָבער דאָך זיכער, אַז אַלע גרויסע וויכטיגע רעיונות זיינען געקומע, צו די דיינקענדע מענשען ניט אין דער רוישיגער, טומעלדיגער גאַס, ניט אין דער שרייענדער, באַטויבענדער עפענטליכקייט. נאָר אין די שטילע שעה׳ן פון רוה און יחוד — ביינאַכט, ווען די וועלט שלאָפט, דער טומעל איז פאַראיבער און דאָס האַרץ וואַכט.

פון אייביג אָן האָבען די דענקענדע מענשען, די טרוימער און זעהער געזוכט התבודדות, געזוכט זיך מתרחק זיין פון דער גאַס און בלייבען מיט זיך.

ביי אידען זיינען געווען גאַנצע כתות, וועלכע זיינען אנט־לאָפען פון דעם רעש פון דער שטאָדט און זיינען אוועק אין די וועלדער און געלעבט רוהיג פאַר זיך, מיט דער נאַטור, אין דער נאָהענטקייט פון כביכול, וועלכער האָט אַ טבע אַז ער באַווייזט זיך ניט אויף דעם שפּיץ פון אַ וואָלוואָירטה־טורעם נאָר דוקא אויף אַ נידריגען דאָרן, אויף אַ סנה.

איך געדענק ניט ווער עס האָט עס דער ערשטער געזאָגט, אָבער עס איז אַן אַלטע מימרא: די שטאָדט איז דער וואוין־אָרט פון דעם טייפעל.

אין דעם ווערטעל ליגט שוין דער טיפער פּראָטעסט געגען

דער צופיל געזעלשאַפטליכקייט, וועלכע ברענגט געוועהנליך צו ביליגע סאָרטען פאַרגעניגענס, צו אייביגען פּוסטען גלאַנץ, צו קנאה און שנאה, צו פאַרצעהרענדע אַלקאָהאָלישע תענוגים. דער טייפעל הערשט אַלמעכטיג אין דער שטאָדט. און דער עיקר: ניט אין דער שטאָדט שטעהט דער לייטער, וואָס איהר שפּיץ דערגרייכט צום הימעל און אויף וועלכען די מלאָכים געהען ארויף און אראָפּ.

און אויב דאָס איז געווען אמת אמאָל, וואָס קענען מיר שוין זאָגען היינט?

אין אונזערע גרויסע שטעדט, ביי דער איצטיגער אָרדנונג, ווען די מאַשין רעגירט אונזער לעבען, איז דער מענש קיינמאָל ניט מיט זיך, איז שטענדיג אונטער דעם שווערען איינדרוק, אז ער איז ניט קיין מענש פאַר זיך, אז ער איז ניט מעהר ווי א שרייפעל, אַן אויטאָמאַט, א ראָבאָט, אז ער קען קיינמאָל ניט האָבען איין פרייע מינוט ווען ער קען לעבען ווי ער וויל, אז עמיצער זאָל זיך ניט אריינרייסען, ניט מבלבל זיין, ניט איבער־שלאָגען און ניט דערמאָנען איהם, אז ער איז באמת ניט עפּעס א גאַנצעס, נאָר א טייל פון דער וועלט, אַן אטאָם, א שטויבעלע.

אמאָל האָט דאָך דער שטאָדטישער מענש געהאַט אביסעל אָפּגעזונדערטקייט, פּריוואטקייט. אין זיין אייגען הויז איז ער געווען ביי זיך, אין זיינע ד׳ אמות איז ער געווען בעל־הבית. היינט איז פאַר דעם שטאָדטישען מענשען אויך דער תענוג פאַרשטערט. עס איז ניטאָ אזא זאך ווי א פּריוואַט הויז, אפילו ווען עס טראָגט דעם נאָמען „הויז". איבער דיר מענשען, פרעמדע אויגען, נייגעריגע בליקען, געשרייען און גרילצענדע טענער, און ארום דיר — דאָסזעלבע. יענע קוקען אריין אין דיין הויז און דו — אין יענעמס. דו ביזט שטענדיג אויף איינ־שטעלונג, קענסט אין דיין אייגען הויז ניט לעבען ווי דו ווילסט, קענסט ניט רעדען וואָס דו ווילסט — דיינע ווענד האָבען אויערען. און דיינע ווענד זיינען ניט אינגאַנצען דיינע, נאָר געהערען אויך צו דיינע שכנים, ווי זייערע ווענד געהערען דיר.

עס איז ניטאָ אין אונזער שטאָדט קיין רשות היחיד. אומעטום איז רשות הרבים. קענסט דיך ניט פארבאָרגען מיט דיינע טרעהרען, קענסט דיך ניט פארטיפען אין דיין טרויער, מחמת פונקט ווען דו ווילסט זיך מיחד זיין מיט דיין טרויער, רייסט זיך אריין דאָס וואולגאַרע ליד פון דעם בחור וואָס שטעהט אויפ'ן ראָג גאַס, וועלכער געהט אריין אין ווילדע התפעלות איבער זיין קליין מיידעלע מיט די געטאָקטע פיס; אָדער פונקט ווען דו האָסט זיך ארויפגעשלאָגען אויף דעם וועג, וואָס פיהרט צו א היכער ליכטיגער מחשבה, און דו האלסט ביים פרעהליך ווערען, און פון די טיפענישען פון דיין הארץ נעהמען זיך אויפהויבען פרייד־וועלען, רייסט זיך אריין א נאריש געוויין פון א צולאָזען מיידעל, באשר איהר בחור האָט איהר ניט געוואָלט אויסנעהמען אויף א טאנץ.

עס איז אונמעגליך אמת'ע פרייד אָדער אמת'ער טרויער אין דער גרויסער שטאָדט. עס איז אונמעגליך פיינע, עדעלע מחשבות אין דעם קעסעל־גרוב, וואו דער מענש האָט ניט איין רגע אפילו פון התבודדות.

ער איז ניט אליין אין דער היים, און איז ניט אליין ווען ער פאָהרט צו דער ארבייט, צום געשעפט, אָדער ווען ער פאָהרט צוריק. ער איז ניט אליין ביי דער ארבייט, ניט אליין ביים עסען, ניט אליין ביים באָדען זיך אין ים, ניט אליין ביים שפאצירען. קיינמאָל ניט אליין. שטענדיג אין מארק, שטענדיג ארומגערינגעלט פון מאסען, שטענדיג אין גרילצעריי, אין אומרייגער לופט, שטענדיג ביי יענעם אין אויג.

און אויב דאָס איז ניט גענוג, האָבען מיר איצט דעם טעלעפאָן, וואָס לאָזט דיך אויף א מינוט ניט פארגעסען, אז דו ביזט ניט דיין אייגענער, נאָר געהערסט דער סביבה.

אין דער גרויסער שטאָדט קענט איהר אפילו ווען איהר זייט קראנק ניט אנטלויפען פון מענשען. שטענדיג מוזט איהר זיין אין רשות הרבים, שטענדיג מיט אנדערע. איהר קענט ניט קרעכצען פאר זיך. איהר קענט זיך ניט טרייסטען אפילו אז

אייער וועהטאָג איז אייערער, נאָר גלייך הערט איהר אַנדערע קרעכצען און זיי לאָזען אייך גלייך וויסען, אַז איהר זייט ניט קיין מיוחס אפילו מיט אייער צער; אַז עס זיינען דאָ אַנדערע, וואָס ליידען נאָך ערגער, אָדער פּונקט אזוי.

וואָס מיך פאַרדריסט אָבער אַם שטאַרקסטען איז דאָס, וואָס מענשען זיצען נאָך אַלץ און טראַכטען ווי נאָך מעהר צו דערשטיקען די אינדיווידואַליטעט און איהר פרייהייט, ווי נאָך מעהר צו פאַרברייטען די געזעלשאַפטליכקייט — די מכה פון אונזער דור. דער היינטיגער מענש דאַרף בעסער זוכען אַן עצה צו געפינען אַביסעל התבודדות, כדי צו פיהלען אַז ער איז זיין אייגענער בעל־הבית, אַז די נשמה איז זיינע אַן אייגענע.

פרייד

באגרענעצט איז דער מענש ניט נאָר אין זיינע חושים נאָר אויך אין זיינע פעהיגקייטען אויסצודריקען זיינע געפיהלען. נעהמען מיר, צום ביישפּיל, דאָס געפיהל פון פרייד.

א מענש פיהלט פרייד. מיט וועלכע כלים קען ער עס אויסדריקען? ווערטער זיינען דערפאר דער אָרימסטער מעדיום. אין צייט פון פרייד זאָגט דער מענש געוועהנליך: „איך בין גליקליך", „איך בין טיף געריהרט פון פרייד" א. ד. גל. וואָס זאָגען אָט די אַלע ווערטער? וואָס גיבען זיי איבער דעם צו־הערער מכח דער פרייד וואָס פילט אָן אייער הארץ איבער די ברעגעס, וואָס צוגיסט זיך ווי אָן אנגענעהמע ווארימקייט איבער אַלע גלידער און דערגרייכט יעדען האָר־וואָרצעל, וואָס שטראהלט אויף מילד, הייליג, גלעטענדיג, קושענדיג אין די אויגען, וואָס שאַלט אויף ווי א ליד אויסגעקלונגען אויף זילבער־גלעקער אויפ־געצויגען אויף די הויכע בערג, וואָס בארוהיגט און רעגט־אויף ווי דער האַנט־גלעט פון א מילד־אויגיגער געליבטער? „טיף, טיף, טיף". און ווען מען זאָל דאָס וואָרט „טיף" איבער'חזר'ן א מיליאָן מאָל וועט עס דאָך קיין קלאָרען באגריף פון שמחה ניט געבען. „טיף" איז א שם התואר איבערגענומען פון א גאַנץ אנדער געגענד. טיף מיינט ארונטער — טיף ווי דער אָפּגרונט. עפּעס אימה'דיגעס קוקט ארויס פון דאָרט. טיף שרעקט, דער־מאָנט אָן קבר, אָן דער פינסטערניש אויפ'ן דעק פון ים. טיף פּאַסט זיך ניט צו באצייכענען פרייד, נאָר אויף צער און פּיין. עס איז אמת, אַז מען זאָגט יא אמאָל „א טיפע פרייד" אָדער

„טיף געריהרט“, אָבער מען מיינט מיט דעם וואהרשיינליך ניט צו מעסטען די שמחה, נאָר דעם מענשען דעם בעל־שמחה, מען וויל מיט דעם זאָגען אז די שמחה האָט אריינגעדרונגען וויטער פון דער הויט, האָט דאָס האַרץ דערגרייכט.

עס פעהלען ווערטער. די שמחה לאָזט זיך ניט באצייכענען, לאָזט זיך ניט מעסטען. עס זאָגט דער איד: „איך בין אין זיבעטען הימעל“. דאָס איז ווייט און הויך גענוג. אָבער ווער איז דאָרט געוועזען אונז צו דערצעהלען וואָס פאר א שמחה עס הערשט אין די הימלען? דער „זיבעטער הימעל“ איז באמת בלויז א מיטעל זיך אויסצודרעהען פון א באשרייבונג פון א געפיהל וואָס לאָזט זיך ניט באשרייבען. דאָס אליין איז אן עפענטליכע אנערקענונג פון דער באגרענעצטקייט פון דער מענש־ליכער שפּראַך. אין העברעאיש איז דאָ אן אנדער אויסדרוק אויף פרייד, וועלכער ווייזט אויך אויף דער אונמעגליכקייט די פרייד ריכטיג צו באצייכענען. דער העברעער זאָגט: „נפשי רוחצת בנחל עדנים“, די נשמה באָדט זיך אין א טייך פון זיס־קייטען. דאָס וואָרט „עדנים“ אין דעם צוזאמענהאנג איז ניט גאנץ קלאָר, אָבער דערפאר איז דער אויסדרוק „באָדען זיך“ באשטימט גענוג. דאָס הייסט, אז די נשמה טוט זיך אויס פון איהר לבוש, — אָדער אין דער שפּעטערדיגער שפּראַך: „התפשטות הגשמיות“, — און שווימט א לייכטע, א גליקליכע אין א טייך פון זעליגקייט. עס איז א בילד. אָבער עס שטימט ניט מיט דער ווירקליכקייט. אין צייט פון אמת׳ער פרייד פאר־שווינדט ניט דער גוף, ווען אפילו ער ווערט לייכטער, נאָר ער ווערט געעדעלט: דאָס אויג זעהט מעהר, ווייטער, העלער, ליכ־טיגער, אונטער דעם שלייער פון זאכען; דער אויער פארנעהמט מעהר, די לייכטעסטע וויבראציע כאפּט ער אויף — א ציטער פון א בלאַט, א באוועג פון א גרעזעל, א פאַל פון א שטויבעל. ער הערט דעם ריטם פון זיין אייגענער נשמה. דער מח דענקט שנעל, און די בילדער קומען ארויס קלאָר, אָפּגעצייכענט, אין זייער גאנצען פארנעהם. עס איז א קאַליידעסקאָפּ וואָס איז נוגע

שנעלקייט, אָבער איין בילד בייט ניט דאָס אַנדערע, נאָר אַלע בלייבען איינס אין אַנדערען געגלידערט, און אפילו די אזוי צו זאָגען גראָבע אברים, דעם מענשען׳ס משרתים, די הענט און פיס, ווערען אין צייט פון שמחה אַנדערש. די פיס הויבען זיך ווי פון זיך. עס איז: „כל עצמותי תאמרנה". דער העברעאישער אויסדרוק איז דאַרום ניט אינגאַנצען גערעכט, אויסער וואָס עס איז זיך שווער פאַרצושטעלען ווי די נשמה פיהלט באַדענדיג זיך אין „עדנים"־טייך. באָדען איז זיכער אַ גרויסער תענוג, אָבער דאָך ניט פון די ערשט־קלאַסיגע. אויך הענגט עס אָפּ פון דער צייט ווען מען נעהמט די באָד. אין די הייסע טעג, אין תמוז למשל, איז באָדען זיך אין ים, אויף אַ ריינעם ברעג, געוויס אַ תענוג. עס איז אָבער ניט אַזאַ גרויסער תענוג זיך צו באָדען אין ים אין די קאַלטע טעג. עס איז דאַרום אַן אונרעכט געגענ־איבער דעם פרייד־באגריף ווען מען זוכט איהם אַנצוטשעפּען דעם תענוג וואָס אַ מענש פיהלט ווען ער נעהמט אַ באָד.

געוועהנליך ווען אַ מענש איז פרעהליך זוכט ער זעלטען זיין פרייד אויסצודריקען אין ווערטער. אזוי ווי ער וואָלט גלייך אין סאַמע אָנהויב צוגעגעבען, אַז ווערטער זיינען ניט דער פּאַ־סיגער מיטעל דערפאַר. ער זינגט — דאָס קול אונבאַגרענעצט דורך אַ וואָרט, ער טאַנצט — דורך דעם טאַנץ־ריטם זוכט ער אויסצולעדיגען אַ טייל פון די געפיהלען וואָס שטורמען ביי איהם אין האַרץ. שטורמען? אויך דאָס איז ניט שטענדיג אמת. עס איז דאָ אַ רוישיגע פרייד ווי די כוואַליעס אין ים, און עס איז דאָ אַ צנועה׳דיגע, אַ שטילע, ווי דאָס קוואַל וואַסער. עס איז דאָ אַ הייסע פרייד, ווי די תמוז־זון, און אַ מילדע פרייד ווי דאָס לבנה־ליכט אין די מאַי־נעכט. עס איז דאָ אַ פלאַמענדע פרייד, וואָס ברעכט אויס מיט געוואַלד ווי אָנגעצונדענער ספּירט, און עס איז דאָ אַ שטראַהלענדע פרייד, וואָס דערמאָנט אין קאָרעלען, בורשטין און דימענט־ליכט, אין דעם אויפגעהענדען מאָרגענשטערן, אין די טוי־טראָפּענס געגען דער זון. עס איז דאָ פרייד עקסטאַז, און שיכרות און האשיש, און עס איז דאָ

פרייד קלאָרע, דורכזיכטיגע, אָפענע. ווי אַזוי קען מען אָט די אַלע מינים פרייד געבען אויסדרוק?

אַמאָל ווערט די פרייד פאַרוואַנדעלט אין אַ וואַקכאַנאַליע, אין אַן אָרגיע. דעמאָלט איז עס ניט קיין פרייד מעהר, נאָר איהר פאַרשוועכונג. און דאָך ווען דער מענש וויל געבען אויס־דרוק צו זיין פרייד, מוז ער זיך מיט די זעלבע מיטלען באַנוצען. אמת'ע פרייד איז זעהר נאָהענט פאַרוואַנדעט מיט דעם היכל הנגינה, מיט דער קונסט בכלל און מיט ליבע. מען געהט דאָ דאַרום אויף גליטשיגען באָדען, און מען מוז זיין זעהר פאָר־זיכטיג. עס איז אַ טאַנץ אויף שפּיגלען פון דינעם גלאָז.

עס איז דאָ אויך פרייד, וואָס דריקט זיך אויס אין טרעהרען. מען זאָגט: עס זיינען פרייד־טרעהרען. ווער איז דער מבין? עס איז באמת זעהר לייכט איבערצוגעהן פון פרייד צו טרויער. די גרענעצען זיינען זעהר שמאָלע, און על פי רוב פאַלט דער מענש געוועהנליך נאָך אַ גרויסע פרייד אריין אין אַ טרויער. מען זאָגט דארויף, אַז עס איז אַ „רעאַקציע“, אַ געהן צוריק, פון דער פרייד צוריק צום טרויער. דער כלל פון רעאַקציע האַלט אָבער ניט אויס ווען מען רעדט מכח טרויער. נאָך דעם טרויער קומט ניט דוקא אַלס רעאַקציע די פרייד. פיל גיכער קומט די וואַקכאַנאַליע. דער מענש וויל פאַרגעסען זיין טרויער און ער פאַר'שיכור'ט זיך. דער טרויער אַליין אָבער ברענגט ניט, פיהרט ניט צוריק צו קיין אמת'ער פרייד, בשעת די שמחה פיהרט אָפט צו דעם טרויער. די שמחה קען ניט אָנהאַלטען לאַנג און זי ווערט פון זיך אין טרויער פאַרוואַנדעלט; מען טרויערט אויף דער שמחה וואָס געהט אַוועק.

* * *

עס בענקט זיך פשוט נאָך אַ ביסעל שמחה, נאָך אמת'ער שמחה. ווי ווייניג זי איז פאַראַן אין אידישען לעבען, אפילו דאָ אין אַמעריקאַ.

עס שטעלען זיך ארום דאָס יונגוואַרג ארום דער פּיאַנאָ און מען זינגט עפּעס אַ „רעג טיים“. עס טראָגען זיך גרילצענדע,

שרייענדע טענער — די יוגענד אַליין. אָבער עס איז ניט איבער־ציינענד. קיין אמת'ע פרייד איז ניטאָ, ניט אין אויג, ניט אין דעם אויסדרוק פון פּנים, ניט אין דער שטים. אין הויז איז ליכטיג, רייכע מעבעל, זאַרגלאָזיגקייט, באקוועמליכקייט, גראַמ־קייט, אָבער אַלץ ניט קיין פרייד, אפילו ווען „ליהודים היתה אורה"... איז אַלץ ניט קיין „שמחה, וששון ויקר" — גאָט ווייס וואָס דאָס לעצטע וואָרט מיינט אָבער דאָך זעהר אַ גוט וואָרט. דאָס פעהלט לחלוטין, לחלוטין.

זיצען אידען, מענער און פרויען, ביים טיש מיט פארפלאָמ־טע פּנים'ער און מען שפּילט אין קאָרטען. אויף דעם טיש שטעהען מעדני־מלכים, עס הערט זיך אַ געלעכטער, דוכט זיך, פון דער פולער ברוסט. נאַרט זיך פון דעסטוועגען ניט אָפּ — עס איז ניט קיין פרייד; עס איז אָפּיום.

איך געדענק, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קליין אינגעל געווען, האָבען זיך אין מיין אַלטער היים אייניגע אידען צו שלש־סעודות אוועקגעזעצט ביים טיש. גאָט ווייס דעם אמת, אז מעהר ווי חלה, אַ שטיקעל הערינג און אביסעל קאָמפּאָט זיינען אויף דעם טיש ניט געווען. אמת, עס איז אויך געשטאַנען אין אַ פלאַש אביסעל משקה. זיינען די אידען געזעסען איינער נאָהענט צום אַנדערען, מיט אויגען פארגאַפטע, צוהערענדיג זיך צו אַ שעהנעם ספּור פון דעם ראש המדברים, און אויף זייערע פּנים'ער האָב איך געזעהן אמת'ע פרייד. זייערע פּנים'ער האָבען אויף אַן אמת געשטראַהלט פון שמחה. עס איז ממש געוואָרען ליכטיג אין דעם קליינעם חדר.

שפּעטער האָבען די אידען אַ ניגון גענומען זינגען, בנעימות, פארטראַכט אין זיך. און פון דעם ניגון, וואָס האָט אויסערליך געקלונגען אזוי טרויעריג, האָט ארויסגעשטראַהלט אַ פרייד אַן איבערציינענדע, וואָס האָט אריינגעדרונגען אין הארצען, אין אַלע ווינקעלאַך.

איך געדענק די שמחה אום שמחת־תורה. אידען האָבען זיך פארזאַמעלט ביי אונז אין הויז. אויפ'ן טיש זיינען געשטאַנען

פלעשער מיט וויין און געבראָטענע עופות. אידען האָבען גע־טרונקען און געגעסען דוכט זיך מיט גרוים הנאה. זיי האָבען פארשטאַנען די באדייטונג פון עולם הזה. אָבער קיין פרייד איז אין אַנהויב ניט געווען. ביסלאכווייז אָבער האָט זי גענומען שלאָגען ווי אַ קוואַל, ממש פון די ווענט. אימיצער האָט גע־זאָגט אַ גלייכוואָרט, אימיצער אַ מאמר חז״ל, אַן אַנדערער דער־צעהלט מכח אַ נס מן השמים, און שפּעטער האָט אימיצער גע־זונגען אַ נגון, אַ שטיקעל נוסח, און באַלד אַלע אין איינעם: „וחסידים ברנה יגילו״, אָדער גאָר: „ישמח משה במתנת חלקו״, און אידען, מענער, פרויען און קינדער, זיינען געוואָרען אויף אַן אמת פרעהליך. אידען האָבען זיך אומאַרמט. אין יעדען ריהר, אין יעדען גלעט איז געווען ליבע אָהן אַ סוף, ליבע אַלס אויס־דרוק פון פרייד.

מען האָט זיך גענומען טאַנצען אין אַ ראָד, און עס איז ניט געווען קיין טאַנץ בלויז מיט די פיס; אויך די אויגען האָבען געטאַנצט. איבער די קעפּ האָט געהאַנגען, ווער עס האָט געוואָלט זעהן, אַ פרייד־קראַנץ.

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער אידען זיינען מיר״.

איך געדענק אויך אמת׳ע קינדער־פרייד — אין די טעג פון פאַר־פסח, ערב פסח, אין די סדר־נעכט.

ווארום האָב איך זי דאָ אין אַמעריקא ניט געזעהן?

דער איד איז בכלל צו קלוג, צו ניכטער, זיך צו קענען אָפּט איבערגעבען צו אַל־ארומכאַפּענדער פרייד. „לשמחה מה זו עושה?״ די פראַגע פרעגט ניט דוקא דער נביא, וואָס שטעהט אין דער זייט, נאָר דער פונק נביא וואָס איז דאָ אין יעדען אידען.

און דאָך זיינען אין דער אַלטער היים געווען, ווי ווייט איך געדענק, מאָמענטען פון פרייד אין לעבען פון די אידען — אמת׳ע פרייד. עס קען זיין, אז פון דער ווייטענס, סיי אין צייט, סיי אין פּלאַץ, זעהט מיר איצט יענע פרייד אויס שעהנער, עכטער ווי זי איז געווען. מעגליך. אָבער סוף כל סוף בין איך דאָך דאָ שוין אויך אַ לאַנגע צייט, טאָ ווארום קען די ווייטקייט אין

צייט פאַר מיר דאָ ניט מאַכען דעם זעלבען כשוף, פאַרוואָס דוכט זיך מיר ניט, אַז אין יאָהר ניינצעהן צוויי, דאָס הייסט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, האָב איך געהאַט אמת'ע שמחה?

איך געדענק דאָס ניט. און דאָס האַרץ לעכצט נאָך דעם אַזוי שטאַרק.

יאַ, בלויז איין מאָל האָב איך געזעהן אין אַמעריקא אמת'ע שמחה, — ניט קיין אידישע נאָר כלל-שמחה, אמת'ע און ניט געפעלשטע. דאָס איז געווען ווען עס איז פאַרשפּרייט געוואָרען דער קלאַנג, אַז עס איז ערקלעהרט געוואָרען וואַפענשטילשטאַנד. דעמאָלט האָב איך געזעהן ספּאָנטאַנע שמחה. דעמאָלט האָט פרייד געשפּאַצירט און געשוועבט אין אַלע גאַסען. עס איז געווען אַן איינציגע פרייד, וואָס האָט געפונען איהרע אויסדרוקס-מעגליכקייטען, כאָטש די מיטעל זיינען אַזוי באַגרענעצט. בלויז דאָס איינע מאָל געדענק איך, און ניט מעהר.

פּאָפּולאַריטעט.

צו אַלץ דאַרף מען האָבען מזל, אפילו צו פּאָפּולאַריטעט. עס טרעפט, אַז אונוויכטיגע מענשען ווערען פּאָפּולער און, פאַרקעהרט, זעהר וויכטיגע מענשען שטאַרבען אינגאַנצען אונבאַוואוסט. אָבער אָפט העלפט די אומפאַרדינטע פּאָפּולאַריטעט דעם מענשען אויף אַן אמת ווערען וויכטיג און באַדייטענד. פּאָפּולאַריטעט מיינט קראַפט, איינפלוס, און ווען איינער האָט קראַפט און איינפלוס קען ער טאָן וויכטיגע זאַכען, וואָס אַן אַנדערער קען ניט. זיין פּאָפּולאַריטעט צווינגט איהם אָפט צו טאָן די דאָזיגע זאַכען, און דער סוף איז, אַז פון אַלע עקען ווענדעט מען זיך צו איהם מיט פאָרשלאַגען, וועלכע גיבען איהם די געלעגענהייט גרויס צו ווערען, און אויב ער האָט נאָר עפּעס פעהיגקייטען, קען ער אויך לסוף אויף אַן אמת אַ גרויסער מענש ווערען. עס איז אָפט מזל פון אָנהויב ביז סוף, אָבער מזל קען אויך העלפען אויף אַן אמת גרויס ווערען.

מען קען ניט גרויס ווערען אפילו ווען מען איז אַ גאון, אויב מען האָט ניט קיין געלעגענהייט. אַ מענש קען ניט ווערען באַריהמט אַלס פידעל־שפּילער, מאַכט ניט אויס ווי מוזיקאַליש ער זאָל ניט זיין, ווען ער האָט קיין פידעל קיינמאָל ניט געלערענט, און דער גרעסטער פידעל־שפּילער מוז פריהער האָבען אַ פידעל צו קענען באַווייזען זיין גאונות. עס איז אַ פראַגע פון געלעגענהייטען און כלים. מען קען זיין אַ גאון און זיך אַרומדרעהען ווי אַ בעטלער אין די גאַסען, און דאָס שרייען: „אני שלמה!" וועט אויך גאָר ניט העלפען, וועט נאָר אַרויסרופען אַ ביטערען שמייכעל אָדער אַ ווילדען געלעכטער. פון

דער אַנדערער זייט, אויב דער מיטעלמעסיגער מענש האָט געהאַט זיין געלעגענהייט און האָט זיך דערשלאָגען צו פּאָפּולאַריטעט, קען ער מיט דער צייט אויך ווערען היסטאָריש און באַריהמט אויף אַן אמת, קען ער טאָן זאַכען וועלכע זאָלען איהם געבען אַ שם אָהן אָנשטרענגונג פון זיין זייט. מ׳ברענגט עס, אַזוי צו זאָגען, אין הויז אריין, אויף אַ גילדערנער טאַץ.

איינער קען רעדען פליסיג פּויליש, נאָר ווען מען לאָזט איהם אין הויף ניט אריין איז זיין פּויליש רעדען לא מעלה ולא מוריד. ער קען זיין אַ ציצעראָן, אָבער אויף דעם הויף וועט ער קיין ווירקונג ניט האָבען. האָט איינער די מאַכט און קען זיך צושלאָגען צום הויף, איז אפילו ווען ער רעדט ניט אַזוי גלענ־צענד פּויליש, אפילו ווען ער איז ניט קיין גרויסער רעדנער, קען ער דאָך אַמאָל האָבען אַ ווירקונג; און ווען ער האָט די ווירקונג, וועט שוין ממילא הייסען, אַז דער און דער, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער אין פּוילישען הויף, איז אויך געווען אַ גלענצענדער רעדנער, והאַ ראיה: ער האָט געווירקט אויף דעם קעניג אָדער דוכּס.

עס טרעפט אויך, אַז פון צופיל געהן אין הויף און אָפט רעדען מיט שרים, לערענט מען זיך אויך אויס. דער איינפלוס העלפט אויף אַזאַ אופן אויך צו באַרייכערען די אייגענע נשמה, צו באַרייכערען דעם גייסטיגען באַגאַזש, און דער איינפלוס שטייגט פון דער פּאָפּולאַריטעט.

עס איז אַן ענדלאָזע קייט. דערפאַר וואָס אַ מענש איז באַריהמט, ווענדען זיך צו איהם מענשען מיט אַלערליי בקשות, קומט מען צו איהם בעטען ער זאָל נעהמען אויף זיך אַ טייל פון די אחריות פון פילע אונטערנעהמונגען, קומט מען ביי איהם בעטען, ער זאָל גלאַט געבען זיין נאָמען און מיט זיין פּרעסטיזש העלפען די זאַך וואַקסען. און דערפאַר קען שוין לייכט טרעפען, אַז ביי אַן אמת־גרויסער געלעגענהייט זאָל מען זיך אויך ווענדען צו איהם מיט דער ביטע: „קצין תהיה לנו!“ און ווען ער נעהמט אָן, קען ער אָפט אויך טאָן די גוטע, גרויסע זאַך.

ער קען עס אפשר טאָן, און אַן אַנדערער, פיל פעהיגערער, ניט, ווייל ער איז פּאָפּולער און מענשען גלויבען איהם, געהען איהם נאָך און העלפען איהם, בשעת אַן אַנדערער, כאָטש ער פאַר־שטעהט טיפער, וואָלט געבליבען שטעקען אין מיטען, מחמת זיין רוף וואָלט ניט ארויסגערופען קיין ווידערקלאַנג. עס וואָלט געבליבען כקול קורא במדבר. מחמת דאָס פאָלק האָט דוקא ליב אַ גאָט, ווען אפילו עס האָט איהם אליין געשאַפען. עס האָט ליב דעם, וואָס איז פּאָפּולער, כאָטש עס איז דאָס פאָלק אליין וואָס מאַכט פּאָפּולער.

פּאָפּולאַריטעט קומט על פּי רוב פון איין גרויסער טאַט. ניט אזוי גרויס, ווי אויסערגעוועהנליך. אויב אַ מענש האָט מזל, שיקט דאָס מזל איהם שוין צו עפּעס צו דער האַנד אַזאַ געלעגענהייט, וואָס זאָל איהם באַריהמט מאַכען. נאָכדעם געהט שוין אַלץ פון זיך. דער עיקר איז די איינציגע טאַט, וואָס ציהט צו די אויפמערקזאַמקייט.

אַ מענש קען זיין טעטיג אַ לעבענס־לאַנג, טאָן יעדען טאָג אַ וויכטיגע שטיק אַרבייט, און ער קען צוליב דעם זיין באַליבט אין זיין קרייז. אָבער פּאָפּולער וועט ער דורכדעם ניט ווערען. פּאָפּולאַריטעט איז פאַרבונדען מיט סענסאַציע. ער דאַרף טאָן עפּעס סענזאַציאָנעלעס, וואָס זאָל ארויסרופען די באַוואונדערונג פון דעם עולם, די אויפרעגונג, אַז עס זאָל, אזוי צו זאָגען, ווערען דער געשפּרעך פון גאַס. ווען דאָס געשעהט, ווערט מען פּאָפּו־לער, און דאָס איבעריגע טוט שוין די פּרעסע.

די פּרעסע לאָזט שוין ניט, מען זאָל איהם פאַרגעסען. די צייטונגס־פאַרטרעטער קומען שוין פרעגען זיינע מיינונגען, זיי דרוקען זיינע בילדער און העלפען צופלאַמען די פאַנטאַזיע פון פאָלק אין זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, אין זיין אונ־באַגרענעצטער קראַפט. זיינע פעהיגקייטען קענען די צייטונגס־שרייבער ניט מאַכען אויסערגעוועהנליך, אָבער זיין מאַכט קענען זיי פאַרגרעסערען, און האָט אַ מענש אַ סך מאַכט, ווערען זיינע

פעהיגקייטען שוין ממילא גרעסער ווי דעם אנדערענס. די מאכט פארגרעסערט אויך די קוואַליטעט פון די פעהיגקייטען.

איינער פון די הויפּט־פּאַקטאָרען אין אַ מענשען׳ס ערפאָלג איז זיין מוט, זיין גרייטקייט צו ריזיקירען, צו פּרובירען געהן אויף נייע וועגען, זיין גלויבען אין זיך און אין זיינע אונטער־נעהמונגס־פעהיגקייטען. דער גלויבען אין זיך גיט דעם מענשען די זיכערקייט צו טאָן זאַכען, וואָס זיינען איבער זיינע כחות. די זיכערקייט העלפט איהם בייצוקומען די שוועריגקייטען.

ווען אַ מענש איז פּאָפּולער, געווינט ער מיט דער צייט אַ געוויסען גלויבען אין זיך, באקומט ער אַ געוויסע זיכערקייט: אויב די וועלט גלויבט אין איהם און אַפּלאָדירט איהם, מסתמא פאַרדינט ער דאָך דעם אַפּלאָוז, מסתמא איז ער דאָך גרעסער ווי דער דורכשניט און מעג אונטערנעהמען זאַכען, וואָס קיין אַנדערער וואָלט ניט געקענט און ניט געוואַגט, — קלעהרט ער.

ער פיהלט דאַרום אין זיך אַ מין צופלוס פון כחות, וועלכע קומען ניט פון אינוועניג נאָר פון דרויסען. זיי האָבען אָבער אַן איינפלוס אויף זיין פּסיכאָלאָגיע, אויף זיין געדאַנקען־גאַנג, אויף זיין גלויבען און דמיון — און ער ווערט באמת אַן אַנ־דערער.

עס איז דאַרום גענוג אַמאָל איין סענזאַציאָנעלע טאַט, אַז זי זאָל איבערדרעהען דעם גייסטיגען געבוי פון אַ מענשען. אַן עקשנות, וועלכע ווערט אויפגענומען פאַר אַ העלדישקייט, קען אַמאָל לסוף דעם מענשען מאַכען פאַר אַ העלד, ווייל ער טוט שוין נאָכהער זאַכען וואָס זיינען העלדיש. די לאָגיק פון דער ערשטער טאַט צווינגט איהם אַליין זיך צו אימיטירען, כדי אָנ־צוהאַלטען זיין רענאָמע.

אויב ער וויל ניט טאָן מיט גוטען, צווינגט איהם די סביבה בעל כרחה. זי שלעפּט איהם שוין אריין ביי די האָר פון קאָפּ אין העלדישע אונטערנעהמונגען. — דו העלד, קום דאָך און באשיץ אונז, קום און פיהר אונז, נעהם דעם שווערד און האַק דורך אַ וועג אין די געדיכטע מחנות פון שונא — הערט זיך דער נעבעכ

פון אַלע זייטן, מחמת מען געדענקט די ערשטע טאַט, וועלכע איז געווען באַשטימענד פאַר זיין צוקונפט.

דער עיקר אין דער ריכטיגער פּאָפּולאַריטעט איז דאָרום שטענדיג די ערשטע טאַט. אויב דאָס געשעהט, געהט שוין דאָס איבעריגע ווי אַ מזמור.

דאָס איז אמת אויך בנוגע צו שריפטשטעלער. עס זיינען פאַראַן גרויסע שריפטשטעלער, וואָס בלייבען אונבאַוואוסט, כאָטש זייערע ווערק זיינען זעהר וויכטיג, ווייל זיי האָבען ניט אויפגעשריבען כאָטש איין זאַך, וועלכע זאָל זיין אַ סענזאַציע, וואָס זאָל אויפפלאַמען די פאַנטאַזיע פון פאָלק אָדער פון די קריטיקער, וואָס שאַפען די עפענטליכע מיינונג.

מיט דער צייט ווערט דער גרויסער שרייבער דאָך דער־קענט — אויב ניט ביי זיין לעבען, איז נאָך זיין טויט, אויב ניט אין זיין דור, איז אין אַן אַנדערען. די שריפטען זיינען דאָך זאַכען וואָס בלייבען לעבען שטענדיג, און זיי דערוואַרטען זיך אויף דער אמת׳ער קריטיק. עס קומט סוף כל סוף זייער צייט. אין דעם פאַל ווערט דער שרייבער לסוף באַריהמט דורך די שריפטען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען. דער אינטערעס איז ניט אין שרייבער, נאָר אין די שריפטען.

ביים לעבען אָבער ווערט אַמאָל אַ שרייבער באַריהמט דורך איין סענזאַציאָנעלע שריפט, און צוליב דעם ווערען שוין זיינע אַלע ווערק באַריהמט. זיין נאָמען מאַכט שוין באַריהמט זיינע אַלע זאַכען וואָס טראָגען זיין אונטערשריפט. די איינציגע באַריהמטע זאַך וואָס האָט באַריהמט געמאַכט דעם נאָמען פון שרייבער, מאַכט שוין פּאָפּולער אַלעס וואָס דער שרייבער האָט געשריבען, און אויב עס זיינען גוטע זאַכען, — און אַמאָל קען טרעפען, אַז זיי זאָלען זיין נאָך בעסער ווי די סענזאַציאָנעלע זאַך, וואָס האָט איהם באַריהמט געמאַכט, — ווערט, פאַרשטעהט זיך, דער רוהם פון דעם שרייבער נאָך גרעסער.

פאַר מיין זכרון לויפען דורך אַ רייהע מיט נעמען פון מענשען, וואָס זיינען פּאָפּולער, אַזוי צו זאָגען, אין אונזער אידישער וועלט,

און איך זעה קלאָר, אַז כמעט יעדער איינער פון זיי האָט באַ־קומען זיין פּאָפּולאַריטעט דורך אַן איין און איינציגער טאַט, אַ קלענערע אָדער אַ גרעסערע, וועלכע איז געווען בבחינת סענ־סאַציע, אביסעל אויסערגעוועהנליך, און צוליב דעם זיינען פילע פון זיי שפּעטער טאַקע געוואָרען באַריהמט, מחמת די איינציגע טאַט האָט זיי אָדער געטריבען צו טאָן נאָך אַנדערע וויכטיגע זאַכען, אָדער ווייל די סענזאַציאָנעלע טאַט האָט זיי געגעבען מעהר מעגליכקייט צו ווייזען זייערע פעהיגקייטען. מען האָט זיך גענומען צו זיי מעהר צוהערען, ווייל זיי זיינען פּאָפּולער גע־וואָרען. און אַז מען האָט זיך גענומען צוהערען, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז זיי האָבען געהאַט אויך עפּעס צו זאָגען.

דערמאָנען נעמען איז ניט וויכטיג. יעדערער קען עס אויס־פּרובירען פאַר זיך. זאָל ער גוט אונטערזוכען די פּאָפּולערע נעמען, וואָס ער קען, און ער וועט גלייך דערזעהן, אַז זייער פּאָפּולאַריטעט אין די מייסטע פעלע איז אַ פּועל־יוצא פון איין סענסאַציאָנעלער טאַט. זי איז באַשטימענד. ווער עס איז פּאָ־פּולער געוואָרען דורך איין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אויף אַ געוויסער פאַרזאַמלונג אָדער קאָנווענציע, און די רעדע איז באַריהמט געוואָרען דורך איין שעהנעם שלאַג־וואָרט; און ווער עס איז באַריהמט געווארען דורך פיהרען אַ גענעראַל־סטרייק, ביי וועלכען בלוט האָט זיך געגאָסען; ווער דורך אַ סענזאַציאָ־נעלער דעבאַטע און ווער דורך אַ קריגס־ערקלעהרונג געגען רבונו של עולם אָדער זיין ביבעל — די באַריהמטקייט איז אַלענפאַלס דערגרייכט געוואָרען דורך איין איינציגער טאַט.

דורך איין איינציגער רעדע ווערט אַ מענש באַקאַנט אַלס דער גרעסטער רעדנער אין לאַנד און ווערט אַ גרויסער פּאָלי־טישער כח; דורך אַן אונגעלונגענער סטרייק־פיהרונג ווערט אַ מענש דער אָנפיהרער פון אַ נייער פּאַרטיי, מיט אַן אַמביציע איבערצוענדערען דעם גאַנצען איצטיגען רעזשים, די איצטיגע אָרדנונג; דורך אַ שעהנער דעבאַטע ווערט אַ מענש אַ פּרעזי־דענט, און שפּעטער, ווען די געלעגענהייט קומט, דער באַפרייער

פון אַ ראַסע. מאַלע וואָס איין געלונגענע סענזאַציאָנעלע טאַט קען טאָן פאַר אַ מענשען?

יש קונה עולמו בשעה אחת. יש . . . דאָס הייסט, אַז דאָס איז די אויסנאַהם. אין אמת'ן איז דאָס פונקט דער היפּך; דאָס איז דער געוועהנליכער פאַל.

אויב אַ מענש קויפט זיך אַ וועלט, קויפט ער זי געוועהנליך אין איין שעה אָדער אין נאָך וועניגער צייט.

עפּעס האָט זיך געמאַכט אַ צינדענדע ערשיינונג, און דער מענש האָט זוכה געוועזן מיט דער ערשיינונג זיין גורל צו פאַר־בינדען, און ער איז נתפרסם געוואָרען. אָדער ער אליין האָט עפּעס איין זאַך געטאָן, און זיין נאָמען האָט גענומען קלינגען, קלינגט ער שוין. אזוי איז שוין דער דרך העולם: כאַפּט זיך דער נאָמען אריין אין גלאָק אריין, אין דעם גלאָק פון עפענט־ליכקייט, לאָזט שוין דער גלאָק דעם נאָמען ניט ארויס, איז — גלין, גלין, גלין, — קלינגט עס שוין פון זיך.

די מאַסע.

ווער נאַר אין גאָט גלויבט — און אויך דער וואָס גלויבט ניט — מאַכט זיך שפּאַס אויף דעם חשבון פון דער מאַסע. דאָס וואָרט „המון" איז ביי פילע געוואָרען אַ זידעל וואָרט. פילע פון אונזערע אינטעליגענטען זאָגען צווישען זיך ניט מאַסע, נאַר שפּאָטיש „מיאַסע", וואָס מיינט אין רוסיש פליש; אַן אָנצוהערעניש, אַז דאָס פאָלק איז ניט מעהר ווי פלייש, „בשר ולא רוח". אַן אנדער ווערטעל איז פאַראַן: „דער עולם איז אַ גולם".

עס האָט זיך שוין אפילו ביי פילע אויסגעאַרבייט אַ טעאָריע, אַז דעם אמת דאַרף מען זוכען נאַר צווישען די ווענינע, צווישען די יחידי סגולה, בשעת דער המון איז על־פּי־רוב אויף דעם פאַלשען וועג; און אַז אַלעס גוטעס אין לעבען איז געקומען נאַר פון די ווענינע, פון די באַגאַבטע, פון די אויבערמענשען. זיי זיינען עס דאָס זויערטייג, דאָס זעמעל־מעהל פון דער מענשהייט, דאָס פאָלק איז די מעקענע. דאָס פאָלק איז בלויז דער גולם, די אינטעליגענץ איז דער שם־המפורש. דאָס פאָלק איז דעם חומר; דער גייסט איז די אינטעליגענץ, די גרויסע יחידים, די זשעניען, וועלכע זיינען משנה דעם „סדר בראשית".

פיל איז שוין אייגענטליך געשריבען געוואָרען מכח דעם שייכות צווישען דעם זשעניע און דער מאַסע, צווישען העלד און פאָלק. עס זיינען דאָ טעאָרעטיקער, וואָס ווילען האָבען אַז אַלע רעוואָלוציעס און אַלע פאַרבעסערונגען און אַלע אויפטואונגען אין לעבען זיינען פאַרגעקומען אַ דאנק די גרויסע

יחידים, וועלכע האָבען עס געטאָן טראָץ דער מאַסע וואָס איז שטענדיג געווען נאָר א שטער, א שטרויכלונג אויף דעם וועג פון פאָרטשריט.

אזוי דערמאָנט מען אונז, אז די מאַסע האָט מיט איהרע הענט דערשטיקט איהרע גייסטיגע ריזען. מען דערמאָנט אונז אז כאָקראַטעס, זכריה, ישו, גאַליליי, ברונא, דזשאַן דע אַרק און נאָך און נאָך זיינען פון דער וועלט אומגעבראַכט געוואָרען אויף דעם פאַרלאַנג פון די פינסטערע מאַסען. די מאַסען זיינען פינס־טער, און דאָס ליכט איז דער מאָנאָפּאָל פון די ווייניגע.

עס זיינען אויך דאָ טעאָרעטיקער, וואָס זיינען אביסעל מעהר גערעכט צום גרויסען פאָלק. זיי ווייזען אָן אז די זשעניען וואָלטען ניט געווען קיין זשעניען, ווען עס וואָלט ניט זיין קיין מיליע, א געוויסער באָדען אויף וועלכען זיי קענען וואַקסען און זיך ענטוויקלען, אז דער גרעסטער זשעניע באַנוצט זיך מיט דער ירושה פון דורות, אז בלויז א דאַנק דעם וואָס דורות און דורות פון מענשען, וועמעס נעמען מיר קענען ניט און ווייסען ניט, האָבען אויפגעשטעלט דעם טורעם פון ציוויליזאַציע, וועמעס שפּיץ עס דערגרייכט ביז צום הימעל, איז איצט מעגליך פאַר א פּראָמע־טעאוס אַרונטערצו׳גנב׳ענען דאָס פייער פון גאָט׳ס מזבח.

עס פעהלען אָבער אויך ניט קיין אַנדערע, וואָס דרינגען פאַרקעהרט, וואָס פאַלען אריין אין התפּעלות וועגען דער גרויס־קייט פון פאָלק. לויט זיי איז דאָס פאָלק א ריז און דער זשעניע איז א קאַרליק לגבי דעם פאָלק, נאָר ער זעהט דאָך ווייטער פון פאָלק, ווייל א קאַרליק וואָס שטעלט זיך אויף א ריז זעהט ווייטער פון דעם ריז. דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט, ווען דער ריז לאָזט איהם זיך שטעלען אויף זיין אַקסעל. ווען ער לאָזט אָבער ניט, איז קאַרליק טאַקע ניט מעהר ווי קאַרליק און ער זעהט זעהר ווייניג און איז תופס זעהר ווייניג.

מען דערמאָנט זיך, אז עס איז פאַראַן אויך א ווערטעל: „די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט אַליין". ווער האָט דאָס ווערטעל אויסגעטראַכט? האָט עס דאָס פאָלק אַליין אויף

זיך געזאָגט? אָדער אַן ערנסטער מענש, וועלכער האָט די גע־שיכטע פון דער מענשהייט דורכגעזיפּט און איז געקומען צום שלוס, אַז דאָס פאָלק האָט על פּי רוב די ריכטיגע מיינונג?

קיין אונטערשייד נים. דאָס ווערטעל באַווייזט סיי ווי ס'יז, אַז עס איז דאָ אַ סימפּאַטישערע מיינונג מכח דעם פאָלקס־זשעניע און זיין פעהיגקייט צו באַגרייפען זאַכען, איידער די, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם ווערטעל: „דער עולם איז אַ גולם".

אין דער לעצטער צייט האָט מען אין פילע וויסענשאַפטליכע קרייזען גענומען נוהג כבוד זיין די פאָלקס־שאַפונגען, און זוכענ־דיג האָט מען געפונען, אַז אין די דאָזיגע שאַפונגען איז פאַראַן פיל דמיון, פיל טאַלאַנט, פילאָזאָפיע, לעבענס־חכמה, פּאָעזיע און נבואה.

רעדט מען וועגען פאָלק'ס שאַפונגען קען מען דאָך ניט פאַר־געסען אין איהר גרעסטער שאַפונג, אין דער שפּראַך. דאָס איז געוויס אַ פאָלקס־שאַפונג פאַר עקסעלאַנס. וואָס וואָלט דער גרעסטער זשעניע געוועזן ווען ער וואָלט ניט געהאַט פאַר זיך גע־פונען אַ גרייטע שפּראַך, צוגעגרייט פון אָט דער מבוזה'דיגער מאַסע? קיינער קען ניט לייקענען, אַז די שפּראַך איז געשאַפען געוואָרען פון פאָלק און ווערט אין זיין מויל איבערגעשאַפען פון דור צו דור. די שריפטשטעלער און דיכטער האָבען געוויס אַ ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער שפּראַך, בפרט איצט ווען מיר האָבען דרוקערייען און טעגליכע צייטונגען. ניט ווייניגער אָבער ווי די ווירקונג פון די דיכטער און שרייבער איז די ווירקונג פון פאָלק אויף דער שפּראַך. דאָס פאָלק הערט ניט אויף שאַפען נייע אויסדרוקען און נייע פאָרמען, וואָס ווערען מיט דער צייט אריינגענומען אין דעם אוצר פון דער שפּראַך. אין יעדען וואַר־שטאַט, אין מאַרק, אויף דעם פעלד, אין שטאַל ווערען געבוירען נייע אויסדרוקען, נייע שפּראַך־פאָרמען, פילע פון וועלכע צייכנען זיך אויס מיט זייער שעהנקייט, מיט זייער בילדליכקייט, מיט זייער פּינקטליכקייט און טיפער אויפפאַסונג.

אין דער לעצטער צייט האָט זיך די וויסענשאַפט גענומען

מעהר אינטערעסירען מיט דעם גייסט פון דער שפּראַך, ניט בלויז מיט איהר אַנאַטאָמיע נאָר אויך מיט איהר פּסיכיק, און פילע נייע וועלטען זיינען ענטדעקט געוואָרען.

פון דער שפּראַך קענען מיר אויסגעפינען, וואָס דאָס פאָלק דענקט און האָט געדענקט איבער אַלע וויכטיגע פראַגען, וואָס באאונרוהיגען די בעסטע דענקער. פון דער שפּראַך קען מען אויך זעהן די שטעלונג פון דעם פאָלק צו פאַרשיידענע לעבענס־פּראָבלעמען.

נעהמען מיר, למשל, אונזער אידיש אַלס ביישפּיל. אין אונזער אידיש זאָגט מען „טאָן צדקה", וואָס דאָס מיינט געבען הילף צו אָרימע לייט. פון דעם ווערטעל קען מען לייכט זעהן, אַז די אידישע מאַסען קוקען אויף דער דאָזיגער הילף ניט ווי אויף א טובה, נאָר ווי אויף אַ חוב, אַ גערעכטע זאַך.

אין אידיש זאָגט מען: „ער האָט אַ אידיש הארץ" אויף איינעם, וואָס איז גוטהערציג, גרויסמוטיג. דערפון איז געדרונגען, אַז אידען באַטראַכטען נאָר אַזאַ הארץ פאַר אידיש, וואָס איז גוט און עהרליך.

אין אידיש זאָגט מען: „ער איז אַ שעהנער איד". מיינען מיינט מען דערמיט אַ גוטער מענש, אַ הארציגער, נאָבעלער מענש, אַ מענש מיט אַלע מעלות. דערפון איז געדרונגען, אַז ביי אידען ווערט גוטקייט און נאָבעלקייט באַטראַכט אַלס שעהן.

מען קען ברענגען נאָך פיל ביישפּילע ווי אַזוי מיר קענען פון דער שפּראַך לערנען וועגען דעם פאָלק'ס באַציהונג צו פאַרשיידענע פּראָבלעמען, זיין מיינונג איבער פאַרשיידענע זאַכען.

פון די ווערטלאַך קען מען נאָך פיל מעהר לערנען. דאָרט טרעפט אָפט, אַז דאָס פאָלק דריקט אויס אין אַ קורצען זאַץ אַ גאַנצע פילאָזאָפיע, אַ וועלט־אַנשויאונג.

ווער איז דער שעפער פון אָט די אַלע פיל־זאָגענדע און טיף־מיינענדע ווערטלאַך? דער ענטפער איז: דאָס פאָלק, די גרויסע מאַסע.

נאַטירליך האָט ניט דאָס גאַנצע פאָלק די ווערטלאַך באַשאַפען.

יחידים האָבען אַלע די ווערטלאך באַשאַפען. אימיצער האָט גע־זאָגט אַ „גלייכוואָרט", וואָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרען פון זיינע שכנים, פון זיינע פריינד און חברים, און פון דאָרט האָט עס זיך פאַרשפּרייט צווישען דעם פאָלק. קיינער ווייס אָבער ניט ווער דער איינער איז, ווייל דער איינער איז ניט באַריהמט, איז איינער גלייך מיט אַלע.

עס איז אַ פראַגע פון באַריהמט זיין. דער איינער איז ניט באַריהמט, איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער זשעניע, אָדער אויס־געשריענער אינטעלעקט, דערפאַר געדענקט מען ניט זיין נאָמען. עס הייסט אָבער ניט, אַז דער איינער קען ניט זיין אַן אמת׳ער זשעניע, כאָטש די וועלט ווייס וועגען איהם ניט און ער אליין ווייס עס אויך ניט.

דערין שטעקט דער גאַנצער טעות פון די, וואָס ריידען וועגען דער מאַסע.

זיי ריידען פון דער מאַסע, אזוי ווי זי וואָלט אינגאַנצען זיין פון איין שטיק, אין אַלע צייטען דאָס זעלבע. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. עס זיינען צווישען דער גרויסער, ברייטער מאַסע פאַראַן פילע גרויסע אינטעלעקטען, וועלכע פיהרען אַ שטיל, רוהיג לעבען, וועלכע אַרבייטען אין פאַבריק אָדער אויף דעם פעלד, אָבער זייער מאָרך אין קאָפּ איז טעטיג. זיי האָבען פיליכט אין דער יוגענד קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו שטודירען, אַרויפ־צושווימען אויף דער אויבערפלאַך, און זיי זיינען געבליבען ניט אויסגעטיילט פון דער מאַסע. זיי זעהען און באַטראַכטען געוויסע ערשיינונגען און זיי קומען צו געוויסע שלוסען, וועלכע זיי דריקען אויס אין אַ גלייכוואָרט, וואָס ווערט פאַרשפּרייט צווישען פאָלק.

ניט אַלע, למשל, מיט נשמות פון היכל הנגינה האָבען דאָס גליק זיך צו לערנען שפּילען אָדער זינגען. דער וואָס האָט אָבער טאַלאַנט זיצט ביי זיין שטיק אַרבייט און צוזינגט זיך אין אַ ניגון, וואָס געהט די צוהערער אריין אין האַרצען, און דער נגון צוטראָגט זיך. מען זינגט עס פריהער אין דעם הויז פון דעם זינגער, און פון דאָרטען קומט עס אַן אין אַנדערע הייזער, אין

אנדערע שטערט, און אַלע זינגען און האָבען הנאה און כמעט קיי־נער ווייס ניט פון וואַנען עס קומט דער נגון.

דאָס איז אויך אמת וועגען דיכטונג. ניט אַלע דיכטער האָבען זיך צו דעם ליכט דערשלאָגען. עס זיינען דאָ טויזענדע דיכטער צווישען די פּשוט'ע ארבייטער, פון וועלכע קיינער ווייס ניט.

שטעהט דער דיכטער־שמיד ביי דער קאָוואדלע, קלאַפּט מיט דעם האַמער, און זיין אויער הערט זיך צו צום ריטם און זיין אויג כאַפּט אויף דעם פונקען־שפּיל; דאָס אייזען בויגט זיך אונ־טער דעם קלאַפּ פון דעם האַמער, אייזען בויגט אייזען, און ער הערט דאָס זידען פון הייסען אייזען אין דעם וואַסער, און אין קאָפּ פון דעם שמיד־דיכטער ווערט געבוירען אַ ליד, און ער זינגט עס אויס און עס פאַרשפּרייט זיך דאָס שמידען־ליד.

אמאָל איז עס אַ שמיד און אמאָל אַ שוסטער, און אמאָל אַ באָסיאַק. אינטעלעקט איז אינטעלעקט און טאַלאַנט איז טאַלאַנט. עס טרעפט אפילו אמאָל, אַז אַ באָסיאַק רייסט זיך ארויס פון זיין לאַגע און ווערט אַ גאָרקי. אָבער נאָר איינער רייסט זיך ארויס, און טויזענד בלייבען אונבאוואוסט. דער טאַלאַנטפולער באָסיאַק בלייבט אָבער אַ טאַלאַנט ווען אפילו ער רייסט זיך ניט ארויס און בלייבט אויפ'ן דעק.

עס איז דארום נאַריש צו רעדען פון די מאַסען, גלייך ווי זיי וואָלטען אַלע זיין איין „טשאָרני נאַראָד", בעת אין אמת'ען זיינען צווישען זיי פאַראַן אונצעהליגע דענקער, דיכטער, זינגער, קאָמ־פּאָזיטאָרס, רעדנער און אַלערליי טאַלאַנטען.

פילע אידישע נביאים און מלכים זיינען פריהער געווען פאַסטוכער.

די דאָזיגע מאַסען־טאַלאַנטען ווירקען זעהר פיל אין זייער סביבה, און ווען מען רעדט מכח דעם פאָלק דאַרף מען דעם פאַקט נעהמען אין באַטראַכט.

גלגולים

האָב ערגעץ־וואו, אין אַ טעאָזאָפּישער אָדער „קריסטשען סייענס"־צייטונג, געלייענט, אַז דער געוועזענער איטאַליענישער פּרעמיער ניטי מוז זיין אַ גלגול פון טיטוס הרשע.

יענער האָט חרוב געמאַכט דאָס אידישע לאַנד און צושטערט די אידישע אונאָפּהענגיגקייט, בשעת ניטי, זיין גלגול, האָט געהאָלפען די אידען צוריקבאַקומען זייער צושטערט לאַנד און זייער נאַציאָנאַלע פרייהייט.

כידוע האָט ניטי זיך אין סאַן־רעמאָ שטאַרק איינגעשטעלט פאַר דער פאָדערונג, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע פאַרשפּרעכט די אידען דאָס רעכט צו בויען אַ נאַציאָנאַלע אידישע היימלאַנד אין ארץ ישראל, זאָל אריינגעשטעלט ווערען אין דעם פרידענס־אָפּמאַך מיט טערקיי און זאָל באַשטעטיגט ווערען פון דער אנטאַנט.

דער דאָזיגער ניטי האָט עס, לויט דער מיינונג פון יענער צייטונג, בלויז אויסגעפאָלגט אַ באַפעהל פון אַ נשמה, וואָס האָט זיך ניט געקענט געפינען קיין רוה ביז זי וועט ניט מתקן זיין דאָס, וואָס זי האָט צושטערט און חרוב געמאַכט — אַ באַפעהל פון אַ נשמה, וועמעס גלגול זי איז געווען.

אַלזאָ, ניטי איז אַ גלגול פון טיטוס. און וועמעס גלגול איז באַלפור? און ללאָיד דזשאָרדזש? און אין אונזער אייגען וועלטעל, ווער איז סאָקאָלאָוו און ווייצמאַן?

ביי אונז האָט מען אייגענטליך אויפגעהערט רעדען פון גלגולים — איך מיין, ביי אונז אין אַמעריקא, האָב איך וועגען דעם זעהר וועניג געהערט אפילו צווישען חסידים, מיט וועלכע

איך קום זיך אַמאָל צונויף. איך גלויב ניט, אַז זיי האָבען אויפגעגעבען די אמונה אין גלגולים, אָבער עס איז ניט אין דער מאָדע, זעהט עס אויס, וועגען דעם מעהר צו רעדען עפענטליך. טראָגען זיי די דאָזיגע סודות ביי זיך אין הארצען און רעדען וועגען דעם א וואָרט ניט צווישען פרעמדע, וואָס וועלען די רעיונות ניט משיג זיין, און נאָך דערפון, חלילה, לאַכען.

בלויז א קרוב מיינער פון באָסטאָן, א הייסער חסיד, פאַר־גינט זיך נאָך מיט מיר אַמאָל א רעד צו טאָן וועגען דעם ענין. ער רעדט וועגען דעם געוועהנליך גאַנץ ברייטלאָך און היימיש: דער גוטער איד איז דער גלגול פון ר׳ מאיר, און יענער — דער גלגול פון שמאי הקפדן.

ער רעדט זיך וועגען דעם מיט אזא זיכערקייט, ווי ער וואָלט זיין דער משגיח אין דעם היכל הנשמות, און האָבענדיג א גוטען זכרון, געדענקט ער אויפ׳ן קאָפּ ווי אזוי מען האָט די דאָזיגע וויכטיגע נשמות צושטעלט.

אָבער ער איז טאַקע בלויז דער איינציגער. די אַנדערע חסידים, וועלכע איך קען, „נעהמען איין א שטילשוויינעניש“ מכח דעם גאַנצען ענין. אָסור לדבר. כאָטש איך געדענק נאָך אליין ווי אזוי דער ענין פון גלגול און דבוק איז געווען דער געוועהנליכסטער געשפּרעך ביי אונז אין הויז. מיין שטיפ־פאָטער, א איד א חסיד און א שטיקעל מקובל, פלעגט מכח דעם שבת פאַרנאַכט ביים שלש־סעודות ניט איינמאָל רעדען מיט זיינע חסידים, וועלכע האָבען זיך ביי אונז צונויפגעקליבען.

„פילע זינדיגע נשמות שוועבען ארום אין דער וועלט און קענען זיך קיין תקון ניט געפינען, ביז זיי וועלען ניט פאַר־ריכטען דעם חטא, וואָס זיי האָבען באַגאַנגען אין ערשטען גלגול. אמאָל ווערען די נשמות מגולגל אין בהמות און אין עופות, רחמנא לצלן, און די נשמות ווערען ערשט דעמאָלט באפרייט פון דעם נע ונד זיין ווען א איד מאַכט אויף דעם עוף אָדער בהמה א ברכה ביי דער שחיטה אָדער שפּעטער ביים עסען. גליקליכערע נשמות קריכען אריין צו מענשען, און אויב זיי

זיינען זוכה, דעמאָלט איז זייער גלגול מתקן דעם חטא שנעל און זיי ווערען שנעל באפרייט פון דעם חומר העכור, וואָס וועגט אויף זיי ווי אַ באַרג".

„עס זיינען אויך פאַראַן הויכע, גרויסע נשמות, וועלכע מען איז מטריח נאָך אַ מאָל אויף דער וועלט מחמת די וועלט קען אָהן זיי ניט אויסקומען. יפתח בדורו — יפתח האָט געהאט די זעלבע נשמה, כאָטש דער גוף איז געווען אַן אַנדערער און דער אויפפיהר אַן אַנדערער, דער שורש נשמה איז אָבער געווען דער זעלבער".

אַזוינע און עהנליכע רייד האָב איך אין מיין יוגענד ניט איין מאָל געהערט. די מעשיות פלעגען אויף מיר אָנוואַרפען אַן אימה, אַ שרעק. שטעלט זיך פאָר: איך עס אַ שטיקעל עוף, לסוף איז מעגליך אַז דאָס איז גאָרניט קיין עוף, נאָר אַ זינדיגער מענש, וועמעס ביינדלאַך איך קנאַק; אַן אומגליקליכע נשמה, וועלכע איז דאָ אין תפיסה און וואַרט אויף מיין ברכה איך זאָל זי באפרייען, און איך גוי האָב פאַרגעסען אַ ברכה מאַכען, אָדער האָב געמאַכט, נאָר אָהן כונה, און דורכדעם פאַר'משפט דעם אונגליקליכען אויף נייע ליידען און יסורים. ווי קען איך דאָס זיך מוחל זיין?

אָדער — איך זיץ מיט אַ אידען און רעד, זאָגען מיר, מיט איצי דעם טרעגער, — איצי, וועלכער טראָגט זיין לייבצודעק אויף דעם העמד אַלס אויבערשטען בגד. איך קען איצי דעם טרעגער גאַנץ גוט. איך מיין אַזוי. אין אמת'ן איז ער גאָרניט ער, נאָר אַ גלגול. מעגליך, אַז יענער, אין דעם ערשטען גלגול, האָט קיין ארבע כנפות ניט געטראָגען, אָדער די ציצית זיינען געווען פסול'דיג, האָט ער געמוזט מגולגל ווערען אין ר' איצי'ן, וועלכער איז דוקא מדקדק אין דער מצוה. ער טראָגט זיין ארבע כנפות אַלס דעם אויבערשטען בגד, און ווען ער רעדט מיט אייך צעהלט ער שטענדיג די פעדים פון די ציצית.

— וואָרום צעהלט איהר עפּעס די פעדים שטענדיג, איצי?

— ביי אַ טרעגער קען זיך אַמאָל אָפּרייסען אַ פאָדים, און

ער זאָל ניט וויסען, און אזוי קען איך, חלילה, עובר זיין אויף אַן עברה, צעהל איך די פעדים, — פארענטפערט זיך פאר מיר ר' איצי, וועלכער איז גאָרניט ר' איצי, נאָר גאָט ווייס ווער. אפשר א גלגול, וואָס וואַרט, אַז אַ לייב שרה'ס זאָל קומען און איהם איינרוימען אין אויער דעם שם המפורש אָדער עפּעס עהנ־ליכעס און גלייך באפרייען די נשמה. ווער זשע איז דער ר' איצי? און ווער בין איך אליין? איך בין איך, נאָר דאָך ניט איך. עס איז משוגע, אָבער מיין פאָטער רעדט מיט זיכערקייט, און ער ווייס.

אזוי פלעגט מען ביי אונז אמאָל רעדען און דענקען. איצט טרעף איך גאָר די רעיונות אין זייערע ספרים. די טעאָזאָפען פיהרען א גאַנצע בוכהאלטעריע וועגען די פארשיידענע נשמות: דער האָט די נשמה פון סאָקראַטעס, און דער — פון פלאַטאָ, דער — די נשמה פון דעם אַפּאָסטאָל, און דער — פון אַן אַנדערען.

און לויט דער רעכענונג קומט אויס, אַז ניטי איז טיטוס. ניטי הצדיק איז טיטוס הרשע. אָדער בעסער געזאָגט, דורך ניטי'ס האנדלונג איז טיטוס געוואָרען אויס רשע, און זיין נשמה, וועלכע האָט ארומגעוואַנדערט גלייך ווי דאָס אידישע פאָלק, וואָס ער האָט פון זיין לאַנד פארטריבען, און זיך קיין רוה ניט געקענט געפינען, וועט ערשט איצטער באקומען איהר מנוחה. אָרימער טיטוס, כ'האָב אַזש רחמנות אויף איהם, כאָטש ער האָט דעם עונש עהרליך פאַרדינט.

בדרך אגב, וואָס איז געוואָרען מיט דער פליג, וואָס פלעגט איהם מיט זיינע קופּערנע נעגעל די נאָז רייסען? וועגען דעם ווערט אַ וואָרט ניט דערמאָנט.

נאָר שפּאָס אַן אַ זייט. דער ענין גלגול איז בדרך כלל אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער געדאַנק. איצט שרעקט ער מיך מעהר ניט, ווייל איך פארשטעה איצט אַז ווען אפילו איך בין איך, ווייס איך אויך ניט ווער איך בין. אמאָל בין איך איינער און אמאָל מעהר פון צוויי. איך קען דעם סוד פון מיין אייגענער

נשמה ניט דערגעהן, און עס ווערט ניט ערגער, חלילה, ווען מיין נשמה איז אימיצענס. נאָכדעם ווי מען לעשט אוים די ליכט און מען ציהט אראָפּ די פאָרהאַנגען, מאַכט מיר שוין ניט אויס צו דער וואָס רעדט מיט מיר טראָגט אַ מאַסקע אויף דעם פּנים אָדער ניט. איך זעה איהם סיי ווי סיי ניט, און מיך אַרט ניט מעהר ווען ער טראָגט אפילו אַ מאַסקע.

מיר דרעהען זיך ארום אין אַ וועלט, וועלכע איז פול מיט סודות און מיסטעריען, איז איין סוד מעהר, איין סוד ווענינער קען קיין אונטערשייד ניט מאַכען.

אם ווענינסטענס דער סוד פון דעם גלגול איז אַ סוד, וואָס מיר האָבען אליין צוגעטראַכט. מיר זעהען אַ מענשען האַנדלען און מיר זאָגען צו זיך: דו קענסט זיך אליין ניט, מיר קענען דיך אַדאי ניט. אָבער געוויסע סמנים ווענען דעם האָבען מיר, ווייל דו האָסט שוין איינמאָל געלעבט און געהאַנדעלט און מיר האָבען דורך דיינע מעשים אַ בליק אין דיין נשמה באַקומען, עפּעס געזעהן, און מיר פאַרשטעהען דיך דאַרום בעסער.

וואָרים נעהמט, למשל, טאַקע דעמזעלבען ניטי. פּלוצלונג איז ער, אַ קינד פון די רוימער, וואָס האָבען אונזער היים צו־שטערט, מיט אמאָל געוואָרען אונזער פריינד און פאַרטיידיגער אין סאַן רעמאָ. עפּעס איז עס משונה'דיג. קומט די ערקלעה־רונג פון דעם גלגול און זאָגט: דער רוימער, וואָס האָט צו־שטערט, האָט דעמאָלט אַ חטא באַגאַנגען און האָט אַן עונש באַקומען. ער איז נע ונד געוואָרען. מדה כנגד מדה. איהם האָט עס אין כף הקלע געוואָרפען, ווי מען וואַרפט מיט דעם אידישען פאָלק. אין פילע מענשען איז ער מגולגל געוואָרען, אָבער עס איז נאָך ניט געווען די געלעגענהייט מתקן צו זיין דעם הויפּט־פעהלער, ביז עס איז געקומען די מלחמה און טיטוס האָט זיך דערשלאָגען צו זיין געלעגענהייט.

לויט דער דאָזיגער ערקלעהרונג קומט אויס, אז עס איז דאָ אַביסעל יושר אויף דער וועלט, און עס איז ניט אַזוי הפקר, ווי מיר זיינען געוואוינט צו גלויבען.

נאָר וואָס זשע דען, אויב יאָ גלגולים, טאָ ווער זיינען די איבעריגע מענשען, וועלכע האָבען געשפּילט אַ פּראָמינענטע ראָלע אין דער דאָזיגער לעצטער היסטאָרישער דראַמע?

ווער איז באַלפור? ער איז, לכל הדעות, כורש מלך פּרס. האָב עס פון טויזענדער מיילער געהערט זאָגען: באַלפור איז דער כורש פון אונזער צייט. נבאו ולא ידעו מה נבאו. זיי מיינען, ער האַנדעלט ווי כורש האָט געהאַנדעלט. אין אמת'ן איז ער ווי זיי זאָגען, ניט ווי זיי מיינען. ער איז כורש. קוקט מען זיך גוט צו צו זיין פּנים, איז עס ניט קיין ענגלישע געזיכט, נאָר אַ פּערסישע. עס וואַלגערען זיך ניט ארום קיין נשמות פון אוהבי־ישראל צווישען די גויים. זיי וואַקסען דאָרט גאַנץ שי־טער. די כורש'ע נשמה, קען זיין, איז גאָר געווען בלעם'ס, וועלכער האָט דער ערשטער ארויסגעזאָגט דעם „מה טובו אוהליך, יעקב, משכנותיך ישראל", און בלעם'ס איז מלכי צדק'ס, דער גוי, וועלכער האָט אין אָנהויב פון אונזער געשיכטע מיט אברהם אָבינו'ן זעהר שעהן געהאַנדעלט. נאָר דאָס איז שוין אַביסעל צו ווייט געגאַנגען.

בקיצור, ווער באַלפור איז ווייסען מיר, אָבער ווער איז ללאָיד דזשאָרדזש? מעגליך, אַז ער איז קראָמוועל. עס לעגט זיך אויפ'ן שכל. ווען איהר פאַרגלייכט די צוויי פּאָליטישע פיגורען, וועט איהר געפינען פיל עהנליכקייט צווישען זייביידע. עס איז דיזעלבע זיכערקייט אין זיך אליין, דיזעלבע קראַפט אין רעדען ווי קראָמוועל, וועלכער האָט זיך ארייגעריסען אין דעם פּאַרלאַמענט און אויסגעשריען: „איך וועל מאַכען אַ סוף צו אייער פּלוידערען". אזוי האָט אויך ללאָיד דזשאָרדזש אין דער צייט פון קריג, ווען דער קאַבינעט האָט גערעדט אָנשטאָט צו־געגרייט אַמוניציע, גענומען די זאַך אין זיינע הענד און נאָכדעם אויך די לייצעס פון דער ממשלה:

„איך וועל מאַכען אַ סוף צו דעם שמועס".

ללאָיד דזשאָרדזש און קראָמוועל. און מען דערמאָנט זיך, אַז עס איז געווען דער דאָזיגער רעוואָלוציאָנער־דיקטאַטאָר,

וועלכער האָט געגעבען רשות די אידען צוריקצוקומען זיך אויף דעם בריטישען אינזעל, נאָכדעם ווי אונזער מנשה בן ישראל האָט איהם באוויזען אַז נאָר דעמאָלט קען קומען משיח און ניט פריהער.

דער אַרגומענט וועגען משיח'ן האָט אויף קראָמוועל'ן געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק: סטייטש, ער זאָל שטעהן אין וועג משיח'ן? ער זאָל מעכב זיין די גאולה? און ער האָט געגעבען די ערלויבניש.

זייט דעמאָלט איז אַוועק אַ צייט. פילע אידען זיינען אריין אין ענגלאַנד און זיינען רייך און שטאַרק געוואָרען, און די גאולה איז נאָך אַלץ ניט געקומען. קראָמוועל'ס נשמה, וועלכע האָט אָנגעהויבען די מצוה און ניט געענדיגט, האָט קיין רוה ניט געפונען, ביז עס איז ניט געקומען ללאָיד דזשאָרדזש-קראָמוועל און די זאַך פאַרענדיגט.

איינער הויבט אָן און ער אַליין ענדיגט, כאָטש דער עולם מיינט אַז עס איז אַן אַנדערער. דער עולם זעהט ניט טיף.

ללאָיד דזשאָרדזש איז קראָמוועל. דאָס איז קלאָר. וואָס מעהר איהר שטודירט דיביידע פּערזאָנען, אַלץ מעהר דערקענט איהר זייער עהנליכקייט. מען דאַרף נאָר האָבען אָפענע אויגען.

אָבער ווער זיינען אונזערע אייגענע — ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו? צו אַלער ערשט איז אינטערעסאַנט זייער געפּאָאַרט זיין — ניט איינער, נאָר צוויי. דאָס איז ניט קיין נייעס אין דער אידישער געשיכטע. בלויז גאָט איז איינער. ווייטער איז אַלץ מעהר פון איינעם.

דער גרויסער משה קומט צוזאַמען מיט אהרון; ער אַליין אָהן אהרונ'ען איז אַ כבד פּה. דוד האָט זיין ארויסהעלפער אין שמואל. עזרא קומט מיט נחמיה. עקיבא קומט מיט בר כוכבא, און גאָר שפּעטער באַווייזען זיך די משיחים, אמת'ע און פאַלשע, אויך צו צוויי — דוד הראובני און שמואל מולכו.

אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע איז דאָסזעלבע: זוגות! הלל און שמאי, רב און שמואל, אביי און רבא. די ביידע זיינען

איינס. ביז צום לעצטען שולחן ערוך, וואָס איז בית יוסף און רמ״א, צוויי וואָס זיינען איינס; ביז הערצל און נאָרדאַו, צוויי וואָס זיינען געווען איינס. נאָרדוי׳ס קראַפט איז געווען גרויס כל זמן הערצל האָט געלעבט, און איז געוואָרען שוואַכער, פיל שוואַכער גלייך נאָך הערצל׳ס טויט.

איצטער האָבען מיר ווייטער צוויי: ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו. בנוגע זייער טעמפּעראַמענט דערמאָנען זיי די אַלע דערמאָנטע פּאָרלאַך. איינער איז רחמים, און דער אַנדערער איז משפּט — אַן אמת׳ער זיווג.

אויף הערצל׳ען פּלעגען אידען צווישען זיך רעדען, אַז ער איז געווען משיח בן יוסף; ער האָט ניט געדאַרפט זוכה זיין צו זעהן מיט זיינע אויגען די גאולה.

די אידען ווילען אפילו אַ משיח׳ן אָהן אַ העלפער ניט אָנטרויען די גאולה. זיי האָבען דאַרום צוויי משיחים, משיח בן יוסף און משיח בן דוד.

ווען קומט משיח בן דוד? די גאולה הויבט זיך שוין אָן און די אידישע וועלט וואַרט אונגעדולדיג אויף דעם, וואָס קען ארץ ישראל איינגעהמען. אָבער ווער זיינען פּאָרט די איצטיגע צוויי מנהיגים?

וואו נעהמט מען די באַקאַנטשאַפט אין דעם היכל־נשמות, וואָס מיין קרוב פון באָסטאָן באַזיצט?

עס ווילט זיך זעהר וויסען, אָבער ווי שטעהט ביי אונז: במופלא ממך אל תדרוש!

בן אָדם, לאָז דעם פאָרהאַנג הענגען, און לאָז דער סוד נאָך בלייבען אַ סוד.

נערוועז

נערוועז־קראנקהייט איז שוין זייט לאנג באקאנט אלס אידישע קראנקהייט. די מעדיצין האט ענטדעקט, אז צווישען אידען געפינט זיך א פיל גרעסערער פראצענט נערוועזע מענשען ווי צווישען אנדערע פעלקער.

נערוועז־קראנקהייט איז אזא געוועהנליכע ערשיינונג צווישען אידען, אז אין אידיש זאגט מען ניט „נערוועז־קראנקהייט" אדער „נערוועזיטעט", ווען מען רעדט וועגען איינעם וואס ליידט דער־פון. מען זאגט פשוט „נערוועז", און דאס איז שוין גענוג. מען פארשטעהט שוין דעמאלט אליין, אז דאס מיינט, אז יענער האט צו טאן מיט די נערוועז, איז קראנק אויף זיי, רחמנא יצילנו.

דער איד וויצעלט זיך איבער קדחת; ער האלט, אז דאס איז גאר קיין קראנקהייט ניט. „פורים איז קיין יום־טוב ניט און קדחת איז קיין קרענק ניט", זאגט זיך א איד. פון וואנען עס נעהמט זיך די דאזיגע המצאה איז שווער צו וויסען. צווישען די קללות, מיט וועלכע אידען באנוצען זיך, פארנעהמט קדחת דוקא אן אנגעזעהענעם פלאץ. „עס זאל דיר כאפען די נייך־יעהריגע קדחת, האלטען און ניט אפלאזען", איז א גאנץ גוט באקאנטע קללה. ווייזט אויס, אז טראץ דעם ווערטעל ווייסען אידען, אז קדחת איז נישקשה פון א קרענק, אז זי קען אמאל ווערען א כפול שמונה׳דיגע אדער גאר אן אייביגע צרה.

מכח נערוועז איז אין אידיש, אזוי ווייט ווי איך געדענק, קיין באשטימט ווערטעל ניטא, וואס זאל ווייזען די באציהונג פון אידען צו דער קראנקהייט. צווישען די קללות, וואס ווערען באנוצט אין אידיש, איז אויך קיין זכר וועגען נערוועז ניטא.

ווייזט אויס, אז דער ענין „נערוועז" איז אַ גאַנץ נייע זאַך צווישען אידען, האָט זיך באוויזען ערשט אין די לעצטע פּאָר דורות.

דערפאר ווען אידען ווילען זיך מכח די נייע צייטען, מיט זייערע נייע־מאָדערנע ווערטער, פאַרגעסען זיי אויך ניט די נערוועז. אמאָל, זאָגען זיי, האָט עס געהייסען פּראָסט משוגע, היינט רופט מען עס נערוועז. דערפון איז צו זעהן, אז דער איד באטראַכט נערוועז, ראשית, אַלס אַ סאָרט משוגעת און, צווייטענס, אַלס אַ מאָדערנע קרענק.

דער איד איז גערעכט איןביידע זאכען: נערוועזע קראנק־הייט איז אַ שטיק משוגעת, אַ מין איינרעדעניש. און עס איז זיכער אויך אַ מאָדערנע זאַך. אַלענפאַלס, די אָפטקייט דערפון האָט פיל צו טאָן מיט אונזער צייט.

עס זיינען שטענדיג געווען „חולי הרוח", מעלאַנכאָליקער, בעלי מרה שחורה. די אידען האָבען שטענדיג געהאַט פילע פון דעם מין. דאָס וואָרט מרה שחורה ווערט גענוצט זעהר אָפט און ביי פילע געלעגענהייטען.

כמעט אין יעדער שטאָדט האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט געליטען פון מעלאַנכאָליע. ער האָט ניט געפעהלט, ווי עס האָט ניט געפעהלט קיין שטאָדט־משוגענער. דער מרה שחורה־ניק האָט באקומען פון דער שטאָדט, פון יונג און אַלט, אַ גאַנץ אנדער באציהונג ווי דער משוגע'נער.

דער משוגע'נער איז געווען דער צייט־פּאַרטרייב פון דער שטאָדט. יעדערער האָט זיך ערלויבט מאַכען מיט איהם שפּאַס, פרעגען איהם אַלערליי פראַגען, כדי ארויסצוקריגען די משוגע'נע ענטפערס. מען האָט זיך ערלויבט צו ערמוטיגען זיינע משונה־דיגע גענג, כדי צו קענען עס זעהן און הנאה האָבען. די על־טערען פלעגען גאַנץ רוהיג צוקוקען ווי די אינגלאַך רינגלען ארום דעם שטאָדט־משוגע'נעם, שרייען און געוואַלדעווען, רייצען איהם און „באַשטעקען איהם מיט פעדערען", אזוי צו זאָגען. זאָלען קינדער הנאה האָבען, האָט עס געהייסען. עלטערען פלעגען זיך

אריינמישען ווען די קונדסים האָבען זיך ערלויבט, חלילה, איהם בייז צו טאָן. געגען רשעות איז מען געווען שטארק אויפגע־בראכט. איז עס אָבער געווען אונשולדיגער שפּאַס, האָט קיינער גאָרניט געהאַט דאַגעגען.

אַנדערש איז עס געווען מיט דעם מרה־שחורה׳ניק. מיט איהם האָט מען ניט געטאָרט שפּאַסען אויף קיין אַרט. מען האָט זיך געהאַלטען פון איהם פון דערווייטענס, מען האָט ווי מורא געהאַט פאַר איהם. נאָך מעהר האָט מען מורא געהאַט פאַר זיינער אַ קללה.

דער מרה־שחורה׳ניק פלעגט געוועהנליך זיצען אין בית־המדרש אין אַ ווינקעל ביי דער הרובע, זיצען אין אַ געוויסער פּאָזע מיט די אויגען געווענדעט צו זיין האַרץ און רעדען צו זיך אליין. אמאָל פלעגט ער אויסברעכען מיט אייניגע אונ־פארשטענדליכע ווערטער, פלעגט געבען אַ ווילדען מרוק. אַ ציטער פלעגט דורכלויפען אין דעם חלל פון בית־המדרש. אַלע אויגען האָבען געקוקט אָנגעשטרענגט און דערשראָקען, אָבער שנעל פלעגט אין ווינקעל צוריק שטיל ווערען. דער מרה שחורה־ניק איז געוואָרען נאָך פינסטערער, נאָך מרה שחורה׳דיגער.

ווען אַ ווייסען חברה׳ניק האָט אמאָל זיך פאַרוואָלט אַ שפּאַס טאָן מיט דעם מרה־שחורה׳ניק, פלעגען די עלטערע אידען גלייך אָנשרייען אויף איהם:

— אוועק, דו שייגעץ איינער, לאָז איהם צורוה.

געוועהנליך פלעגט דער מרה־שחורה׳ניק זיין אַן ערדלער מענש, האָט געהאַט פּרעטענזיעס אויף קבלה, אויף נסתר, און מען האָט אין שטאָדט גערעדט אַז די גאַנצע מרה־שחורה איז דער פּועל־יוצא פון זיין וועלען אויפדעקען געוויסע סודות, וועלכע ער איז ניט געווען ראוי צו וויסען — האָט אפשר געוואָלט מגלה זיין דעם „קץ״, וואָס גרעסערע האָבען פּרובירט און ניט געקענט.

אידען האָבען דערפון ארויסגעטראָגען דעם מוסר־השכל, אַז אַ מענש טאָר זיך ניט רייסען צו הויך, אַז כדי צו פאַרנעהמען זיך מיט נסתר מוז מען זיין אַ בעל־זוכה, מוז מען האָבען אַ

הויכע נשמה, אלא ניט קען מען שלעכט אָפּשניידען, האָבען א מיאוס'ען פּסק.

נערוועז האָט אַ שטיקעל שייכות אויך מיט מרה־שחורה, אָבער טאקע נאָר אַ שטיקעל. נערוועזיטעט איז מעהר ווי דאָס, איז אַ קלאַס פאַר זיך, און איז על פּי רוב דער פּועל יוצא פון איבעראָנשטרענגונג, פון צופיל פאַרברויכען די נערוועז־זאַפט, פון צושטערען די נערוועז־סיסטעם.

די עלטערע אידישע דורות, כאָטש זיי האָבען נאַטירליך צייטענווייז געדאַרפט פיל ליידען און אויסשטעהן אַלס אידען, וואָס האָט זיכער געהאַט אַ שעדליכע ווירקונג אויף זייערע נער־ווען, האָבען אָבער געלעבט פיל רוהיגער ווי די היינט־וועלטיגע, האָבען אויך געהאַט געוויסע מנהגים, וואָס האָבען געהאַט אַ בארוהיגענדע ווירקונג, און גלייכגעשטעלט די צוטרייסלונג.

עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזא קליינינקייט ווי דאַווענען. אַ איד האָט געדאַווענט דריי מאָל אַ טאָג. אין דער צייט פון תפלה האָט ער אַראָפּגעוואָרפען ווי ווייט מעגליך זיין עול, זיינע דאגות, און זיך פאַרטיפט אין דער תפלה, אין דעם טייטש פון די ווערטער, וועלכע רעדען פון גאָט'ס גרויסקייט, פון זיין אויפטו, זיין גערעכטיגקייט, זיין האַלטען דאָס אויג וואַך, אַכטונג גע־בענדיג אויף יעדער בריאה, אפילו אויף דער סאַמע קלענסטער.

דער ניגון אליין האָט בארוהיגט — דער זיס־טרויעריגער ניגון. אביסעל איינטאָניג אָבער דאָך הארציג. די דאָזיגע תפלות דריי מאָל אַ טאָג האָבען געשטאַרקט דעם אידען'ס נער־ווען, האָבען איהם אויפגעהאַלטען און געהיילט.

דאַן זיינען געווען שבתים און ימים טובים. אַ קליינינקייט שבת! איין מאָל אַ וואָך, איין טאָג אין זיבען, האָט דער איד באמת גערוהט, באמת פאַרגעסען אַלע זאָרגען, באמת גאָרניט געטאָן, זיך ניט אויפגערעגט, חלילה, ניט גערעדט איבעריג, מחמת רעדען דברי חול אום שבת איז אַן עברה.

אין די פריהערדיגע דורות איז געוועהנליך דער דורכשניטס איד געווען ווייניגער להוט נאָך תענוגים. עולם הזה איז געווען

א זידעל־וואָרט. אידען האָבען אויך זעהר הויך געשעצט דאָס ריינע, רוהיגע פאַמיליען־לעבען. עס זיינען ניט געווען קיין מיסברויכונגען. ניט איבערגעגעסען זיך, ניט איבערגעטרונקען זיך און ניט געזינדיגט אין אַן אַנדער זין. אַ גוי פרעסט, אַ איד עסט, אַ גוי זשליאָקעט, אַ איד טרינקט; אַלץ איז געווען מיט אַ מאָס און מיט אַ טאַלק, רעגולירט, שולחן־ערוכ'דיג. אויך די באַציהונג צווישען מאַן און פרוי איז רעגולירט געווען, וואָס דאָס האָט געמיינט געזינטערע נערוועז.

יעדע אידישע הויז איז געווען בבחינת סאַניטאַריום. ווי שלעכט עס איז איינעם ניט געגאַנגען אין געשעפט און דער קאָפּ איז איהם געווען פאַרדרעהט און דערשלאָגען, איז ווען ער איז נאָכ'ן טאָג געקומען אהיים, האָט ער זיך דערפרישט און ערהאָלט. די פרוי איז געשטאַנען גרייט איהר מאַן מיט אַלץ צו העלפען און צו דינען, האָט מיט איהם געטיילט לייד און פרייד. די קינדער זיינען ארומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער: דער טאַטע איז אין הויז; שאַ, דער טאַטע איז עפּעס פאַר־דאגה'ט.

ארומגערינגעלט פון פריינד און העלפער אין זיין הויז, וואָס יעדער איינער פון זיי איז גרייט געווען צו געהן פאַר איהם אין פייער, איז דער איד געוואָרען ביי זיך שטייפער און גע־קריגען מעהר מוט, מעהר זיכערקייט ארויסצוגעהן אין דער וועלט צו פיהרען זיין לעבענס־קאַמף.

דער איד פון אמאָל האָט מיט רעכט געקענט זאָגען דעם „מזמור לדוד ה' רועי", די רוהיגע בארוהיגענדע תפלה „על מי מנוחות ינהלני".

ווי אַנדערש איז דער איד פון די היינטיגע דורות: ווי זיינע עלטערען ליידט ער נאָך אויך אַלס איד, און אפשר נאָך מעהר. מחמת אמאָל האָט אַ איד זיך געמאַכט אַ גאַנץ קליינעם צימעס וואָס דער גוי דענקט וועגען איהם. היינט נעהמט זיך אַ איד דערפון שטאַרק צום האַרצען. אמאָל האָט אַ איד זיך געהאַלטען ווייט פון גוי'אישע געזעלשאַפט און אין זייערע „שקאָ־

לעם״ זיינע קינדער ניט געשיקט. היינט קאָסט עס איהם שפיכת דמים ווען מען וויל זיינע קינדער ניט ארייננעהמען אין גימ־נאזיע.

דערצו האָט דער איד פארלאָרען פיל פון זיין אַלטען גוטען גלויבען, און אוועקגעוואָרפען פילע פון די מנהגים, וועלכע זיינען געווען די בעסטע רפואה פאר אָנגעשטרענגטע נערוועז. שבת איז מעהר קיין שבת ניט און יום־טוב איז קיין יום־טוב. א גאנצען טאָג לויפט מען אום הו־הא, מען כאפט, מען דרעהט, אויף דעם הימעל איז א יריד און אין קאָפּ א מיש־מאַש. ניטאָ קיין צייט אויף א רגע זיך אוועקצוזעצען און פארגעסען, קלעה־רען וועגען עפּעס אַנדערש, זינגען, זאָגען מיר, א ניגון. וואָס וואָלט מען געזאָגט ווען א געשעפטס־מאַן זאָל אין דער פריה און פארנאכט אויף א האַלבער שעה אָדער א שעה זיך פלוצים אוועקשטעלען זינגען. מען וואָלט זיך אויסלאכען. ער וואָלט זיך אליין ערקלעהרט פאר א משוגע׳נעם. אי דאָס איז געזונד? מאַלע וואָס עס איז געזונד?! עס זינגט זיך אין קאָפּ און פאר נארישקייטען איז קיין צייט ניטאָ. אמאָל האָט אָבער דער איד יא געזונגען דריי מאָל א טאָג, אין סאַמע מיטען ברען.

דאָס אידישע הויז איז אויך ניט מעהר דאָס וואָס געווען. די היינטיגע קינדער זיינען ניט מעהר אזוי געטריי די עלטערען, זיינען על פי רוב קידער־ווידער מיט די עלטערען. דעם גייסט פון יאָגעניש איז צו געפינען אויך אין הויז. דער פאָטער דארף זיך אויספיינעז פאר זיינע אייגענע קינדער, פאר זיין אייגענער פרוי. ער שטיקט די דאגות אין זיך און דערצעהלט ניט קיינעם וועגען דעם, און דאָס ווירקט נאַטירליך זעהר שלעכט אויף די נערוועז.

דערצו האָט איצט דער דורכשניטס־איד צו גרויסע אויגען. יעדער וויל צופיל לעבען און תענוג האָבען. א משכון צו פאר־זעצען און נאָכטאַנצען דעם ווילדען שפּיל, כאָטש מעג עס נאָכ־דעם פארשאפען מי יודע וויפיל קאָפּ־דרעהעניש און האַרצ־עסעניש.

אלץ איז כדאי אבי צו האבען כלומרשט'ען תענוג, כאטש נאכדעם באצאהלט מען דערפאר טייער, מיט דעם גוף און מיט דעם נפש.

אין אמעריקא איז קיין באזונדער סטאטיסטיק וועגען נערוועז־קראנקהייט צווישען אידען ניטא. איך בין אבער זיכער, אז מיר מוזען דא האבען דעם מין קרענק די והותר, כאטש מיר ליידען דא אלס אידען דערוויל גאנץ ווייניג.

די אמעריקאנער אין אלגעמיין ליידען פיל פון נערוועז־קראנקהייט. דער רעש און דער טומעל אין די גרויסע שטעדט קענען דא איינעם אפילו משוגע מאכען, ווער רעדט שוין פון נערוועזיטעט. די גויים אבער האבען כאטש געוויסע „ספארטס“, וואס ווירקען געגען נערוועזיטעט. די אידען ווייסען דערפון דערוויל ווייניג, ליידען זיי פון די נערוועז געוויס פיל מעהר.

ערפינדונג און רייכטום.

„דער מענש איז די חיה פון ערפינדונגען". מיט דער הילף פון די ערפינדונגען איז דער מענש געוואָרען דער קעניג איבער אַלע חיות. מיט דער הילף פון פייל און בויגען איז ער שטאַרקער פון דעם לייב; מיט דער הילף פון שיף שווימט ער שנעלער פון דעם פיש; מיט דער הילף פון לייטער קלעטערט ער שנעלער פון דעם וועוועריק. דער מענש קומט זיינע באגרעניצטע אברים צו הילף מיט זיינע ערפינדונגען. זיין האנד ווערט לענגער, זיינע פיס לויפען שנעלער, זיינע כחות ווערען פארצעהנפאכט — אַלץ אַ דאנק די ערפינדונגען.

פון ערשטען טאָג אָן וואָס מענש איז מענש, וואָס מיר קענען איהם אַלס אַזעלכען, איז ער געווען ערפינדער. ווען ער האָט גענומען אַ שטיין אין דער האנד, כדי מיט איהם צו צוקלאַפּען אַ הארטע נוס, איז ער געוועזן ערפינדער; ווען ער האָט גענומען אַ לאנגען שטעקען און מיט איהם אראָפּגעקלאַפּט אַ פרוכט פון בוים, איז ער געוועזן ערפינדער.

דער מענש האָט געשאַפען די ערפינדונגען און די ערפינדונגען האָבען איבערגעשאַפען דעם מענשען. זיי באשטימען זיין איינפיהר, זיין כאַראַקטער און זיין גייסטיגע פיזיאָגנאָמיע ביז אַ זעהר גרויסען גראַד.

די ערפינדונג איז דער ערשטער קוואַל פון מענשליכען רייכטום. די חיות, וואָס האָבען ניט קיין ערפינדונגען, האָבען אויך ניט קיין רייכטום. עס געפינען זיך איינינגע חיות, וואָס ווייסען ווי אָנצוגרייטען אים זומער אויף דעם ווינטער, אָבער ווייטער ווי דאָס געהט עס ניט ביי זיי. די ביטערע נויט האָט זיי געלערענט די מדה פון שפּאָרען און באהאַלטען — אַ מדה וואָס פאָדערט פאָראויסזעהן ביז אַ געוויסען גראַד און פאַר־

שטאנד, אָבער זיי האָבען ניט גענוג פּאַראויסזעהן און פאַר־שטאַנד צו באַנוצען זיך מיט אַנדערע מיטעל אויסער מיט זייערע אייגענע אברים פאַר זייער דערהאַלטונג. דער איינ־ציגער, וואָס האָט עס געטאָן, איז דער מענש.

דער מענש, אפילו דער ווילדעסטער, איז ארומגערינגעלט מיט ערפינדונגען, וועלכע ווערען ניט באטראכט מעהר פאר ערפינדונגען. זיין הויז, דער דאַך אויף דעם הויז, די טיר, א לאָך אין דער וואַנד דורך וועלכען עס זאָל אריינקומען דאָס ליכט — דאָס זיינען אַלץ וויכטיגע ערפינדונגען, כאָטש זיי ווערען ניט באַטראַכט אַלס ערפינדונגען, ווי, לאָמיר זאָגען דער טע־לעפאָן, אָדער דער טעלעגראַף. אָבער אין דער אמת'ן האָבען יענע ערפינדונגען, ווי א הויז און אַ טיר, געפאָדערט פון דעם ערשטען מענשען מעהר אָנשטרענגונג, זיינען געווען גרע־סערע און אויך פיל מעהרביישטייערענדע פאַקטאָרען אין דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען, ווי עס קען זיין דער טעלעפאָן און דער טעלעגראַף.

די ערפינדונגען, וואָס האָבען דעם מענשען געהאָלפען שאַ־פען רייכטום, האָבען איהם געמאַכט אונאָפּהענגיג ביז אַ גע־וויסען גראַד פון צופאַלען, געלאָזט איהם קאָנטראָלירען, ביז אַ גע־וויסען גראַד, זיין אייגענעם גורל. אָבער דאָך ביז גאָר ניט לאַנג, ביז אַ צוויי הונדערט יאָהר צוריק, האָבען די מענשען ניט גע־שאַפען קיין פיל רייכטום. דער מענש מיט אַלע זיינע ערפינ־דונגען האָט דאָך געמוזט אַרבייטען זעהר שווער אויף זיין שטיקעל ברויט, אויף זיין לעבענס־מיטעל.

עס זיינען געווען ערפינדונגען, אָבער עס איז נאָך ניט געווען די מאַשין, וועלכע קען פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם מענשען. ערשט ווען די מאַשין איז ערפונדען געוואָרען האָט דער מענש גענומען אָנזאַמלען פיל פאַרמעגען און רייכטום.

די אַלע ערפינדונגען, וועלכע האָבען גענומען פאַרמעהרען דאָס מענשליכע רייכטום אויף אַ פאַבעלהאַפטען אופן, זיינען געמאַכט געוואָרען ערשט אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָהר.

איידער וואט האָט ערפונדען די דאַמף־מאַשין האָבען מענ־ שען געטראָגען האַנד־געשפּונענע קליידער און מען איז נאָך גע־ פאָהרען מיט דער אָקס. אונזער וועלט איז געווען אַזאַ ווייטע, אַזאַ צואוואָרפענע.

זיינען געקומען די נייע ערפינדונגען און האָבען אונזער וועלטעל געמאַכט אַזוי קליין, אַזוי נאָהענט, און האָבען דעם פשוט'ען מענשען געגעבען די מעגליכקייט צו לעבען גאַנץ אַנ־ דערש, צו לעבען ווי עס האָבען אַמאָל ניט געלעבט קיין מלכים און פּרינצען, און צו דער זעלבער צייט זאָל ער נאָך קענען שפּאָרען און זאַמלען רייכטום אָהן אַ שיעור.

דער מענש האָט איינגעשפּאַנט דעם דאַמף און שפּעטער די עלעקטריע — נייע כחות, וואָס אַרבייטען פאַר איהם אָהן אויפהער, גולמות וואָס טראָגען זיין לאַסט, שעפּען זיין וואַסער און האַקען זיין האָלץ און טוען אַלע אַנדערע עבודת פּרך.

ערשט מיט אַ הונדערט און פערציג יאָהר צוריק האָבען מענשען נאָך ניט געוואוסט וואָס הייסט גלעזערנע פענסטער. מען האָט ניט געוואוסט וואָס הייסט ווענטילאַציע, וואַסער־ ליטונג און פילע אַנדערע באַקוועמליכקייטען, וואָס זיינען היינט פאַראַן אין די אָרימסטע הייזער. דאָס האָט זיך אַלץ געענ־ דערט כמעט אין אונזער צייט.

אין אָנהויב איז איין ערפינדונג נאָך געווען אָפּגערוקט פון אַנדערער מיט צעהנדליגער יאָהרען.

אין 1826 איז ערפונדען געוואָרען די ערשטע באַהן, וואָס איז געוואָרען וויכטיגער פון דער שיף, וואָס פלעגט זיך שלעפּען אויף די טייכען און קאַנאַלען. אין 1835 איז ערפונדען גע־ וואָרען דער ערשטער עלעקטרישער טעלעגראַף. דאָס הייסט, אַז עס האָט גענומען אַ קימא־לן פון צעהן יאָהר פון איין ער־ פינדונג ביז דער אַנדערער, און עס פלעגט אויך נעהמען צעהנד־ ליגער יאָהרען איידער אַן ערפינדונג פלעגט פאַרפאָלקאָמט ווע־ רען. דער מענש אַליין האָט זיך עפּעס ווי געוואונדערט אויף

דער מאַשין און איז נאָך געווען צו פּאַמעלאַך אין זיינע באַוועגונגען, כדי צו קענען נאָכהאַלטען דער מאַשין. די ערשטע נאָגעל־מאַכענדע מאַשין איז ערפונדען געוואָרען אין 1786, אָבער עס האָט גענומען גאַנצע פערציג יאָהר איידער די מאַשין האָט זיך פאַרשפּרייט. דער מענש האָט אזוי ווי זיך געשראָקען פאַר דער ערפינדונג, און מיט שוועריגקייטען זי געלאָזט זיך באַפעסטיגען.

היינט איז עס גאַנץ אַנדערש. היינט קומען ערפינדונגען נאָך ערפינדונגען. מען קען גאָרניט נאָכהאַלטען דעם חשבון. אין יעדען פאַך ווערען געמאַכט נייע ערפינדונגען פאַר דעם צוועק צו שפּאָרען אַרבייט, צו שפּאָרען צייט, צו פאַרמעהרען רייכטום.

דער מענש איז אונטער דעם איינפלוס פון דער מאַשין אַליין געוואָרען שנעלער, גייציגער, ריהרעווודיגער, און ער שרעקט זיך ניט מעהר פאַר דער מאַשין. זי איז געוואָרען אַ היימישע חיה. ער שפּילט זיך מיט איהר און זי פאַרוויילט זיין צייט. ער געהט מיט מאַשינען, ער איז ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט מאַשינען, זיי זיינען אין די ווענד, אין די סטעליעס, אומעטום מאַשינען און ערפינדונגען.

עס וואַקסט דאָס מענשליכע רייכטום, כאָטש יעדער מענש פאַרצעהרט איצט צעהן מאָל אזוי פיל וויפיל אַ מענש האָט אַמאָל פאַרצעהרט. דער מענש עסט היינט פיל מעהר און פאַרשיידענאַרטיגער, טראָגט אַלערליי קליידער און בייט זיי עפטער, וואוינט אין ברייטע, גרויסע הייזער, און דאָך וואַקסט דאָס מענשליכע רייכטום.

טויזענדע זאַכען, וואָס דער מענש האָט פריהער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי, זיינען איצט אַ טייל פון זיין געברויך, פון זיין לעבענס־מיטעל. קוילען און נאַפט, קוועלען אָנגעזאַמעלט משֵשת ימי בראשית, האָבען מיליאָנען יאָהרען נוצלאָז געוואַרט אויף אונזערע דורות, אַז מיר זאָלען קומען און זיי אויסנוצען. און דאָך זאָרגט שוין דער היינטיגער מענש, וואָס וועט

זיין ווען די קוילען וועלען אויסגעהן; וואָס וועט זיין ווען דאָס אויל וועט זיך אויסשעפּען? וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין? דער מענש קלעהרט שנעלער און זאָרגט אויף שפּעטער פּיל מעהר, ווייל די וועלט זעהט איהם איצט אויס קלענער, ווייל זי איז באמת קלענער געוואָרען, ווייל כאָטש ער שאַפט אזוי פּיל, פאַרברויכט ער דאָך אזוי פּיל.

ער זוכט שוין נייע מיטלען איינצושפּאַנען נייע קרעפטען. לעצטענס האָט ער פון דעם וואסער־פאַל גענומען ציהען ליכט, קראַפט, פייער. זיינען זיך געלאָפען די וואסערען פון די בערג און מיט א קראַך ארונטערגעפאַלען אין די טאָלען פאַר דעם שפּיל און שרעק פון דעם מענשען פאַר צעהנדליגע מויזענדע דורות, און ביז צו אונזער צייט האָט קיינער ניט געקלעהרט אָט די קראַפט וואָס איז נעגאַנגען לאבוד איינצושפּאַנען, ביז עס זיינען געקומען אונזערע דורות און געזאָגט, דאָס וואַסער זאָל דינען דעם מענשען, זאָל ווערען ליכט און קראַפט, און עס איז געוואָרען. אָמר — ויהי!

דער מענש זאָרגט אָבער אַלץ: וואָס וועט זיין ווען עס וועט ניט זיין מעהר קיין קראַפט צו ווארימען קאַלטע געגענדען, צו שאַפען פאַר דעם מענשען די מעגליכקייט צו לעבען?

מיט די ערפינדונגען פארמעהרט זיך אויך די צאָהל מענשען גופא. אויך זייער צאָהל וואקסט, ווייל די ערפינדונגען אין דער מעדיצין פאַרניכטען קראנקהייטען. דער הונגער אין א געגענד איז אן אומגליק, אָבער מיט די היינטיגע פארקעהר־מיטלען איז עס גרינג פאַר די אַנדערע, געבענשטע געגענדען, זיי צו קומען צו הילף. די סכנה, אַז מענשען זאָלען שטאַרבען פון הונגער איז היינט זעהר קליין, אפילו אין דער אָפּגעשטאַנענער רוסלאַנד אָדער כינא. די מגפה האָט איצט ניט מעהר פאַר דעם מענשען דעם אמאָליגען שרעק. דער מענשליכער ערפינדערישער מוח, באַלאָדען מיט זיינע ערפינדערישע אויגען, מיט׳ן מיקראָ־סקאָפּ, האָט אויך ענטדעקט די גאַנצע מיקראָבען־וועלט, און ער האָט געגעבען די קלענסטע משחיתים געפונען /סאמף־מיטלען. די

צאָהל פון מענשען וואקסט, דאָס רייכטום וואקסט, אָבער דער מענש זאָרגט דאָך.

און די זאָרג טרייבט דעם מענשען צו אַלץ נייע ערפינדונגען. עס איז שווער צו זאָגען וועלכע עלעמענטען דער מענש וועט נאָך איינשפאַנען, וועלכע נייע עלעמענטען און מינעראַלען ער וועט נאָך געפינען, וואָס וועלען איהם העלפען לעבען און לעבען.

ראַדיום איז ביז איצט געווען אין זעהר אַ באַגרענעצטער קוואַנטיטעט. הערט מען איצט אָבער, אַז עס זיינען געפונען געוואָרען נייע פעלדער מיט מאַטעריאַל, וואָס וועט אונז געבען גענוג ראַדיום.

פון רוסלאַנד איז לעצטענס אָנגעקומען אַ דעפּעשע, אַז אַ געוויסער פּראָפעסאָר האָט ערפונדען ווי אזוי צו שלעפּען קראַפט פון דער לופט, נאָר ער האַלט נאָך די ערפינדונג בסוד. לאַנג וועט ער עס אָבער ניט קענען האַלטען בסוד. אויב אַזאַ זאַך ווי קראַפט אין דער לופט איז מעגליך, דעמאָלט עפענען זיך פאַר דעם מענשען אויף די קאַלטע אייז־געגענדען; לופט איז דאָרט פאַראַן גענוג. און ווען עס וועט זיין קראַפט, וועט זיין אַלץ.

דער מענש אַרבייט נאָך דערוויייל שווער. ער קען שוין אַרבייטען פיל לייכטער. די מאַשין האָט עס מעגליך געמאַכט, נאָר עס ליגט נאָך אויף דעם מענשען די מורא, אַז טאָמער וועט ער ניט אַרבייטען שווער גענוג וועט ער פאַרהונגערען. עס איז אַן איבערבלייב פון אַלטע צייטען. די מורא נעהמט אָבער ביס־לאַכווייז פאַרשווינדען. דער היינטיגער אַרבייטער אַרבייט איצט פיל וועניגער אין אַ חודש, ווי אַן אמאָליגער אַרבייטער פלעגט אַרבייטען אין אַ סעזאָן.

דער מענש וועט מיט דער צייט נאָך וועניגער אַרבייטען. דאָס וועט געשעהן ניט אזוי דורך געזעצען און רעזאָלוציעס ווי דורך די ערפינדונגען, וואָס מאַכען עס מעגליך און צווינגען כמעט דעם מענשען זיך צו נעהמען פרייע צייט, כדי צו קענען פאַרברויכען כאָטש אַ קליינעם טייל פון דאָס אַלץ וואָס די מאַשינען שאַפען.

דער איינגעוואַנדערטער אידישער אינטעליגענט.

איהר געדענקט דאָך די מעשה מיט ראָבינזאָן קרוזאָ? איהר האָט דאָך אין אייער יוגענד געוויס פאַרגאָסען אַ ווארימע טרעהר אויף דעם אונגליקליכען מענשען, וועלכער איז פאַרוואָרפען גע־וואָרען אויף אַ ווילדען אינזעל. אָרימער ראָבינזאָן קרוזאָ! אָפּגעריסען פון פריינד, פון באקאנטע, איינער אליין ווי אַ שטיין אויף אַן אינזעל, ניטאָ צו ווענדען אַ וואָרט אויסצורייידען, כאָטש שלאָג זיך קאָפּ אין דער וואנד, — איז אָבער אפילו קיין ריכ־טיגע וואנד ניטאָ.

פיל אונגליקליכער אפילו פון קרוזאָ'ן איז דער איינגעוואנ־דערטער אידישער אינטעליגענט אין אַמעריקא. יענער האָט כאָטש געהאַט מיט זיך אַ פּאָפּוגאַי, וועלכער האָט די לעערע איינזאַמקייט איבערגעריסען, וועלכער פלעגט מיט ווארימקייט דעם נאָמען „קרוזאָ!“ אויסשרייען און וועלכער האָט מיט זיין שרייען פילע שעהנע עראינערונגען אין קרוזאָ'ן אויפגעוועקט און האָפנונגען דערוועקט: ער איז דאָ אויף דערווייל. די היים איז ערגעץ אַנדערש, און דאָרט איז ער ניט עלענד. ק־ר־ו־זאָ. דאָרט אין דער היים זיינען נאָך פאַראַן קרוזאָ'ס פריינד און ליבע. דער אידישער אינטעליגענט אָבער איז אפילו אין דער היים אויך ניט אין דער היים.

ער האָט דאָ זיינע עלטערען — די זעלבע טאַטע־מאַמע, די זעלבע און דאָך ניט די זעלבע. אין דער היים האָט דער טאַטע באַפוילען קעניגליך. האָסט פאַר דיר געזעהן אַ מאַן מיט אַ גלייכען רוקען, מיט כאַראַקטער, וואָס ווייס זיין ווערדע, וואָס ווייס ווער עלטער איז, און דיר האָט אימפּאָנירט צו האָבען

אַזאַ פֿאָטער. עס האָט דיר אַליין צוגעגעבן שטאַרקייט, האָסט בײַ זיך געפֿיהלט אַז סוף כּל סוף ביזטו נישט עלענד, אַז דו האָסט אַ פֿאָטער אויף וועמען מען קען זיך פֿאַרלאָזען אין אַ צייט פֿון פֿאַרלעגענהייט, אַז דו קענסט בײַ איהם פֿרעגען אַן עצה, אַז דו קענסט זיך פֿאַר איהם פֿאַרקלאָגען, אויף זיין אַקסעל פֿאַלען און זאָגען צו איהם: „טאַטע, דו פֿאַרשטעהסט?" און ער וועט פֿאַר־שטעהן. וואָס איז אָבער דאָ, אין אַמעריקאַ, אַ טאַטע? עפּעס אַ איד אַ לעמעשקע, וועלכער האָט מורא אַ הויך וואָרט אַרויס־צורעדען, וועלכער קוקט אין די אויגען אַריין מיט אַזוי פֿיל נעביכדיגקייט, מיט אַזוי פֿיל אונטערטעניגקייט, ווי ער וואָלט זיין ניט קיין טאַטע נאָר אַ קנעכט. ער האָט אין זיין האַרץ געוויס אַ תּרעומות, און דאָך זאָגט ער גאָר ניט, נאָר שמייכעלט נאַריש, און לעגט יעדע מינוט צו: „עס איז אַמעריקאַ!" איז עס דערפֿאַר ווייל ער קריגט פֿון די קינדער די עטליכע דאָלאַר אויף צו לעבען וואָס ער האָט אַזוי זיין שטאָלץ פֿאַרלאָרען, וואָס זיין רוקען־ביין איז אַזוי ווייך געוואָרען? יעדענפֿאַלס איז אַ רחמנות אויף דיין פֿאָטער. עס איז דיר אַ בזיון פֿאַר דיין אייגענעם טאַטען. סטייטש, ער . . . עס פּאַסט דיר ניט דער יחוס, און עס איז דיר אַ רחמנות אויף זיך. שטעהענדיג פֿאַר איהם דערפֿיהלסטו דיין אייגענעם גרויסען עלענד. דו ביזט דאָ אַליין. אין דער גרויסער פֿאַרלעגענהייט האָסטו ניט צו וועמען צו ריידען און מוזט זיך וואַרגען מיט דיינע ווערטער אין האַלז.

עס איז די זעלבע מאַמע און דאָך ניט די זעלבע. עפּעס קען זי דעם ריכטיגען טאָן ניט געפֿינען. „זוהנעלע!" און זי שטויבט דיר אָפּ דעם קאָלנער פֿון רעקעל; עפּעס וואָלט זי וועלען זאָגען, נאָר זי האָט מורא. זי הויבט אָן און פֿאַרכאַפּט זיך. זי האָט איהר גלייכגעוויכט פֿאַרלאָרען. זי שטעהט אַ פֿאַר־ציטערטע. „זוהנעלע"! — אַזאַ מחיה'דיג וואָרט. וואָרום־זשע רעדט זי ניט? וואָרום נעהמט זי ניט דיין האַנד אין איהרער, ווי זי פֿלעגט עס טאָן אין דער היים, און מוסר'ן מיט קלוגע רייד, מיט ליכטיגע אויגען? זי שטרעקט אויס די האַנד, נאָר די האַנד

בלייבט הענגען אין דער לופט. זי סמייעט ניט. זי געטרויט איהר אייגען קינד ניט. זי שעהמט זיך זיין סענטימענטאל אין דער פּראקטישער מדינה. זי האָט מורא טאָמער גיט דער זוהן א זאָג: „מאַמע, וואָס טאַפּסטו מיר די האַנד? כ'האָב אין איהר קיין געלד ניט!" א קשיא אויף אמעריקא. וויל זי ניט איינ־שטעלען. דו געפינסט אויף איהר א זכות, געהסט אוועק מיט א צוריסען הארץ, אָבער דיר איז דאָך אזוי קאַלט, אזוי קאַלט, פּיהלסט זיך אזוי עלענד.

און די פריינד דאָ? וואָס איז מיט זיי געוואָרען? האָסט אין דער היים מיט זיי געלערענט צוזאַמען, געארבייט צוזאַמען און פיל מאָל פארבראכט צוזאַמען. זיי זיינען געווען אזעלכע בארעדעוודיגע, אנטיילנעהמענדע. זיי האָבען געוואָלט וויסען וואָס דו מאכסט און זיינען גרייט געווען דיר צו דערצעהלען וואָס זיי טוען, זיי פלעגען חלומ'ען אין דער הויף און רעדען וועגען זייערע האָפנונגען, טיילען לייד און פרייד. און דאָ? מע טרעפט זיך זעלטען און ווען דו קומסט אמאָל צו דיין פריינד, ווייסטו ניט פון וואַנען אָנצוהויבען. זיצט מען אביסעל און מען שווייגט און מען לאַנגווייליגט זיך. ווארפט מען זיך איבער מיט א פראַגע צוליב פאָרמע וועגען: „ווי געהט'ס?" „גאָר ניט!" „אזוי!" „אָל־ראַיט!" ווען עס געהט גוט, גלוסט זיך אביסעל א באריהם צו טאָן כדי אויפצואוועקען קנאה ביי דיין אייגענעם פריינד. אן ערנסטען שמועס קען מען אפילו ניט אָנהויבען. די גאַנצע אטמאָספערע איז געגען. עס וואָלט דאָך געווים קלינגען מאָדנע ווען דו זאָלסט פּלוצלונג ארוים מיט דער שפּראך למשל אזוי: מיין פריינד, איך בין אונגליקליך, מיך פּלאָגט א פראַגע א. ז. וו. נארישקייטען! ווי קען מען אזוינס טאָן ווען יענער רעדט אין דער וועלט אריין, קאַלט, אָהן הארץ. וואָלט ער זיך ניט שעהמען, וואָלט ער א קוק טאָן אויף דעם זייגער און פרעגען: ביז ווי לאַנג וועט איהר דאָ נאָך זיצען? נאָר ער טוט עס ניט. דאָך געגעצט ער אונטער און דאַנקט גאָט ווען מען געהט איבער אויף א געשפּרעך וועגען דעם לעצטען בילד פון טשארלי טשאַפּ־

לין — אי איז ער גוט, אי איז ער קאָמיש — וועגען די סאָפּראַ־דזשעטס, וועגען אַ נעכטיגען טאָג. דאָן ווערט די אַטמאָ־ספערע ווארימער, מען פּלוידערט און עס נודיעט אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין, און דו זיצסט און דאָס האַרץ ציהט, און דו קוקסט אויף דיין פריינד: דוכט זיך ער און ניט ער; עס וועהט אַ קעלט פון איהם. רק ער רעדט פון זיין גרויסקייט, און אַלץ מיט אַזאַ באַריהמערישען טאָן, אַלאַ באַרנום און ביילי, אַז עס נעהמט דיר ניט גוט ווערען פּשוט, און דו זיצסט ביז די צייט קומט אוועקצוגעהן און איהר דריקט זיך די הענד און איהר פיהלט, אַז יאָהרען וועלען אוועק און מען וועט זיך ווייטער ניט זעהן. עפּעס שיינט ביי דיין פריינד עפּעס אין אויג אַזאַ מין קעלבערנעס, אַזאַ מין פּאַרווירטקייט, און די צונג טעלעבענדעט זיך און זי קען קיין ריכטיג האַרציג וואָרט ניט געפינען. נאָר דאָך, זעהט אויס, האָט ער ביי דער ענדע דערפיהלט, אַז עפּעס איז דאָ אַלץ ניט געווען כשורה. עס האָט אפשר פאַר זיין אויג אַ בליץ געטאָן אַ סצענע פון דער היים און ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענער פריינדשאַפט, און איהם טוט באַנג. אפשר. נאָר וואָס איז דען דערפון? דו געהסט אוועק און איהר וועט זיך שוין אָדער גאָרניט זעהן מעהר אָדער נאָך פיל זעלטענער ווי פריהער.

דו קומסט אַמאָל ארויף צו דיינע לאַנדסלייט, טרעפסטו דאָרט פילע מענשען, פּשוט'ע מענשען. מען זיצט, מען רעדט פון אַלץ און מען לאַכט, מען שפּילט אַמאָל אַ קערטעל און מען איז צופרידען. און מען רעדט פון דער ארבייט. דיר דוכט, אַז עפּעס אַ געוויסע ווארימקייט איז דאָרט יאָ פאַראַן. איין לאַנדסמאַן נעהמט דעם אַנדערען צו זיך אין שאַפּ אריין. אַן אַנדערער האָט דעם צווייטען אַ גמילות חסד געליהען, אַז ער זאָל קויפען אַ „סטענד" און זיך ניט דאַרפען מוטשען און פאַרפינ־סטערט ווערען אין שאַפּ. אַ דריטער האָט ארויסגענומען אַן „אינשורענס פּאָליסי", מחמת דער אינשורענס־אַגענט איז אַ היימישער מענש און מען דאַרף איהם געבען אַ „שאָו". אַ פערד־טער פרעגט וואו וואוינט דער מוהל פון זיין שטעדטעל, ווייל ער

ווײַל אַז דער בעל־הבית'ישער איד פון זײַן שטאָדט זאָל זײַן אויף זײַן קינד'ס ברית דער מוהל.

עפּעס פלאָטערט אין הויז די היימישקייט. זי קלאַפּט שוואַך מיט די פליגעל. זי איז אָבער פאַראַן. דו, אינטעליגענט, קענסט זיך אָבער צו דער סביבה ניט צופּאַסען. דו זיצסט דאָרט אַ פרעמדער, די לאַנדסלייט זײַנען דיר אפילו מכבד, אָבער דו האָסט מיט זיי ניט קיין געמיינשאַפטליכעס און דו דאַנקסט גאָט ווען דו אַנטלויפסט.

דו ביזט זיי פרעמד און זיי זײַנען דיר פרעמד. דאָס מאָל זײַנען זיי ניט שולדיג, נאָר דו אַליין ביזט שולדיג, און דאָך קען מען דיך אויך ניט באַשולדיגען. עס זײַנען ניט די זעלבע „לאַנדסלייט". דאָס פּעדימעל, וואָס האָט דיך אין דער היים צו־געבונדען צום פּשוט'ען מענשען, איז דאָ איבערגעריסען געוואָרען, צושניטען געוואָרען. אין דער היים זײַנען געווען אַלגעמיינע אינטערעסען — איין שטאָדט, איין שוהל, איין אידישקייט, וואָס האָט דיך אַרומגענומען מיט איהר הארציגקייט. דאָ זײַנען זיי פאַר זיך. און דו ביזט דאָך אודאי פאַר זיך און פּייניגסט זיך אָפּ דאָס לעבען.

קען מען דען צוגלייכען די לאַגע פון אַ קרוזאָ צו דער לאַגע פון דעם אידישען אינטעליגענט דאָ? יענער איז אויף אַן אינזעל, אָהן אַ היים, און דער איז אפילו אין דער היים אין דער היים ניטאָ. קרוזאָ, ווי איינזאַם ער איז געווען, איז ער דאָך אָבער אַליין געווען שעפער. ער האָט דאָרט אויף דעם אינזעל זײַן אייגענע נעסט געמאַכט. ער האָט געזעעט און געשניטען, איז מיט זײַן ביקס אויף דעם אַקסעל אויף דער יאַגד געגאַנגען און זיך זײַן שפּייז געקראָגען. ער האָט מיט דעם ביסעל כלים און אינסטרומענטען, וואָס ער האָט אויף דער שיף געהאַט, אַ ציוויליזירטען ווינקעל אויף דער ווילדע וויסטע פאַרפלאַנצט. ער האָט אָנגעהויבען פון אָנהויב. ער איז געווען שעפער, בראשית... דאָס אינזעל איז געווען תהו־ובהו. אָבער דאָס האָט געדויערט ניט לאַנג, נאָר אַזוי לאַנג ביז דער גייסט פון קרוזאָ האָט גענומען אויף איהם שוועבען. עס

האָט געגומען בליהען אַרום. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַ געביידע. קרוזאָ האָט געמוזט שטאָלץ זיין אויף זיך אַליין און טיף אין זיין ברוסט האָט ער געמוזט פיהלען די פרייד פון שאַפונג. ער האָט זיין גאַנצען מוט צונויפגעקליבען, דאָס שטאָל און אייזען אין זיין בלוט צונויפגענומען און די וויסטע געצוימט.

לען עס זאָגען אויף זיך דער איינגעוואַנדערטער אידישער אינטעליגענט אין אַמעריקאַ? ער איז דאָ אַ פאַרלוירענער. זיין גייסט איז געקרייציגט, גע'סדום-בעטעל'ט. ער לויפט דאָ מיט דעם שטראָם און עס איז אָל־ראַיט. ער האָט דאָ נאָך דערוויילגאַנץ ווייניג אויפגעטאָן. עפּעס איז דאָ געשאַפען געוואָרען, און אפשר האָט ער אויך אין דעם פּראָצעס געהאַט אַ חלק, איז דאָס אָבער אַלץ געקומען בהסח־הדעת, אָהן שום האַרציגען אַנטייל, — גאָר ניט, געשטופּט די טאַטשקע מיט דער קראַפט פון אינערציע, מיט אויסגעלאָשענע געפיהלען, מיט כעס אויף זיך און אויף די מענשען אַרום, פיהלענדיג עלענד און גייסטיג צובראָכען די גאַנצע צייט, אָהן שוץ געגען אַן אינוועניגסטען שטורם, אָהן הילף געגען אַן אויסוועניגסטען שטורם.

קרוזאָ האָט אין די סאַמע טרויעריגסטע, אין די סאַמע טראַגישסטע מינוטען פון זיין לעבען אויף דעם אינזעל, — ווען וואַסערען זיינען געלאָפען מיט אימפּעט איבער זיין אויסגעבויטע נעסט, ווען אַלץ אַרום האָט געטראָגען די טרויעריגע בשורה פון פאַרלענדונג און אונטערגאַנג, — דאָך אינגאַנצען די האָפנונג ניט פאַרלוירען. איהם האָט אַלץ איין מחשבה געמוזט טרייסטען: „עס וועט פריהער אָדער שפּעטער אַ שיף קומען און מיך פון דאַנען נעהמען צוריק צו מיין היים, צוריק צום ישוב". האָט ער זיך אויפגעהאַלטען ווי ער האָט געקענט, און געוואַרט. אויף וואָס וואַרט דער אינטעליגענט, ווען ער זעהט די וואַסערען רייסען זיך אַריין און רייסען אַוועק אַלע מאָל אַ נייע שטיק נשמה, רייסען „אבר מן החי", און ער קען אפילו ניט שרייען אויך, אוים מורא מען זאָל איהם מיט פעדערען ניט באַשטעקען? אויף וואָס וואַרט

ער? וואוהין וועט מען איהם נעהמען? וואוהין זאָל ער אנט־לויפען? אין אמעריקא, אנטלויפען קיין אמעריקא?

עס איז ניטאָ קיין האָפנונג. בייסט מען די ליפען און מען שוויינט, און די וואונד אין הארצען וואקסט און פאר׳סמ׳ט דאָס בלוט.

און מען לעבט דאָך.

דער אידישער מאָטיוו

עס שטעהען די פענסטער אָפען. איך ליג אויסגעצויגען אויף דעם קושעט, האַלט אין האַנד אַ זשורנאַל און לייען אַ ליד איבער דעם ים.

עס איז אַ שוואַך ליד, לאַנג און צוצויגען. עס איז רעטאָ־ריק, עס פעהלען בילדער, עס הערט זיך ניט דער ים־ריטם; עס איז אַ שפּרוך איבער דעם ים און דערמאָנט גיכער אָן איינעם אַ פּאַרטראַגענעם מענשען, וועלכער זיצט ביים ים, זיין אויג פאַר־לירט זיך אין דער ווייטקייט, אויף דעם וואַסער־פלאַן, און ער זעהט גאָרניט און ער נעהמט רעדען צו זיך אַליין, און זיינע רייד קלינגען חוזק געגענאיבער דעם פּליעסק פון די כוואַליעס.

דאָס ליד פארשאפט מיר צער. אַ צורייצטקייט צוגיסט זיך איבער מיינע גלידער. אָבער ווען איך קום צום סוף פון ליד, צו די לעצטע צוואַנציג שורות, דערהערט זיך פּלוצלונג אין זיי דער וואַסער־רויש, און מען דערזעהט די יאָגענדע וויים־פאַר־פּיענעטע און בלוי־רוקענדיגע כוואַליעס, וואָס פלאָנטערען זיך איינס אין דאָס אַנדערע. „פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט טראָגט זיך דאָס העלדען־ליד" — דאָס ים־ליד.

איך קלאַמער זיך איין אין די לעצטע צוואַנציג שורות. זיי זיינען אַ שטיקעל טרייסט פאַר מיר. און פּלוצלונג זייעט זיך דורך די פענסטער דורך אַן עדעלער מאַנדאָלין־ציטער — טראָ־פּען יאָגט טראָפּען, אַ שפּריי־רעגען צוגיסט זיך איבער דעם חדר און נעהמט מיך אַרום ווי ווייכע פליגעל.

איך הער זיך איין אין דעם נגון, וועלכער ווערט צונויפ־געהעפט פון אַ גילדענעם ציטער, און בילדער נעהמען זיך מאָלען פאַר מיינע אויגען.

איך האָב ניט קיין ווערטער. איך האָב בלויז אַ ציהענדען ניגון. און מיינע גערדאנקען טראָגען זיך ווייט-ווייט אַוועק פון דעם קושעט. וואָס דאָס אין שעהנע ווערטער געצירט ליד האָט פאַר מיר ביז די לעצטע צוואַנציג שורות ניט געקענט טאָן, האָט פאַר מיר אָט דער ניגון געטאָן. ער האָט פאַר מיר האַלב-פאַר־געסענע בילדער אויפגעלעבט:

אָט איז שבת פאַרנאַכט ביי מיין מוהמע אין הויז. אַ האַלב דונקעלקייט פלאַטערט ארום אויף די וואַנד און הילט איין מיין מוהמע'ס פנים, וואָס ווערט ווייכער, פריינדליכער, פאַרטרוי־ליכער. איך זיץ נעבען איהר אויף דער סאָפע און לעג מיין קאָפּ אויף איהר שויס, און איך פיהל אַ וואַרימקייט אין יעדען גליד, און איך הער דאָס קלאַפּען פון מיין האַרץ, און טראָץ דער דונ־קעלקייט איז מיר אזוי ליכטיג אין די אויגען, און אין מוח. אַ הימעל פאַרזעעט מיט שטערען ציהט זיך איבער מיין קאָפּ ווי אַ חופּה. און פּלוצלונג הויבט זיך די מוהמע אויף מיט כונה און מיט אַ זאָרג-שאָרך פון איהר פּלאַץ, געהט צום פענסטער צו, און נעהמט מיט אַ האַרציגען נגון זאָגען: גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, דער ליבער שבת-קודש געהט אַוועק, די וואָך זאָל אונז קומען צו געזונד...

איך בין אויף דער סאָפע, און איך זעה ווי דער ליבער שבת-קודש, אָנגעטאָן אין זיידענע שטעק-שיך, לאָזט זיך ארויס דורך דער טיר, און איהם אויף דער שוועל באַגעגענט די וואָך מיט אַ שטעקען אין האַנד, אין וואָכעדיגע בגדים, מיט שטיוועל אויף די פיס. שבת-קודש, מיט דעם שטריימעל און אַטלעסענער קאַפּאָטע, ווארפט אויף דער וואָך אַ מיטלייד-בליק, אָבער זאָגט ניט קיין וואָרט; ער רעדט ניט קיין דברי-חול.

„גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב"... — וואָס איז געלעגען אין יענעם ניגון — אַזאַ איינפאַכער, אַזאַ אונגעקינ־צעלטער — וואָס האָט מיך אין מיין פריהעסטער יוגענד אזוי טיף גערירט, און וואָס איך קען עד היום ניט פאַרגעסען?

דער מאַנדאָלין-ציטער שטאַרקט זיך, און ער דערמאָנט מיר

אָן אַן אַנדערען אידישען נגון, וואָס איז אויך פאַרבונדען מיט שבת — אַ ניגון, וואָס איך האָב ניט געהערט פון קיין חזן, נאָר פון מיין פאָטער שבת אויף דער נאַכט, און איינציגע מאָל אויך פון דעם זינקעוער רבי'ן: „שלום עליכם! שלום עליכם! שלום עליכם!" דריי מאָל שלום־עליכם, און יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער מאָטיוו: איינער איז רחבות'דיג, מלוכה'דיג; דער קעניג באַגריסט זיינע מלאָכים; דאָס צווייטע מאָל — חסד און היימישקייט, און דאָס דריטע מאָל — בענקעניש און זיסער טרויער.

דער רבי זינגט פריהער און די חסידים זינגען נאָך, און עס שטעהט אין דער לופט אַ גערויש ווי פון בוימער אין וואַלד.

וואָס וועט פון די אַלע נגונים ווערען? וועלען זיי פאַרגעהן, אָפּשטאַרבען מיט דעם אַלטען דור?

עס זיינען דאָ פילע, וואָס זאָרגען ביי אונז וועגען פאָלקסלידער. עס האָבען זיך געפונען זאַגאַר פלייסיגע, וואָס קלייבען די אוצרות צונויף. וועט מען די נגונים לאָזען פאַרגעסען ווערען? קען מען זיי ניט לייטערען און צונויפפלעכטען אין סימפאָניעס און אָפּעראַס, אָט די גאָלדענע, הארציגע ליבע מאָטיוון?

די חזנות־נגינה איז אָפּט פאַרבונדען מיט אַ יחיד, מיט אַ באַשטימטער פערזענליכקייט. עס זיינען אָבער פאַראַן פאָלקסמאָטיוון, די סקאַרבאָווע נגונים, וועלכע דאָס גאַנצע פאָלק זינגט און מיליאָנען נשמות גיסען אריין אין זיי זייער טרויער און האָפנונג; מאָטיוון ווי דאָס וואָכעדיגע דאַוונען, וואָס אַ איד דאַוונט ביחידות; זמירות זינגען; קדוש און הבדלה־מאַכען; כלה־באַזעצעניש; אָפּגעריסענע שטיקלאַך פון נגונים, גלגולים פון נגונים, מיט וועלכע אַ איד באַלייט זיינע מחשבות, — וועלען זיי גאָר קיין תיקון ניט באַקומען?

דער מאַנדאָלין־ניגון באַלאַגערט מיינע פענסטער, און איך טראַכט פון דעם גורל פון אידישען נגון.

* * *

האָב לעצטענס אין הויז אריינגעבראַכט פינף רעקאָרדס פון דער קאָמפּאַניע „נגינה" — אידישע רעקאָרדס פון אידישע

לידער, צוויי דעם זינגער אַליין׳ס און די אַנדערע יפה׳ס און מנחם׳ס. אַלע מאָטיווען זיינען צוגעקליבען געוואָרען פון סאָ־לאָמאָן גאָלוב. און איך מוז זאָגען: ער האָט צוגעקליבען אמת׳ע פאָלקס־מאָטיוועו, אָט פון די באַלד פאַרגעסענע נגונים פון דעם פאַרגעהענדען אידישען לעבען.

וואָס הערט מען דען איצט אין די אידישע הייזער? ווילדע, טעמ׳לאָזע, ריפּענדיגע לידלאך. מילא די ווערטער ווי די ווער־טער. זיי זיינען בכלל נים אזוי וויכטיג. אָבער דער מאָטיוו — ווי פּרעמד, קאַלט און האַרצלאָז!

אָבער אָט שפּיל איך אויף אַ ליד מיט סאָלאָמאָן גאָלוב׳ס איינזעצונג, וואָס הייסט „ווידער איז אַוועק דער שבת“, און איך דערהער גלייך דעם באַקאַנטען מאָטיוו פון „גאָט פון אברהם“. ער איז אין הינטערגרונד, אָבער איך הער איהם. עס איז אין איהם דאָ די שבת־דונקעלקייט, דער מוטער׳ס קרעכץ, דער שכינה׳ס פלאַטער, ווי זי געזעגענט זיך ביים אַוועקגעהן פון אידישען הויז, און עס הערט זיך די בייןקעניש נאָך דעם שבת, וואָס געהט אזוי גיך אַוועק און לאָזט די דאגות צוריק אזוי שווער אויף די שוואַכע אידישע אַקסלען זיך לעגען.

די ווערטער זיינען צו שוואַך פאַר דעם נגון. עס פעהלט אין זיי האַרציגקייט. דאָס ליד הויבט זיך אָן:

ווידער איז אַוועק דער שבת,
ווידער קומט די אַרבייטס־וואָך;
ווידער זאָגט דער איד „המבדיל“
און ער שפּאַנט זיך איין אין יאָך.

דער גאַנצער „ווידער“ איז אַביסעל דערווידער, דערמאָנט אָן ראָזענפעלד׳ס שמחה׳דיגען אָנהויב „ווידער איז דער מאַי געקומען“. דער „ווידער“ דאָ קריצט אין אויער. דאָס ליד האָט געדאַרפט זיין שטילער, צוריקגעצויגענער, מיט אַ געוויסען גראַד פון פאַטאַליזם, פון מקבל זיין די יסורים באהבה, — אָט אזוי ווי די עלטערען האָבען ארויסגעלאָזט דעם שבת, מיט שטילער

בענקעניש, אָבער אָהן אַ „ויצעקו". „דער ליבער שבת־קודש געהט אוועק". אָבער דער מאָטיוו איז מכפּר אויף דעם ליד. דער מאָטיוו קרעכצט און בעט, „טענה'ט שטיל צום בורא" אויף אַן אמת: עד מתי? אָדער: „וואָס פאַרהאַלטסטו אזוי לאַנג?"

פון בילד צו בילד דורך אַ מאָטיוו, דורך אַ נגון. ביאַליק האָט פאַרהייליגט דעם מתמיד אין הייליגען וואָרט:

אָז קול נער בודד בוקע ועולה,
מנהם כיונה מזוית הישיבה,
מה יהמה ישיח לבבו החולה?
מה תהגה, מה תבך נגינתו המעציבה?

וואָס קלאָגט זיך, וואָס וויינט זיין טרויעריגער נגון? — פרעגט זיך ביאַליק ביים ישיבה־בחור. און די זעלבע שאלה פרעגט א. רייזען:

וואָס זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער?
און דיין וויינענדיגער ניגון
אין מיין האַרצען געהט אַריבער.

די שאלה לאָזט זיך ניט אזוי שנעל פאַרענטפערען. תיק"ו, בלייבט די קשיא. אָדער ווי זאָגען זיי, תיקו" מאכט „תשבי יתרץ קושיות ואבעיות". משיח וועט קומען, וועט ער שוין פאַרענטפערען. ווען משיח וועט קומען . . . עס איז אַ לאַנגע צייט צו וואַרטען. אָבער איידער מען פאַרענטפערט די קשיא, ווילט זיך ניט פאַרגעסען אָט דעם טרויעריגען נגון, וואָס געהט אריין אין האַרץ.

רייזען'ס אייגען ליד „מאי קאָ משמע לן" ווערט דוקא גע־זונגען מיט דעם נגון פון וואָכעדיגען דאַווענען, מיט בלויז אַ שוואַ־כער אָנצוהערעניש אויף דעם גמרא־נגון.

דאָס ליד „תנחום" פון גאָלוב, זיינע ווערטער און מוזיק דערמאָנט מעהר אָן גמרא־נגון, אָן זיין טיפען צער און האַרציג־

קייט. דורך דעם נגון ווערט גלייך געשאַפען די בית־המדרש אַטמאָספערע, כאָטש די ווערטער זיינען דוקא פּראָזאאישע. דער נגון אליין אָבער האַלט אייך פעסט און אייער הארץ ברעכט זיך פון פּיין און פון דעם איבערוואָג פון געפיהלען, און עס שרייט זיך אייך אויס: אוי וועה, מאמע, טייערע מאמע.

טיפער און ליידענשאפטליכער איז די „תפלה", ווערטער פון מנחם. די תפלה איז אין איהר עצם ניט אינגאנצען אידיש. די אידישע תפלות זיינען מענשליכער און איינפאַכער: שמע קולנו... חוס ורחם עלינו... הער צו, פּאָטער אין הימעל, אונזער קול, האָב רחמנות אויף אונז; אָדער, מה אנחנו, מה חיינו, מה חסדנו, מה צדקותינו — וואָס זיינען מיר און וואָס איז אונזער לעבען ווערט... מנחם'ס תפילה איז אַ שטיק שיר־היחוד און עס פעהלט ניט קיין מיסטיק־בליץ: פלאַקערט דיין עלענד אַ זון פאַר דער ערד, אָבער דער מאָטיוו איז אמת'ע תפלה.

די אנדערע צוויי זיינען פיל שוואכער.

אָבער איך קלייב זיך דאָ ניט שרייבען קיין קריטיק איבער די פינף לידער, איבער די רעקאָרדס, נאָר צו באַגריסען די אר־בייט, וועלכע צילט צו רעטען די אידישע נגונים.

אייניגע אנדערע האָבען שוין עפּעס געטאָן אויף דעם געביט. איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, דערצעהלט מען, האָבען אייניגע אידישע קאָמפּאָזיטאָרען צונויפגעזוכט פילע אידישע נגונים און זיי געלייטערט און זיי צוריק אין דעם מויל פון אונזער פאָלק געבראַכט, זיי באפרייט פון די הייליגע ווערטער און פון מקומות קדושים און זיי אין דעם הארץ פון דער אידי־שער גאַס צוריקגעפיהרט — אין מארק, צום ווארשטאַט, אין אידישען טעאַטער.

צו אונז קיין אַמעריקא האָבען פון די פּאַרזוכען בלויז דער־גרייכט שוואכע אָפּקלאַנגען.

אין דעם אידישען טעאַטער זיינען אין פארלויף פון זיין עקזיסטענץ געשאַפען געוואָרען פילע נגונים, דער גרויסער רוב פאַלש, גרילצענדיג און ניט אידיש, אונטער דעם איינפלוס פון

דעם אַמעריקאַנער וואָדעוויל און רומענישען וואַלאַך. עס זיינען אָבער געווען מאָמענטען פון אינספּיראַציע, פון רוח הקודש און דעמאָלט האָט זיך פון די ברעטער פון דער ביהנע האַרציגער אידישער געזאַנג דערהערט — ווי, למשל, „אלי אלי“, וואָס איז אויך פאַרבאַרייט געוואָרען פאַר דער ביהנע.

דער חסרון פון דער אידישער ביהנע איז געווען — איצט איז געוואָרען אַביסעל בעסער — וואָס זייערע קאָמפּאָזיטאָרס האָבען ניט פאַרשטאַנען די שעהנקייטען וואָס זיינען פאַרבאָרגען אין אידישע נגונים, און האָבען שטענדיג ווי די חזנים אין כאָר־שוהל געזוכט צו כאַפּען א שטיקעל אָפּערא, עס צודרעהען, אויס־פלאַסטערען עס מיט איינינע קרעכצען, מיט א פּאָר ציקלען און עס אונטערטראָגען די אידען אלס עכטע אידישע מוזיק.

גאָלוב געהערט צו די, וואָס פאַרשטעהען יא די אַלע שעהנ־קייטען פון דעם אידישען מאָטיוו, און אין זיין זכרון זיינען נאָך פריש זיינע פאַרב־רייכע קולות, און ער קען דארום אונז געבען שעהנע אידישע לידער.

פון זיין אויסוואהל איז צו זעהן, אז ער איז עכט־נאַציאָ־נאַל. אזוי מוז דער אמת'ער קאָמפּאָזיטאָר זיין. נאָר דעמאָלט קען ער שאַפען דאָס עכט־מענשליכע.

„אלי אלי“ שעצען ניט־אידען אזוי גוט ווי אידען, און „אָריענטאַל“, געשפּילט פון צימבאַליסט, רופט ארויס עקסטאַז ביי אלעמען.

עכט־אידישע מוזיק איז אויך עכט־מענשליך און וועט פון אלע פעלקער אָפּגעשעצט ווערען.

חזנות.

דעם ערשטען חזן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערען, איז געווען אין מיין אייגען קליין שטעדט, וואָס כאָטש אָרעם און אין פילע פּרטים שטאַרק אָפּגעשטאַנען, האָט דאָך פאַרמאָגט אַן אייגענעם חזן, אַ שטאָדט־חזן, וואָס האָט געדאַווענט אין דער קאַלטער שוהל. דער חזן איז געווען אַ בלינדער פון קינדווייז אָן, און ער האָט פונדעסטוועגען געקענט די תפלות פון אַ גאַנץ יאָהר און פון אַלע ימים טובים, ימים נוראים, אַלע פּיוטים און די גאַנצע תורה און הפטרות אויסענווענינ, וואָס איז געווען אַ פּלא.

ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געהערט, איז ער שוין געווען אַ זקן. זיין שטימע איז שוין געווען צוריסען, הייזעריג, אָבער אפילו מיט זיין הייזעריגער שטימע האָט ער דאָך אויף זיינע צוהערער, און אויף מיר בתוכם, שטאַרק געווירקט. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, מיט אַ נשמה, וואָס איז גע־קומען פון דעם היכל הנגינה, און מענשען האָבען געוויינט בדמעות שליש ווען ער האָט ביי אַ „שמע קולנו" אַ קרעכץ געטאָן, אַ רעווע געטאָן און מיט אַ טרעהרען־פייכטען קול אַ בעט געטאָן: „אל תשליכנו לעת זקנה!" און פאַרקעהרט, עס פלעגט ווערען ליכטיג אויף דעם הארץ און אין יעדען נשמה־ווינקעלע, ווען ער האָט אויף זיין שטייגער אַ זינג געטאָן: „וחסידים ברנה יגילו". עס זיינען פאַרשוואונדען די דאגות, די טאָג־טעגליכע יסורים. אידען האָבען זיך פאַרגעסען אַז זיי געפינען זיך אין אַ יאָמער־טאָל, אין אַ וועלט וואו די שאָטענס זיינען אַזוי געדיכט און דאָס ליכט אַזוי זעלטען; זיי האָבען פאַרגעסען דעם גלות און די גזרות, פּיין און צער, און האָבען זיך געפרעהט מיט זייער

גורל: „וואָס זיי זיינען זיינען זיי, אָבער אידען זיינען זיי" — זיי זיינען קינדער פון דעם „אתה בחרתנו" פאָלק.

ער איז געווען אַ חזן מיט אַ ליכטיגער נשמה. כאָטש זיינע אויגען האָבען קיין ליכט קיינמאָל ניט געזעהן; דאָס ליכט איז געקומען פון אינווענינ; עס איז געווען „אור הגנוז". און איך האָב שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז די שטימע ביי אַ חזן איז געווים איינע פון די גרעסטע עקרים, אָבער אַ שטימע אָהן גע־פיהל איז ווי אַ פּאַגאַניני־פידעל אין די הענד פון אַ קאַליקע. די שטימע אליין, אויב מען קען אזוי זאָגען, האָט אַ גוף און אַ נשמה. אַ שעהנער גוף איז זעהר וויכטיג, אָבער וויכטיגער פון אַלץ איז די נשמה. די נשמה לעגט איהר שטעמפּעל אויף דעם גוף. זי גיט דעם ריכטיגען הדרת פּנים. דאָס זעלבע איז מיט אַ שטימע. ווען אַ שעהנע שטימע קומט געפּאָרט מיט אַ שעה־נער נשמה, דעמאָלט ערשט קומען צום ליכט, דעמאָלט ערשט ענטפּלעקען זיך אַלע איהרע פאַרבאָרגענע שעהנקייטען, אַלע איה־רע פאַרבען, די דעליקאַטע ליניען, די רמזים און סודות. דעמאָלט איז „וכל העם רואים את הקולות".

זייט יענער צייט, ווען איך האָב געהערט דעם בלינדען חזן, זיינען שוין פיל, פיל יאָהרען פאַריבער. דער שטאָדטישער טייך „זעלענאַסטאַוו" איז פיל מאָל רויט געוואָרען פון אידיש בלוט. איך געדענק אָבער נאָך אַלץ יענע שטיקלאַך, וואָס איך האָב געהערט פון יענעם חזן, און בין זיך מודה, אַז יענער חזן איז פאַר מיר געוואָרען אַ מאָס, מיט וועלכען איך מעסט די גרויסקייט פון יעדען חזן, וואָס מיר קומט אוים צו הערען. איך שטעל זיך שטענדיג די פראַגע: ווי ווייט איז ער עהנליך צום בלינדען חזן? האָט ער אויסער די שטימע און אויסער די פעהיגקייט הויך אויפצוהויבען די טענער אָדער זיך ציקלען אויף געפיהל, האַרציגקייט, ליכט און טעמפּעראַמענט?

* * *

כ'האָב לעצטענס צופעליג געהערט אַ חזן. ער איז דאָ אַ נייער, ערשט געקומען פון יענער זייט ים; אַ חזן, וואָס ניט

נאָר האָט ער אַ גוואַלדיגע שטימע, נאָר איינער, וועמעס נשמה איז פון היכל הנגינה.

דער חזן איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער האָט, ווייזט אויס, פיל דורכגעלעבט. דאָס קלינגט ארויס פון זיין זינגען. ער האָט אַ שטימע מיט העלע קאָלירען. זי געהט טיף ארונטער און הויבט זיך אויף ביז'ן סאַמע באַלקען, פילט אָן דאָס גאַנצע הויז, און עס דוכט זיך, זי וועט דורכברעכען אַלע מחיצות און דער־גרייכען עד לב השמים.

זיין קול איז אַ וואונדערבארער אינסטרומענט. די טענער קוועלען ארויס פון זיין האַלז פריי, מיט אַ געוויסער פּלאַסטישער רוהיגקייט, שלאָגען זיך ארויס ווי פון אַ קוואַל, קלאָרע, ליכטיגע, זוניגע טענער. אָבער צו דער זעלבער צייט ווערט די לופט אָנגעפילט מיט עלעקטריציטעט, אַ מין אונרוה, אַ בענקעניש שטעהט אין חלל. אויסערליך רוהיג, אָבער אינוועניג לעבט דער שטורם, די אונרוה. טענער יאָגען נאָך טענער, אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע, און איהר ווערט מיטגעריסען און אייער נשמה טראָגט זיך אויף די נגינה־כוואַליעס. מחמת עס איז ניט סתם שטימע, עס איז ניט גלאַט געזונגען, ווי איינער רעדט: קומט און הערט, וואָס פאר אַ שעהן קול איך האָב, וויפיל קונצען איך קען מיט אָט דער שטימע באווייזען, אָט פלעכט איך צונויף מיינע שטימע־שטריקלאך, ווי ציצית, און עס איז קאָלאָראַטור, אַ מין קווינטאָ, און אָט צושפּרייט איך זיי ווי די בלעטער פון אַ לולב, מאַך נענועים, און עס קומט ארויס אַ שטימע ווי אַן אויפפאָדערונג.

די שטימע־קונצען באוואונדערען מיר אַלע, אָבער עס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט חזנות. חזנות איז ניט נאָר זינגען, נאָר אויך בעטען. חזנות איז די העכערע שטופע פון בעל־תפלה. עס איז תפלה דורך געזאַנג און נוסח. חזנות איז ניט נאָר זינגען, נאָר אויך כלי שיר. חזנות פארנעהמט איצט ביי אידען דעם פּלאַץ פון דער עבודה. דער ריכטיגער חזן איז אויך כהן גדול, איז אויך לוי. חזנות איז פייערליכקייט, צערעמאָניע, פּיעטעט, שטייגער, געזאַנג, הייליגע פרייד, עקסטאַז, בענקעניש,

די התפשטות הגשמיות, פידעל־קלאנג און הארפע־באגלייטונג, א תפלה־לייטער צווישען ערד און הימעל — עס איז די באהעפטונג מיט דעם „אין סוף".

איך געדענק דעם בלינדען חזן, ווייל ער איז ניט געווען א זינגער, נאר א חזן, און איך בין אזוי געווען צופרידען מיט דעם נייעם חזן, מחמת אויך ער איז מעהר ווי א שעהנער זינגער: ער איז א חזן, לויט איך פארשטעה דאס ווארט. ער האט די רייכע, ברייטע, טיפע שטימע; ער קען זי קירעווען וואוהין ער וויל; ער קען זיך מיט איהר ארונטערלאזען אין טיפסטע תהומות און ארויפקלעטערען מיט איהר די שווינדלענדיגסטע הויכקייטען; ער קען שטורמען, קומען מיט קולות וברקים און אנשרעקען, אנווארפען אן אימה; און ער קען זיין מילד ווי א מאמע'ס וויגליד. אבער ער איז ניט דער שקלאף פון דער שטימע. ער נוצט אויס די שטימע פאר דעם העכערען צוועק, פאר חזנות, וואס איז עבודה.

איך האב איהם געהערט זאגען א קאפיטעל תהלים, — און מיין זיידע איז פאר מיר אויפגעשטאנען תחית המתים, מיין זיידע ביי חצות. עס האט פאר מיינע אויגען זיך באוויזען מיין בית־המדרש יום כפור ביינאכט, ווען ווייבער און קינדער און שוואכע מענשען זיינען שוין אהיים געגאנגען שלאפען, נאר די גבורים, גאט'ס העלדען און די שומרי־החומות, זיינען געבליבען און מיט דעם כביכול אין תהלים־שפראך זיך אויסגע'טענה'ט.

איך האב איהם געהערט הלל, דאס הייסט — בלויז איין קאפיטעל, און איך האב פארשטאנען וואס „נוסח" קען ווערען אין מויל פון א גאט־געבענשטען חזן. ווען ער האט געזאגט „המגביהי לשבת" האט איהר בחוש געפיהלט דעם אדלער־פליה. הימלען הויבע שפרייטען זיך אויס און דער אדלער פאכעט מיט זיינע פליגעל, הויבט זיך ביז די וואלקענס. און ווען ער האט געזאגט „המשפילי" האט איהר געזעהן בחוש מחנות קליינע פלי־געלאך, וואס שפילען זיך גין־גאלדיג אין דער ליכטיגער זון. איהר זייט דורך זיין זינגען צוגעגרייט געווארען צו דעם פינאל,

צו „הללויה“! איהר קענט ניט אַנדערש, ווען עס איז פאַראַן אַזאַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, וואָס שטרעקט זיין אָרעם כביכול אויס און נעהמט פון בארג מיסט אַראָפּ דעם אָרעמאַן און זעצט איהם אויפ׳ן שטוהל ארויף — איהר מוזט זינגען „הללויה“.

איך האָב איהם אויך געהערט זינגען „אָמר רבי אליעזר“, און איך האָב דורכגעלעבט ביאַליק׳ס „המתמיד“. אָבער די טרויעריג־זיסע, נאָגענדיגע שטימונג האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, מחמת פּלוצים האָט ער זיך אַווענד געטאָן פון דעם גמרא־נוסח, פון דער שארף־קעפּיגקייט, פון דעם פינגער־דרעה צו דעם פייער־ליכען כהנים־טאָן: „שלוה בארמונותיך“, און — אָט שטעהען פּאַלאַצען מיט גרויסע טויערען, מיט קריסטאָל באדעקט, וואָס לייכטען אין דעם זונען־ליכט מיט טויזענד קאָלירען, און עס געהט דורך זיי אַ פּראָצעסיע, אָנגעטאָן אין ווייסע מאַנטלען מיט ברייטע ארבעל, און אין די הענד לעמפּלאַך. די טויערען זיינען אָפען און זיי פיהרען רוהיג ארויף אויף די מאַרמאָרנע שטיגען צו דעם בית־המקדש. דער קריסטאָל שפּיגעלט רוהיג אָפּ די פּראָצעסיע און די מענשען זעהען אויס ווי אָנגעטאָן אין קליי־דער געוועבט פון שטראַהלען אין אַ זונען־אונטערגאַנג.

„שלוה בארמונותיך“! ווען וועלען זיך יענע יאָהרען צוריק־קעהרען?!

„דזשעז"

בין אליין ניט קיין מנגן, האָב ניט קיין שום פּרעטענזיעס אויף גרויס מבינות אויף נגינה.

איך געה אמאָל אין דער אָפּערא — נאַטירליך, ווען עס זינגט אַ גרויסע פּרימאַדאָנאַ, אַ באַריהמטער זינגער. ווען עמיץ זינגט אַ שעהנע אַריע, אַ שעהנע סאָלאָ, האָב איך שטאַרק הנאה. דאָסזעלבע איז ריכטיג וועגען שפּילען. ווען איך הער איינעם פון די באַריהמטע שפּילער אונזערע, די פידעל־, פּיאַנאָ אָדער גאָר טשעלאָ־שפּילער — די לעצטע זיינען פאַראַן אַזוי ווייניג. אַ שאָד, כ׳לעבען, מיר געפעלען זיי זעהר — ווען איך הער איינעם פון די ווירטואָזען אונזערע, איינעם פון די יאשאַס, מישאַס און טאָשאַס, אָדער גאָר פאַר אַ נאָווינע אַן איגנאַץ, כאַפּ איך גאָר גרויס התפעלות און צו מיין הנאה איז ניטאָ קיין גרעניץ.

ווען עמיצער פרעגט מיך, ווי עס איז מיר געפעלען — און עס האָט נאָך ניט געטראָפען, איך זאָל געהן הערען אַן אָפּערא אָדער אַ קאָנצערט, אַז עס זאָל זיך דערביי ניט געפינען אַ באַ־קאַנטער, וואָס נעהמט מיך גלייך אויפ׳ן צימבעל מיט דער פראַ־גע: „ווי איז עס אייך געפעלען?" — ענטפער איך קורץ: „שעהן. מיר איז עס געפעלען". איך וויים, אַז דער פרעגער בלייבט אונצופרידען מיט מיין ענטפער. ער האָט פון מיר ער־וואַרט אַ גאַנץ אַנדער ענטפער, אַ מאָנאָלאָג אין דעם מו־זיקאַלישען זשאַרגאָן, מעשה גרויסער מבין, ווי, למשל — די נידריגע טענער זיינען געווען קלאָר ווי בורשטין, עדעל און ווייך ווי זייד. דערפאַר זיינען די העכערע טענער ניט געווען גאַנץ קלאָר; אפשר קלאָר אָבער ניט גענוג ווייך. עס האָט זיך גע־

הערט אַ האַרטער קריץ, ווי ערגעץ וואָלט זיך צום בויגען צוגע־קלעפּט אַ שטויבעל גלאָז... אָדער: די טעכניק איז געווען פאַל־קאָם, אַן אמת'ער מייסטער. ער איז געווען פאַלקאָם דער הער־שער איבער דעם בויגען, דאָך האָט געוועהט אַ געוויסע קאַלט־קייט. זיין שפּילען איז אַזוי צו זאָגען געווען מעהר פּלאַסטיש ווי לירישׁ. די אינטערפּרעטאַציע איז געווען אַ קאָרעקטע. דער קאָמפּאָזיטאָר אליין האָט זיין נאָקטורנע בעסער ניט געקענט שפּילען. דאָך האָט געפעהלט האַרץ, דאָס הייסע בלוט, דער גלות פון ליידענשאַפט א. אז. וו. בקיצור, וואָלט איך וועלען רעדען מיט דער נגינה־לשון, קען איך עס דוקא יא, און איך וואָלט נאָך מיט דער צייט געקענט ווערען אַ מוזיק־קריטיקער, וועלכער טראָגט די נאָז אין דער הויך און דערשמעקט ממש מיט אָט דער נאָז וועלכער טאָן איז ריכטיג און וועלכער איז פאַלש, וועלכער איז רויט און וועלכער איז בלייך. אָבער איך טו עס ניט. און נאָך מעהר — וואָס דאָס איז געווים אַ גרעסערע זינד — איך דערצעהל יעדען אָפען, אַז איך בין ניט קיין גרויסער מבין אויף נגינה, וואָס רופט ממש ארויס אַ רחמנות־געפיהל ביי פילע צוהערער און אַ זעהר טרויעריגען שאָקעל מיט'ן קאָפּ: סטייטש, ניט זיין קיין מבין אויף נגינה?! וואָס פאַר אַן אָרימע זעעלע, רחמנא יצילנו.

צו דער זעלער צייט נעהם איך זיך דאָס רעכט צו זאָגען דאָ אַ מיינונג וועגען „דזשעז". דער ענין איז שוין איצט אין גאַנ־צען ארויס פון די הענד פון די קריטיקער און ווערט איצט אָפט דיסקוטירט אין די צייטונגען און אין דער קירכע. אויב אַזוי, גלויב איך, האָב איך אויך אַ רעכט דאָס צו טאָן.

עס האַלט, דוכט זיך, דערביי, אַז אונזערע פּרומאַקעס און צבוע'קעס, וועלכע פאָדערען אַ „בלויען זונטאָג" און נודנע טעג אַ גאַנצע וואָך, זאָלען אונטערנעהמען אַ קרייץ־צוג געגען „דזשעז". עס זאָל ניט געהערט ווערען ניט איין שפּיל, ניט איין דזשעז־טאָן, חלילה, אין גאַנץ תפוצות אמעריקא.

איינער א קלוגער האָט געזאָגט, אַז „דזשעז" פאַר'שיכור'ט דעם מענשען ערגער ווי אַלקאָהאָל. אַן אַנדערער האָט ערקלעהרט, אַז דזשעז ווירקט דעמאָראַליזירענד אויף דער יוגענד. דער „דזשעז" צינדט אָן א פייער אין דעם בלוט, ציהט אָן די גלידער ווי סטרונעס, די אויגען ווערען ווילד, און ווען א פּאָרעל אונטער דעם איינפלוס פון דזשעז, אונטער זיין בלוט אויפקאָכענדיגען ריטם נעהמען זיך טאַנצען, פּלאָנטערען זיי זיך איין איינס אין דעם צווייטען, ווערען צו נאָהענט, א באַק זוכט און געפינט דעם שותּף'ס באַק, און זיי ווערען ווי צוגעקלעפּט, די מענערשע הענד נעהמען פעסטער ארום די מיידעלשע טאַליע און גיבען זי א שטאַרקען דריק צום האַרץ און, גאָט, עס געשעהען נאָך אַנדערע זאַכען, וואָס מען דאַרף ניט דערמאָנען און אויף וועלכע מען קען זיך אָנשטויסען.

שולדיג, זאָגט מען, איז אין דעם אַלעמען דער „דזשעז". ניט די מענשליכע זינדיגע נאַטור, נאָר דאָס זינדיגע שפּילען; ניט דער טאַנץ, נאָר דער טאָן. דער טאָן איז א מסייע לידי עברה.

די אַלע שאַרפע קריטיקער און פאַרדאַמער פרעגען זיך ניט: וואָרום האָט זיך דוקא ביי אונז אין אַמעריקא באַוויזען דזשעז? בדרך אגב, דאָס וואָרט אליין איז א נייעס און לאָזט זיך ניט פאַרטייטשען. פון וואַנען קומט דער דזשעז? וואָס איז זיין הויפּט-מקור?

און ווידער, איז ווירקליך פאַראַן אַזא זאַך ווי כשר'ע מוזיק און טרפה'נע, פרומע און זינדיגע? אַז עס איז פאַראַן א כשר-טאַנץ און א ברוגז-טאַנץ — דאָס ווייס איך, אָבער אַז עס איז דאָ זינדיגע מוזיק, איז פאַר מיר א נייעס.

די זינד איז ניט אין דער מוזיק, נאָר אין דעם מענשען. אין היכל הנגינה איז קיין זינד ניט פאַראַן. יעדער טאָן איז אין עצם א שטיק גייסט. לויט דער קבלה איז דאָס וואָרט, דאָס קול דער באַשאַפער פון דער וועלט. צווישען גאָט דעם כלו

גייסט, וואָס דער מענשליכער מח קען ניט תופס זיין, און דער מאַטעריעלער וועלט שטעהט דאָס קול אַלס פּאַרמיטלער און באַ־שאַפער. פון יעדען וואָרט זיינעם ווערט אַ מלאך באַשאַפען. די שלעכטע מלאָכים און די קליפּה ווערען באַשאַפען דורך די מענשליכע זינד.

די נגינה איז דורכאויס הייליג, ריין, אָהן שום פלעקען. עס איז פאַראַן ליידענשאַפטליכע מוזיק. אָבער ליידענשאַפט איז ניט זינד. עס איז דאָ ריינע ליידענשאַפט, ווי ערשט־גע־פאַלענער שנעע. קיין גרויסע זאַך אין דער וועלט איז נאָך ניט באַשאַפען געוואָרען אָהן ליידענשאַפט. עס איז ניט די שולד פון דער מוזיק, ווען דער מענש, אונטער איהר איינפלוס, פיהרט זיך אויף בהמה'ש, נאַריש, גראָב. ער איז מסתמא געוועזן פיל גרעבער נאָך פריהער. די מוזיק האָט איהם בלויז געעדעלט.

דאָס דאַרף מען געדענקען ווען מען נעהמט פאַר'משפּט'ען „דזשעז". ניט דזשעז מאַכט די פאַרלאָך טאַנצען אזוי ניט שעהן, נאָר צוערשט דער טאַנץ, וואָס ברענגט דאָס פאָרעל אזוי נאָהענט, און צווייטענס דאָס זינדיגע בלוט אין אָט די מענשען. עס האַנדעלט זיך דאָ אום גראָבע זינדיגע מענשען, וואָס קענען ניט צוימען, קאָנטראָלירען זייערע תאוות. אָהן דער מוזיק וואָלט זיכער זיין נאָך ערגער. עס וואָלט אויסגעבראָכען ווילד, אָהן וועלכער עס איז פאָרם. די מוזיק גיט די אויסדרוק־פאָרם, מאַכט עס מענשליכער, פיילט אָפּ די רויקייט, די גראָבקייט ביז אַ געוויסען גראַד. אפילו דער „דזשעז" טוט עס.

„דזשעז" איז אַלענפאַלס ניט קיין צופאַל אין אַמעריקא. עס האָט זעהר פיל צו טאָן מיט דעם אַמעריקאַנער כאַראַקטער, מיט זיין אַרט לעבען; עס איז דער אויסדרוק פון דער אַמערי־קאַנער פּסיכיק.

וואָס זיינען די הויפּט־עלעמענטען פון דעם דזשעז? אַ שנעלער, אַ פלינקער, אַן אונרוהיגער, אַן אָטעם־פאַרכאַפּענדער ריטם, און אַ פעטער, בוימעלדיגער סענטימענטאַליזם.

עס איז שנעל, געיאָגט זיך ווי שדים וואָלטען טרייבען, און דאָך מיט אַ טאָן פון אַביסעל נודנער צערטליכקייט:

האָב איך מיר אַ מיידעלע, אַ מיידעלע אַ קליינס,
האָט זי אַ קעצעלע, אַ קעצעלע אַ שעהנס.
האָט זי ליב דאָס קעצעלע, מיין מיידעלע מיין שיינס,
מיין עלענד מיידעלע מיט איהרע אויגעלאך די בלויע.

דערצו קומט אַ קרעכץ און אַ זיפץ, און דערביי כאַפּט איין אינסטרומענט אַ פּאָר טענער ארויף ווי ער וואָלט זיך צוגאָסען פון התלהבות.

מיידעלע, קעצעלע, עלענדע מיינע, אויגעלאך בלויע — דאָס מיינט זעהר פיל פאַר פילע בענקענדע נשמות. עס דערמאָנט אָן אַ היים, אָן אַ ווארימער מיט ווייכע קישענס אויסגעבעטער היים, די פעדערען פון וועלכע זיינען אפשר נאָך געפליקט געוואָרען פון די געטרייע הענד פון דער אַלטער באָבע. דאָס קעצעלע איז געוועזן אַ היימישער פריינד, פלעגט קוקען מיט איהרע גלעזערנע אָבער דאָך ליבע אויגען. וואו נעהמט מען די ווארימע, פריינד־ליכע אַטמאָספערע אין דער דאָזיגער קאַלטער, עגאָאיסטישער וועלט?

דער מאָטיוו ווארעמט אָן און באַגייסטערט; עס צוגעהט זיך דאָס אייז פון דעם מענשליכען האַרץ.

אַ נאַרישער מאָטיוו פאַר קלוגע ערוואַקסענע מענשען. די קלוגע זיינען אויך אויסגעפרווירענע לייט. עס זיינען אָבער נאָך דאָ מענשען קינדער.

דער אַמעריקאַנער, וואָס לעבט אין דער גרויסער שטאָדט, וואָס איז אַזוי עלענד צווישען די מיליאָנען מענשען, אַ שטויבעל אויף דער ערד, אַ טראָפּען אין ים, וויל האָבען, מוז האָבען אַ סענטימענטאַלען מאָטיוו. מיט איהם פיהלט ער זיך זיכערער. ער איז דעמאָלט ניט מעהר איינער; ער איז בחברותא. די עלענדקייט פארשווינדט אַביסעל. סענטימענטאַליטעט מאַכט די וועלט ענגער, אָבער היימישער און ווארימער. די וועלט אָהן אַ

ברעג ווערט אַ חדר מיט פיר ווענד. דער ים מענשען ווערט רעדוצירט צו אַ מיידעלע מיט בלויע אויגען — אַט דאָס מיידעלע, וועגען וועמען מען האָט גע׳חלומ׳ט אין דער יוגענד. די בייסיגע אומגעבונג מיט איהרע ווילדע צורייצטע אויגען, מיט די שפּיציגע ציינער ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ קליין, שעהן קעצעלע.

„דזשעז" ערפילט אַ נויטיגע פונקציע אין דעם לעבען פון דעם אַמעריקאַנער. ווען ניט אַזעלכע מאָטיוועז, וואָס מאַכען פייכט דאָס אויג, וואָס שטויבען אָפּ אַביסעל דעם שטויב פון די הארצענס-סטרונעס, וואָס צואוואָרימען אַביסעל דאָס בלוט, דע-מאָלט וואָלט דער אַמעריקאַנער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מאַשין, אין אַ בייזער חיה. זיין אונצופרידענהייט מיט זיין עלענדען לעבען, זיין פאַרדרוס אויף דער האַרטקייט, כמעט הילפ-לאָזיגקייט מיט וועלכער ער ווערט געווענליך באַהאַנדעלט, וואָלט אויסגעבראָכען אין ווילדע מעשים, ווייט ניט קיין מענש-ליכע, ווייט ניט קיין שעהנע.

דער „דזשעז" איז אַ צושטרויאונג — דער בעסטער מיטעל געגען די אונטערדריקטע געפיהלען.

די שנעליגקייט פון „דזשעז" איז אודאי ערקלעהרליך. אין אַמעריקא געהט אַלץ שנעל. אַמעריקא איז דאָס לאַנד פון „האַרי־אָפּ", פון האַוועניש, פון פאַרשמייעט זיין.

אויב דו געהסט אין גאַס אַביסעל פּאַמעליך, ווי אַ מענש, וועט מען דיר אָפּקלאַפּען די זייטען, אָדער דיך איבערפאָהרען, צורייבען אויף שטיקלאַך. געהסטו ארויס פון אַ סאָבוויי, פון אַ קאַר, פון אַן עלעווייטאָר, מוזטו געהן שנעל, אלא ניט וועט דער קאָנדוקטאָר צוקלאַפּען די טיר און דיר אָפּקלאַפּען די זייט, אָדער אַ ציה טאָן דעם גלאָק, די קאַר וועט אַ פאָהר טאָן און דו וועסט אַראָפּפאַלען פון די טרעפּ און זיך צוברעכען רוק און לענד.

דו מוזסט אַרבייטען שנעל, אויב דו ווילסט לעבען. ווען דו אַרבייטסט לאַנגזאַם, קענסטו קיין פּלאַץ ניט אָנהאַלטען. דו ביזט אַ שרייפעל אין דער מאַשין; דו מוזסט געבען צו דער האַנד. ווען דו גיסט ניט, שטעלט זיך אָפּ די מאַשין, דאָס

הייסט — קען זיך אָפּשטעלען די מאַשין. דו ביזט אָבער נאָר א שרייפעל. טויג ניט דאָס שרייפעל, וואַרפט מען עס אַוועק און מען זוכט אַן אַנדערס. דו מוזסט דאַרום זיך צואיילען, וואָרים די מאַשין לויפט שנעל.

די גאַנצע שנעליגקייט איז אַ געצוואונגענע. דער „דזשעז" אָבער איז אונגעצוואונגענע שנעליגקייט, פרייע, קינסטלערישע.

שנעל מוז עס זיין. די טעמפּאָ מוז זיין אַן איילענדיגע. מחמת ביי דער מידקייט, וואָס דער געוועהנליכער אַמעריקאַנער פיהלט, קען ער נאָך איינשלאָפען ווען דער ריטם פון ליד וואָלט געווען אַ לאַנגזאַמער. אפילו דער פּיאַניסימאָ מוז זיין לויפענדיג, אָטעם־פאַרכאַפּענדיג. דאָך רוהט זיך דער אַמעריקאַנער אָפּ פון זיין געצוואונגענער שנעליגקייט אין אָט דער פרייער אונגעצוואונגענער שנעליגקייט. אַ גאַנצען טאָג איז ער אונטער דער בייטש. ער לויפט אָהן אַן אָטעם. אויף דער נאַכט הערט ער אַ געלויפיגען מאָטיוו, אָבער אַ פרייען. קיינער יאָגט ניט, אָבער ער וויל אליין לויפען.

„דזשעז" האָט זיין מקור אין דעם אַמעריקאַנער לעבען. פאַרדאַמען וועט ניט העלפען. עס איז אויך ניטאָ וואָס צו פאַרדאַמען.

מען קען אויפקלייבען פון „דזשעז" פילע נגונים, וועלכע קענען אפילו אַוועקגעלעגט ווערען אין דעם גרונד פון אַן אַמעריקאַנער אָפּערא — אַן אמת־נאַציאָנאַלע אַמעריקאַנער אָפּערא.

דער „דזשעז" וואַרט אויף זיין מייסטער. אין דעם „דזשעז" געפינען זיך דימענטען. זיי זיינען, אמת, גראָב און ניט געשליפען, אָבער דימענט איז דימענט.

דער „גולם״.

„דער גולם״, די באַריהמטע אידישע לעגענדע, ווערט איצט געוויזען אַלס ליכט־בילד אויף דעם לייַלאַך. די קריטיק זאָגט ארויס אַלערליי מיינונגען. אייניגע לויבען און אַנדערע רייסען ארונטער.

אין אמת׳ן איז דער „גולם״ אי גוט אי שלעכט. אַז עס איז מעגליך אַזאַ מיינונג האָבען זיך די קריטיקער פאַרגעסען. עס מוז ניט זיין: יא אָדער ניין, גוט אָדער שלעכט, ליכטיג אָדער פינסטער. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז אַ זאַך זאָל זיין אי יא אי ניין, אי גוט אי שלעכט, אי ליכטיג אי פינסטער, דאָס הייסט — אַ געמיש פון ביידע, דהיינו: בין השמשות, וואָס איז אי ליכטיג אי שאָטענדיג־פינסטערלאַך, און דאָך אזוי שעהן.

דאָס איז אויך „דער גולם״. עס איז קיין ספק ניט, אַז עס איז אַ ליטעראַרישע זאַך, און אַז עס איז אַ נייעס אין דער סינעמאַ־וועלט. „דער גולם״ געהערט צום אידישען פאָלקלאָר. יעדעם פאָלק ערפינדט זיינע מעשיות אין פארבינדונג מיט זיין געשיכטע, וועלכע דעקען אינדירעקט אויף אַ ווינקעל פון פאָלק׳ס דענקען און פיהלען. די מאָטיווען זיינען געוועהנליך אַלמענשליך. יעדעם פאָלק איז אין פילעם עהנליך צום אַנדערען, איבערהויפט אין די הויפט־מאָטיווען. מענש איז מענש. די מענשליכע נשמה רעאַגירט אונטער געוויסע באַדינגונגען אויף אַן עהנליכען אופן — דער כינעזער דאָסזעלבע ווי דער אייראָפּעער. מזרח און מערב, צפון און דרום באַגעגענען זיך אין זייערע הויפט מאָטיווען, אין זייערע אור־מחשבות. די פראַגע איז נאָר וועגען דער פאָרם, וועגען דער צורה. דאָ קומען שוין אריין די אונטער־

שיידען. יעדעס פאָלק וועבט דעם זעלבען שטאָף לויט זיין אייגענער פאַנטאַזיע, לויט זיין אייגענער פאָרשטעלונג.

„אינהאַלט אָהן פאָרם איז בלינד", האָט אמאָל געזאָגט א גרויסער דענקער. עס איז די פאָרם, וואָס מאַכט דעם שטאָף לעבעדיג, עפענט איהם אויף די אויגען און מאַכט איהם באַוועגליך. צו באַנוצען זיך מיט דעם בילד פון דעם גולם, וואָלט איך זאָגען, אז דער אינהאַלט אָהן דער פאָרם איז דער גולם איידער דער שם המפורש איז איהם אריינגעקלעפּט געוואָרען, כאָטש געוועהנליך רעכענט מען פארקעהרט, אז דער אינהאַלט איז די נשמה און די פאָרם איז בלויז דער גוף. דאָס לעצטע איז אפשר ריכטיג ווענען געדאַנקען. דאָרט איז די פאָרם ניט קיין עיקר, אָבער בנוגע מאָטיווען און געפיהלען, איז אָהן דער פאָרם בלייבען זיי א פליסיגקייט, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, וואָס בלייבט אויף דעם דעק פון דער נשמה פון דעם יחיד, ניט פארשטענדליך צו אַנדערע און אפשר צו איהם אליין אויך ניט.

דער פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער איז פול מיט שדים און רוחות, מיט פעירים און פעען, מיט אַלערליי גייסטער, גוטע און שלעכטע. די אידען נאַטירליך דערצעהלען אויך געשיכטען וועגען שדים, און ווייסען אויך מכח א קליפּה און א לילית, און זיי דערצעהלען אויך מעשיות וועגען ניט־גוטע וואָס אמאָל כאַפּען זיי אריין א מענשען אין זייערע הענד און שלעפּען איהם ארום איבער וועלדער און מדבריות ביז אין דער פריה ווען דער האָהן גיט א קרעה. דאָך זיינען די אַלע מעשיות אַביסעל אַנדערש ווי די זעלבע געשיכטען ביי די אַנדערע פעלקער. די אידישע שדים זיינען געוועהנליך אַביסעל מענשליכער ווי די גוי'אישע. זיי זיינען בלויז ניט־גוטע, אָבער ניט קיין ווילדע בייזע בעסטיעס. זיי טוען אָפּ א שפּיצעל, אָבער על פּי רוב א מענשליכען: די אידישע אויפטואונגען פון די שדים זיינען אַנדערע ווי די ניט־אידישע. די אידען האָבען אפילו די דעמאָן־וועלט געלייטערט פון דעם סעקסועלען שמוץ, אין וועלכען זי איז געוועהנליך פארטרונקען.

דער מאָטיוו איז נאַטירליך ביי די אידען און ניט־אידען דער זעלבער. די וועלט איז אַ רעטעניש. עס ווילט זיך ניט גלויבען, אַז נאָר דאָס וואָס מען זעהט עקזיסטירט און ווייטער מעהר ניט. דער מענש גלויבט ניט זיינע אייגענע חושים. דער מענש האָט אַ דמיון און האָט חלומות און זעהט מיראַזשען, און ער מוז גלויבען, אַז עס זיינען פאַראַן נאָך באַשעפענישען אויסער איהם, וואָס געפינען זיך אויף דעם גרענעץ־לאַנד. די דאָזיגע באשעפענישען מאָלט ער לויט זיך אַליין, לויט זיינע אונטער־דריקטע געפיהלען. דאָ קומט שוין אריין די נייע וויסענשאַפט פון פרויד, וועלכע גיט אונז ערקלעהרונגען. דאָס וואָס דעם מענשען איז סעקסועל ניט ערלויבט, וואָס ער מוז צוליב קאָנ־ווענציע און צוליב טעמים פון באקוועמליכקייט אונטערדריקען, ערלויבט ער די שדים, אָדער ער ערלויבט זיך אַליין מיט די שדים. דאָס איז אַ פארפלאָנטערטע וועלט. עס איז דער עולם התהו. „עליונים למטה ותחתונים למעלה“. עס איז פארקעהרט ווי עס באדאַרף צו זיין. דער מענש האָט אָבער אַ חשק, אַז עס זאָל אַמאָל זיין פארקעהרט. דאָס איז אין אַ געוויסען זין דער סימן פון פרייהייט, און ווען עס קען ניט זיין אין דער מענש־ליכער וועלט, טאָ זאָל עס זיין אין דער שדים־וועלט, לכל הפחות.

די אידען האָבען אָבער ווי ווייט מעגליך באפרייט אויך די שדים־וועלט פון דאָס פערווערזע, פון דעם איבערטריבענעם גע־שלעכטליכען מאָטיוו. דאָס וואָס די אידען האָבען געטאָן אין דער געטער־וועלט האָבען זיי אויך געטאָן אין דער שדים־וועלט.

עס איז שוין לאַנג אויפגעוויזען געוואָרען, אַז דער גרויסער בייטראַג פון דעם אידישען פאָלק אין דער רעליגיע איז ניט אזוי דער מאָנאָטעאיזם, נאָר דאָס וואָס ער האָט גאָט באפרייט פון געשלעכטליכקייט. אין דער אידישער אויפפאַסונג איז אונמעג־ליך אַז עס זאָל זיין אַ פרוי־גאָט מיט וועלכער כביכול האָט באַ־ריהרונג. דער אידישער גאָט איז צו אַלער ערשט הייליג און פריי פון געשלעכטליכקייט.

די נעצענדיגער אין זייער פארשיידענאַרטיגקייט האָבען

שטענדיג געהאַט זוגות, זכר ונקבה, און די אויסגעלאַסענקייט איז געווען דער גאָטעס־דינסט. דער גאָט בעל איז געווען דער מאַן. „בעל" הייסט דאָך אין די סעמיטישע שפּראַכען „מאַן". און עס איז אויך געווען די פרוי־גאָט עשתרות. און גערינט האָט מען זיי מיט ניאוף. געגען דעם האָבען די נביאים זיך שטאַרק געוועהרט. זיי האָבען זיך געוועהרט געגען זיך פאַר־שטעלען גאָט לויט דער אייגענער אונרייינקייט און שוואַכקייט. די נביאים האָבען דעם זינדיגען מאָטיוו ארויסגעטריבען פון דער געטער־וועלט. גאָט איז איינער, און איז ניט בבחינת מענש, על כן איז ער פריי פון מענשליכע שוואַכקייטען.

אין קריסטענטום איז דער פרוי־מאָטיוו צוריק אריינגע־גנב'עט געוואָרען דורך אַ הינטער־טיר. עס איז ווייטער דאָ די מוטער, וועלכע האָט פאַרקעהרט מיט גאָט'ס גייסט. די פרוי נעהמט ווייטער שפּילען די ראָלע אין דער רעליגיע. די אידען האָבען נאַטירליך מיט דעם רעיון ניט געקענט מסכים זיין. אין דער קבלה, וועלכע האָט אין זיך ניט וועניג ניט־אידישע עלע־מענטען, ווערט אויך פיל גערעדט וועגען „נוקבא", אָבער דאָרט איז דער אויסדרוק פיל געלייטערט. עס איז מעהר פאַרשטע־לונג, סימבאָל, ווי פּראָסטער פשט. עס איז די שכינה, דער מדת הרחמים, וועלכער ווערט סימבאָליזירט דורך דער פרוי.

די אידען האָבען זיך ניט באַנוגענט מיט לייטערען די געטער־וועלט, נאָר אויך פון דער שדים־וועלט האָבען זיי פאַר־טריבען די אונרייינהייט ווען אפילו ניט מיט דעם זעלבען ערפאָלג.

לויט דער אידישער אויפפאַסונג קענען די שדים פיל גוטעס טאָן, ווען דער צדיק זאָל זיך וועלען מיט זיי באַנוצען. אָבער אידען באַטראַכטען עס פאַר ניט־ריכטיג זיך צו וועלען באַנוצען מיט שדים פאַר גוטע צוועקען. דער ציל הייליגט ניט ביי אידען דעם מיטעל. אַ ריינע זאַך מוז דערגרייכט ווערען דורך ריינע מיטלען. אין דעם אידישען פאָלקלאָר ווערען גוטע זאַכען דורכ־געפיהרט, אויב ניט דירעקט דורך אַ מלאך, איז דורך אליהו

הנביא, אָדער אזוי אַ צדיק אַ למד־וואָוו'ניק, אָדער גאָר דורך דעם גולם.

דער גולם איז אַ שיר ושבח צו די גרויסע פעהיגקייטען פון דעם מענשען. ער קען באשאפען אפילו אַ לעבעדיגע באשעפעניש. ער קען געפינען דעם סוד פון יצירה. דער מענש קען ווערען כמעט אַ גאָט — „ותחסרהו מעט מאלוקים“, אָבער נאָר כמעט. דער גולם איז דער באווייז אויף דעם מענשען'ס גרויסקייט און שוואַכקייט אין דער זעלבער צייט. דער מענש קען שאַפען אַ בריאה מיט הענד און מיט פיס, מיט וועלכען ער קען זיך באדינען אין דער צייט פון אַ נויט. ער קען אין איהם אויפוועקען אַ פונק פאַרשטאַנד, אָבער ניט מעהר ווי אַ פונק. דער פונק איז פאַרדעקט מיט אַ בארג אַש. ער בלייבט אַ גולם.

אין דער גולם־געשיכטע, ווי אידען האָבען זי דערצעהלט פון פאָטער צו קינד, אין דער דאָזיגער געשיכטע, וועלכע איז געוועהנליך פאַרבונדען מיט אידישע צרות, שטעקט אַ גרויסע טרייסט פאַר דעם אידישען פאָלק. די טרייסט איז ניט אין דעם וואָס דער גולם האָט געטאָן כדי זיי צו העלפען פון די צרות, מחמת ווען גאָט זאָל זיי געוועזן וועלען העלפען וואָלט ער דאָך געוועזן געפונען אנדערע וועגען. די טרייסט האָט געשטעקט אין דעם עצם גולם אליין. עס האָט געהייסען: זעהט וואָס מיר אידען קענען. אונזערע שונאים פאַרפאָלגען אונז, דערנידעריגען אונז, אָבער מיר האָבען צווישען זיך מענשען, וועלכע זיינען געטער־עהנליך און וועלכע קענען אליין העלפען זייער פאָלק, כמעט אָהן דער הילף פון דער השגחה, כאָטש ניט אָהן דער הילף פון גאָט. מחמת לויט דעם אידישען דמיון, קען דאָך דער גולם נאָר דעמאָלט פונקציאָנירען ווען צו איהם ווערט צוגעקלעפט דער שם המפורש, גאָט'ס נאָמען. גאָט'ס גרויסקייט ווערט דאָ בכן ניט באשטריטען, גאָט'ס אַלמעכטיגקייט בלייבט שטענדיג שטעהן אונבאזיגט. קיינער וואַגט עס גאָר ניט, אפילו ניט אין דער גייסטער־וועלט.

בדרך אגב, אויך מיט דעם אונטערשיידט זיך די אידישע

גייסטער־וועלט פון דער ניט־אידישער. ביי זיי פארמעסט זיך דער ניט־גוטער געגען דעם אלמעכטיגען אליין. מחמת אין זיין וועלט איז דער ניט־גוטער דער אלמעכטיגער, דער מלך אויף זיין בארג מיסט. דאס איז אייגענטליך די צוויי רשות'ן — די באקאנטע פערסישע אויפפאסונג וועגען צוויי געטער, הערמיז ואחרימאן, א גאט פון ליכט און א גאט פינסטערניש, וואס פיהרען א קאמף צווישען זיך. ביי אידען איז גאט אלמעכטיג און איז הערשער אומעטום.

דער גולם אלס געשיכטע האט אין זיך פילע סימבאלישע עלעמענטען און מעגליכקייטען, וועלכע קענען אויפגעהויבען ווע־רען צו אלמענשליכער הויך. אין דער געשיכטע קומען אין צוזאמענשטויס דער פרינץ, דער גראף, דער מענש וועמעס גרויס־קייט נעהמט זיך פון זיין פיזישער קראפט, פון זיין מאטעריעלער קראפט, און דער מענש פון גייסט, וואס קען באהערשען די כחות פון דער וועלט דורך זיין וויסען, דורך זיין נאהענטקייט צו גאט, א צוזאמענשטויס צווישען ברוטאלער קראפט און גייס־טיגער הויכקייט. דער גולם, וועלכער איז די ברוטאלע קראפט וואס איז געשאפען דורך דעם גייסט, שטעלט זיך אויף דער זייט פון גייסט.

דער צוזאמענשטויס און דער נצחון האט געדארפט שעהנער ארויסגעבראכט ווערען, ווי דאס געשעהט אין דער פאטא־שפיל „דער גולם“.

די מעשה ווערט דארט דערצעהלט אהן א פלאן. די מעשה איז אבער אן און פאר זיך אזא פאקענדע, אז איהר פאלגט נאך איהר ענטוויקלונג מיט גרויס אינטערעס. עס וואקסט אבער פון איהר ניט ארויס דער סימבאלישער מוסר־השכל.

ווען איהר זעהט ווי דער גולם ווערט ווילד און נעהמט מיט א באזונדערער פרייד צושטערען אלץ וואס קומט איהם אין וועג, מחמת ער האט שוין פארזוכט מענשען־בלוט, מחמת מען האט איהם באנוצט ניט אויף גוטעס נאר אויף צו טאן בייזעס, אויף

צו פאַרגיסען בלוט, מוזט איהר מיטגעריסען ווערען. דער סימ־באָל איז אָבער צוריבען געוואָרען דורך ניט־געניגענדער באטאָנונג.

ניט גענוג העל און שאַרף איז אויך ארויסגעבראכט געוואָ־רען דער מאָמענט פון דעם דורשט נאָך לעבען, וואָס דערוועקט זיך אין דעם גולם. איינמאָל איז ער צום לעבען אויפגעוועקט געוואָרען, ווייל ער צוריק קיין שטויב מעהר ניט ווערען, און ער פאַרטיידיגט זיך גענען די וואָס ווילען ביי איהם דאָס לעבען צונעהמען. דאָס איז אַ וואונדערליכער מאָמענט אין דער גולם־געשיכטע, אָבער ער איז ליידער ניט שאַרף ארויסגעבראכט גע־וואָרען. דאָך איז דער עפּיזאָד אזוי אויך שעהן גענוג.

די צרה איז, וואָס די גאַנצע זאַך איז געמאַכט געוואָרען פון פרעמדע הענד, וועלכע האָבען די זאַך ניט גוט פאַרשטאַנען און זי ניט ריכטיג אויסגעקנאָטען, און זי איז ארויסגעקומען גולמ׳יש, אויב מען קען אזוי זאָגען.

אין דער מעשה פעהלען אויך ניט איינינע אַנטיסעמיטישע רמזים. דייטשען קענען זיך ניט באפרייען פון זייער שנאה צו אידען אפילו אין דער קונסט, און אפילו ווען זיי באארבייטען אַ אידישע טעמאַ.

מיט די אַלע חסרונות איז פונדעסטוועגען כדאי צו זעהן דעם „גולם“, וואָס וועקט אויף אַ בינטעל זיס־שמערצליכע זכרונות אין דעם הארצען פון יעדען איינציגען אידען, וואָס האָט נאָך זוכה געווען, אז זיין מאַמע זאָל איהם קינדווייז דערצעהלען אידישע באָבע־מעשיות.

קריסטמעס.

א אידישער שטאאטסמאן, וועלכער האט א לאנג־יעהריגע ערפאהרונג און באציהונגען מיט קריסטליכע אפיציעלע לייט, פאליטיקער און רעגירונגס־באאמטע, האט מיר אנומעלט געזאגט:

„איך מייד שטענדיג אויס, ווען נאר מעגליך, צו קומען צו די לייט מיט מיינע השתדלות'ען און בקשות אין קריסטמעס־צייט. עס שיינט מיר, אז דעמאלט איז די צייט, ווען די קריסטען, אפילו די ליבעראלסטע, וואלטען וועלען וועניגער הערען וועגען אידען, וועגען זייערע תביעות, בקשות און טענות. איך לאז זיי דארום יענע צייט צורוה. אכט טעג נאך קריסטמעס, ווען די לופט איז געקלעהרט, ווען דער קריסט ווערט אויסער קריסט אויף צוריק דייטש, ענגלענדער, פראנצויז, איטאליענער, דעמאלט קום איך צו איהם מיט מיינע טענות און אפט דוקא אין נאמען פון דער ביבעל, און דערמאן דעם פאקט, אז זיין רעליגיע איז געגרינדעט געווארען דורך א אידען. אין ניין הונדערט ניין און נייניציג פאלען פון טויזענד מאכט די תביעה, אז היות מיר זיינען דאס פאלק פון דער ביבעל און ישו איז אליין געווען א איד, דערפאר דארף מען האבען מיט אונז איינזעהן, אן איינדריק. אבער אלץ נאך קריסטמעס. אין קריסטמעס־צייט האט די טענה א פארקעהרטע ווירקונג".

אין פלוג איז עס ווירקליך שווער צו פארשטעהן פארוואס עס איז אזוי. געדארפט האט עס זיין פארקעהרט: אין קריסט־מעס, ווען קריסטען פייערען דעם טאג פון דעם געבוירען ווערען פון א אידען, וועלכען זיי באטראכטען אדער אלס גאט אליין אדער כמעט א גאט, אדער אלס גרעסטען נביא, וואס די מענש־הייט האט ארויסגעשטעלט, א מענש אהן א שום גייסטיגען מום,

אַ לייכטענדע זון אָהן פלעקען, — אין פלוג וואָלטען קריסטען אין יענעם טאָג געדאַרפט מיט בלומען באַוואַרפען יעדען אידען, וואָס זיי באַגעגענען אין גאַס, זיך וואַרפען אי׳הם אויף דעם האַלז און קושען: סטייטש, אַ קלייניגקייט, זיך טרעפען מיט ליבע־ליבע קרובים פון דעם וועלט־באַגליקער און נשמה־רעטער. עס איז דאָך דאָסזעלבע בלוט.

אזוי וואָלט געדאַרפט זיין, און דאָך איז אין לעבען גאַנץ אַנדערש, נאָך ווי אזוי אַנדערש. דוקא דער טאָג איז אַ שרעקענס־טאָג פאַר די אידען, וועלכע לעבען אין מזרח־אייראָפּאַ.

אַמעריקאַנער אידישע קינדער ווייסען פון דעם שרעק גאָר ניט. פאַר זיי איז קריסטמעס געוואָרען אַ שטיק יום־טוב. נאַציאָנאַלע אידען האָבען נאַטירליך דערפון גאַנץ ווייניג נחת. דאָ זעהט מען קלאָר וואָסערע חורבנות די אַסימילאַציע מאַכט דאָ אין אונזער לעבען. מחמת קריסטמעס איז דאָך זיכער ניט קיין אַמעריקאַנער יום־טוב, נאָר אַ ריין־רעליגיעזער יום־טוב, און דאָך בייערען איהם אַ גרויסער טייל פון אַמעריקאַנער אידען מיט, באַטש ווען מען זאָל זיי פרעגען צו ווילען זיי ווערען קריסטען, זיך שמד׳ען, וואָלטען זיי זיכער געזאָגט, אַז ניט.

אין אַמעריקא, — צו אונז געפעלט עס אָדער ניט, — איז קריסטמעס געוואָרען אַ מין אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער יום־טוב. אונזערע קינדער, אַלע אָהן אויסנאַהם, געהען אין די פּאָלקס־שולען, וואו עס ווערען צוליב קריסטמעס ספּעציעלע לידער געזונגען, און די שולען אליין ווערען ספּעציעל דעקאָרירט. עס איז יום־טוב אין דער לופט. די קינדער, אונזערע אריינגערעכנט, ווייסען, אַז קריסטמעס מיינט פאַר זיי אַ „וואַקיישאָן“, אַ וואָך אָדער גאַנצע צעהן טעג פריי, יום־טוב, און דאָס מאַכט געוויס אַן איינדרוק. די קינדער לעבען נאָך פרייהייט. זיי געהען טאַקע אין שול, לויפען אפילו, און מען וואָלט געקענט מיינען, אַז זיי האָבען ליב די שול און זיי בענקען נאָך איהר שטענדיג. עס קען טאַקע זיין, אַז זיי האָבען אויך ליב די שול אין אַ געוויסען זין. ציוויליזירטע קינדער לערנען זיך אויס

כמעט גלייך פון ערשטען טאָג צו טראָגען דעם יאָך פון דער געבענשטער ציוויליזאַציע. עס איז אָבער זיכער, אז טיף אין זייער יונגער נשמה לעבט א בענקעניש נאָך דער פרייהייט פון דער גאַס, נאָך דעם פרייען שפּיל, וואו דאָס יונגע בלוט קען אונגעצוימט צופיהרען די הענד. קינדער מעגען טאַקע ליב האָבען די שול, אָבער זיי האָבען נאָך ליבער די פרייהייט. די ליבע פאַר דער שול איז דער פּועל יוצא פון געוואוינהייט, פון דיסציפּלין, בעת די ליבע צו פרייהייט איז אַן איינגעבוירענע, די ערשטע נאַטור. ווען אונזערע קינדער קריגען אין קריסטמעס־צייט א גאַנצע וואָך פריי, מוז קריסטמעס ביי זיי ווערען א יום־טוב, מוז קריסטמעס אויף זיי מאַכען און איבערלאָזען א טיפען רושם.

איך בין ערב־קריסטמעס געווען אין א אידיש־נאַציאָנאַלער הויז. די עלטערען זיינען איבערגעבענע ציוניסטען, קלייבען זיך פאָהרען קיין ארץ ישראל. די קינדערלאך, א בלאָנדער בחור'ל און א שווארצאויגיג מיידעלע, זיינען צוריקגעקומען פון שול, ביידע מיט קעשענעס צוקערקעס און מלכות־ברויטלאך אין די הענד און האָבען געשטראהלט פון גליק. דאָס האָבען זיי באַקומען אין שול א קריסטמעס־געשאַנק. דאָס אינגעלע האָט זיך באַריהמט פאַר דער מוטער:

— סי, מאַ, די לעהרערין האָט דאָס אונז אַלע געגעבען אַלס קריסטמעס־פּרעזענט. איזנ'ט שי נאַיס?

אז דאָס שווארץ־אויגיג מיידעלע האָט דערזעהן, ווי דאָס אינגעלע באַריהמט זיך פאַר דער מוטער, האָבען זיך אין איהרע אויגען אָנגעצונדען א פייערל פון קנאה, און זי איז שנעל צו דער מוטער צוגעלאָפען און גענומען רעדען גיך־גיך:

— באַט סי, מאַ, סי מאַ...

און גענומען אויסלעגען איהרע קאָנפעקטען און צוקער־ברויטלאך אויף דער מאַמע'ס שויס, און מיט גרויס פרייד געפּלאַפּלט.

די מוטער האָט געקוקט פארשעהמט און אונבאַהאָלפען. וואָס זאָל זי זאָגען? דאָס קינד פרעהט זיך און שטעקט גע־

וועהנליך אָן מיט איהר פרייד אויף די עלטערען. עס איז באמת געווען אַ תענוג צו קוקען אויף די קינדערלאך, אויף זייער אונ־געקינסטעלטער, ריינער פרייד, אויף זייער דאנקבארקייט צו זייער לעהרער, וואָס האָט זיי געגעבען אַ מתנה אונגעבעטען, און אַזאַ שעהנע מתנה — נאַשעריי אין אַ קוישעלע ,אַ קריסטמעס־פּרעזענט.

זאָל מען זיי זאָגען מוסר, האַלטען אַ דרשה בזה הלשון:

— זייט וויסען, קינדערלאך, דער יום־טוב איז ניט קיין יום־טוב. פארקעהרט, עס איז אַ טאָג, צוליב וועלכען עס איז פארגאָסען געוואָרען ימים אידיש בלוט, דאָס ריינע בלוט פון אונזערע עלטערען?

מען וואָלט עס אודאי געדארפט טאָן. אָבער עס טוט זיך ניט אזוי לייכט. די קינדערלאך וואָלטען איבערהויפּט ניט פאר־שטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי, און זיי וואָלטען נאַטירליך ווייטער זיך געקליבען נחת פון זייערע מתנות און דער געגעבענער פרייהייט.

עס איז פאַר מיר, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער זייט און צוגעקוקט די קליינע סצענע — די קינדערשע פרייד, די קינדערשע קנאה און דער מוטער'ס צומישטקייט און אונבאהאָל־פענקייט, געוואָרען קלאָר, אַז אונזער מלחמה געגען אַסימילאַציע אין די פרייע לענדער, וואו אונזערע קינדער געהען אין די זעלבע שולען וואָס די קריסטען, איז אַ שווערע, כמעט אַן אונמעגליכע. עס איז אַ קאַמף צווישען דרשות און לעבען.

אין דער אַלטער היים איז עס געווען גאַנץ אַנדערש. פאַר די קינדער אין דער אַלטער היים איז קריסטמעס געווען אַ טאָג פון שרעק. מיר איז דאָס וואָרט „ווייַנאַכט" אָדער „ראָזשעס־טוואָ" גאָרניט געווען באַקאַנט. פאַר אונז האָט די גרויסע נאַכט געהייסען „ניתל", אָדער „די בלינדע נאַכט". יענע נאַכט זיינען קינדער ניט געגאַנגען אין חדר און קיין ספר ניט געעפענט, מחמת ער פליהט אין יענער נאַכט ארום און איז מטמא די הייליגע ספרים. אַ שרעק האָט געהאַנגען אין דער לופט. מען איז דעם אָוונד געוועהנליך געזעסען אין דער היים אַנגעשראָקענע.

איך געדענק נאָך ווי מיינע עלטערן אָדער אימיצענס על־מערען האָבען געזאָגט:

— עס איז גליכער ווען מען זיצט דעם טאָג אין דער היים. די גוים זיינען דעם טאָג אין דער רציחה, און עס איז בעסער זיי אויסצומיידען.

איך וועל דוכט זיך קיינמאָל דעם קריסטמעס אָוועגד, די בלינדע נאַכט פון מיינע קינדער־יאָהרען, ניט פאַרגעסען. עפּעס האָט דער לאָמפּ יענעם אויף דער נאַכט געברענט טונקעל, דער־שראָקען. בלינדע נאַכט. מיר האָט זיך געדוכט, עפּעס אַ גוי אַ גזלן, איז געקומען אין דער רציחה און גענומען אַ שטומפּיגען קניפּ אין דער נאַכט אויסגעשטאָכען די אויגען. די נאַכט, אַ בלאַסע, יונגע מיידעל, איז בלינד געוואָרען, און טראָגט אַ שווארץ טיכעל און שווארצע קליידער, און האַלט אַ לירע אין דער האַנד און זינגט מיט אַ וויינענדיגער שטימע: האָט רחמנות, איך בין אַ בלינדע. מיינע אויגען האָט מען מיר אויסגעשטאָכען.

איך געדענק נאָך ווי איינמאָל האָט זיך מיר אין יענער נאַכט אויסגעוויזען, אַז אַ פרוי אַן אומגעלומפּערט גרויסע איז צוגע־קומען צו אונזער פענסטער און אויסגעשטרעקט די הענד און צו מיר געוואונקען: קום! קום!

מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי וויל מיך כאַפּען און אַנטלויפען מיט מיר. בין איך מיט אַ געוויין צוגעלאָפען צו דער מוטער מיינער און גענומען שרייען: באַהאַלט מיך, אַ שווארצע פרוי וויל מיך כאַפּען! איך האָב געציטערט בשעת מעשה ווי אַ בלאַט.

די מומע האָט מיר גענומען אָפּשפּרעכען און באַמערקט: וואָס איז דער חידוש? שדים און רוחות רעות, רחמנא לצלן, האָבען די נאַכט אַ גרויסע שליטה. עס איז די בלינדע נאַכט.

אינצווישען האָבען זיך דערהערט קולות אונטער די פענס־טער — עפּעס טרויעריגע, פינסטערע, מרה־שחורה'דיגע. מיך האָט עס גענומען פיבערען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס קומט פאַר אַ גוי'אישע לויה און עס לויפען ארום דעסיאַטניקעס און שרייען: „זשידי, שאַפּקי דאָלאָי!" און שלאָגען מיט נאַגאַיקעס.

— מאַמע, כ'האָב מורא! עס איז אַ פאַרשלעפעניש! — האָב איך געשריען.

— זעה נאָר ווי ער ציטערט, וועה דער מאַמען. דאָס קינד האָט זיך איבערגעשראָקען. דאָס „קאָלעדעווען" די שקצים. טראָג זיי עפּעס ארויס, ברײַנע. גיב זיי קוילעטש און אַ פּאָר גראָשען.

די מאַמע האָט מיך דערווייל אויסגעטאָן און געלעגט שלאָפען, און געהייסען לייענען קריאת־שמע מיט גרויס כונה.

איך האָב געלייענט קריאת־שמע אין דער הויך. ווען איך האָב אָפּגעלייענט, האָב איך דאָס פּנים אונטער דער קאָלדרע באהאַלטען און איינגעהאַלטען מיין אָטעם.

עס איז געווען פאַר מיר אַ נאַכט פון שרעק.

פון דעם שרעק האָב איך זיך עד היום ניט באפרייט, כאָטש דאָ אין אַמעריקא איז אַזוי אַנדערש.

שטענדיג דערמאָן איך זיך אָן דער באמערקונג, וואָס איך האָב געהערט אין מיין יוגענד: ווען מען זאָל „ניתל"־נאַכט אריינשטעקען אַ מעסער אין דער ערד וואָלט פון איהר בלוט ארויסגעקומען.

אַזוי איז געווען אין דער היים. דאָ איז, גאָט צו דאַנקען, אַנדערש. אָבער אויך דאָ און אין די אַנדערע פרייע לענדער זאָגען מענשען, וואָס האָבען צו טאָן מיט גוים, אפילו מיט די גאָר ליבעראַלע, אַז עס איז בעסער אין יענעם טאָג זיי ניט צו טרעפען און ניט באַלעסטיגען מיט אידישע זאַכען.

אין דעם טאָג דערמאָנט זיך דער גוי אָן די אַלע אונטערשיידען צווישען איהם און דעם אידען. ער און איך זיינען ניט די זעלבע מענשען. וואָס ביי איהם איז אַם הייליגסטען, איז ביי מיר גאָרניט, אָדער נאָך ערגער ווי גאָרניט. דערמאָנט ער זיך אָן אָט דעם אונטערשייד, איז אויסער דעם וואָס ער דערמאָנט זיך געוויס אָן די אַלערליי לעגענדען, ווי אַזוי די אידען האָבען עס געמאַטערט זיין ישו, זיין גאָט, דערמאָנט ער זיך אויך אָן אַלע אַנדערע פאָראורטיילען געגען אידען. די אידישע וואָ־

בעדיגקייט אין יענעם טאָג רייצט דעם גוי. היתכן? ווי אזוי קענען גאָר די אידען זיך עס ערלויבען?

דאָס וואָס ישו אַליין איז אַ איד מאַכט די זאַך ניט בעסער, נאָר ערגער. די אידען ווייזען איהם צוריק, כאָטש ער איז איינער פון זיי. וואָלט ער געווען אַ פרעמדער, וואָלט מען צו זיי געקענט מיט מעהר חוצפה צוטרעטען, דאָס הייסט די חוצפה וואָלט געווען אַ בארעכטיגטע, אָבער ווען ער איז אַליין אַ איד איז שווער צו זאָגען אידען מוסר. מחמת סוף כל סוף דארפען דאָך אידען אַליין זיין גרעסערע מבינים אויף זייערען אַן אייגע־נעם, ווי די מוסר־זאָגער. עס איז שווער דארום זיך צו נעהמען זידלען אידען, זיין אין כעס אויף זיי. דאָך איז מען אין כעס, וואָס איז ניט שעהן. ניט שעהן פון זיי — מאַכט מען אין דער ניט שעהנקייט ווייטער די אידען שולדיג. צו דעם געוועהנליכען כעס קומט נאָך דארום צו דער כעס אויף זיך צוליב דער אונ־גערעכטער חוצפה, וועלכע מען לאָזט ווייטער אויס צו די אידען, מחמת זיי זיינען שולדיג אויך אין דער חוצפה.

אויך ליבעראַלע קריסטען זיינען אין דעם טאָג אונטער דעם שווערען איינפלוס. זיי האַלטען איין דעם כעס און זיי זיינען אין כעס ווארום זיי דארפען עפּעס איינהאַלטען. צוליב אידען, די משונה'דיגע ברואים, מוזען זיי זיך אָנטאָן אַ כח. און סוף כל סוף, אויב זיי זיינען נאָר קריסטען, זיינען זיי דאָך צומישט און קענען ניט פארשטעהן ווארום די אידען זיינען אזוי איינגע־שפּאַרט. עס איז אַ מאָדנע פאָלק, טראַכטען זיי זיך. ליבעראַ־ליזם פאָדערט צו האַלטען זיך אין דער מעלה. עס איז אָבער שווער און אונאַנגענעהם.

דאָס איז די גוי'אישע פּסיכאָלאָגיע אין יענעם טאָג און דערפאר קען זיין, אַז יענער אידישער שטאַאטסמאַן איז גערעכט, ווען ער זאָגט: געהט ניט צו קיין גוי, אפילו צום סאַמע ליבע־ראַלסטען, אין ווייגאַכט־צייט רעדען צו איהם וועגען אידישע פראַגען.

עס איז דעמאָלט ניט קיין שעת רצון.

גאָט־זוכעניש.

אַ רעליגיעזער שטראָם האָט איצט דורכגעטרונקען דעם באָדען, וועלכען אַ נאָרד־ווינד האָט אין די לעצטע יאָהרען שטאַרק דורכגעפרוירען און פאַרניכטעט זיין יעדעם גרעזעלע, זיין יעדעם צווייגעל וואָס האָט געקענט דערפרישען אַ פאַר׳חלש׳טע זעעלע, דערפרעהען אַ פאַרטרוימט אויג.

די וויסענשאַפט, פאַר׳שיכור׳ט פון איהרע נצחונות אויף דעם פעלד פון מעכאַניק און טעכניק, האָט אין דער ערשטער צייט אומגעשטירצט מיט איהר וואָרף פון די אָרעמס אויף די לייטער, וועלכע האָט געפיהרט דעם מענשען צום הימעל. און דער אָרימער מענש איז געבליבען אָהן אַ הימעל.

אַזאַ מצב קען אָבער כידוע לאַנג ניט אָנהאַלטען. צופיל סודות רינגלען אַרום דעם מענשען אין דער קורצער צייט פון וויג ביז׳ן קבר, ער זאָל זיך קענען באַנוגענען מיט אויבערפלעכליכע ערקלעהרונגען. און חוץ לזה לעבט עפּעס אין דער מענשליכער זעעלע, וואָס ציהט צו העכערע וועלטען, צו העכערע ספערען, וואָס חלש׳ט נאָך התדבקות אין דעם באַשעפער, אין דער גרויסער קראַפט וואָס מאַניפעסטירט זיך אין דעם מענשען און אַרום איהם.

און איבער זיין קאָפּ הענגט אַ בלויער הימעל, וואָס ציהט זיך אין דער וויטקייט ביז דעם סוף, און רייצט די מענשליכע פאַנטאַזיע.

דער אין־סוף. אַלץ איז אייביג, עס בייטען זיך נאָר די פאָרמען. דאָס איז היינט וויסענשאַפטליך און זעלבסטפאַר־

שטענדליך. אָבער אין דעם אַליין שטעקט דער גרויסער סוד, די געהיימנים פון אין־סוף.

און די געהיימנים לאָזט דעם מענשען ניט רוהען.

עס זיצען איינינע געאָלאָגען אויף דער וויסענשאַפטס־באַנק און ערקלעהרען: אונזער ערד איז אַלט אזוי פיל מיליאָנען יאָה־רען. אַנדערע געאָלאָגען ערקלעהרען: אזוי פיל מיליאָנען יאָה־רען. איינינע מיליאָנען מעהר, איינינע מיליאָנען ווענינער — וואָס איז דער אונטערשייד? דער גרויסער סוד איז ניט אין דעם מיליאָן יאָהר, נאָר אין דעם איינעם טאָג, אין דעם באגריף צייט אין אַלגעמיין. וואָס איז נ ע כ ט ע ן, ה י י נ ט און מ אָ ר ג ע ן? לעבעדיגע באגריפען פאַר אונזער מוח און אויס־געשפּונען פון מוח, אָבער אין אמת׳ען אַ גרויסע לעדיגקייט, אין וועלכער דער מענשליכער מח בלאָנדזשעט ארום, ניין, אין וועל־כען דער מענשליכער מוח מיט אונטערגעבראָכענע פליגעל זיצט תפוס, איינגעקערקערט.

נעכטען און היינט — נעבעלדיג ווי די באגריפען זיינען, פאַרשטעהט עס אָבער דער מענשליכער מוח, דער דמיון איז עס תופס. דער מענש קען דורך זיין זכרון לעבען אין דעם נעכטען, נאָכדעם ווי ער איז פאַרשוואונדען אַלס היינט; און דער מענש זעהט, פיהלט, פאַרשטעהט דעם היינט; און דער מענש האָט אויך אַ פאָרגעפיהל פון דעם מאָרגען. אָבער וואָס וועט דאָך זיין דער מאָרגען? וואָס האלט פאַר אונז אין זיין שויס דער מאָרגען, וועלכער איז אייגענטליך אין אויסזעהן, אין זיין לעדיג־קייט עהנליך צום היינט און צום נעכטען?

וואָס וועט זיין מאָרגען? דער מענש איז זיכער, אַז אַ „מאָרגען" וועט זיין, כאָטש דאָס אַליין איז נאָך אויך גאָר ניט אַזאַ זיכערע זאַך. פאַר איהם איז אָבער אונקלאָר וואָס מיט איהם וועט געשעהן מאָרגען. דער לעדיגער היינט שטעהט ווי אַ דיקע בלינדע וואַנד און לאָזט ניט דורך קיין שטראהל פון דעם מאָרגען.

„וואָס ברענגט ער אין זיין שויס, אָט דער מאָרגען?"

יעדער מענש איז אַ לעבעדיגער סוד. ער פיהלט, אַז אין איהם אַרבייטען כחות, וואָס זיינען איבער איהם דער בעל־הבית. זיי זיינען טאַקע זיינע כחות, זיי לעבען דורך איהם און אַ דאַנק איהם, און דאָך איבערוועלטיגען זיי איהם, איהם, וואָס איז אַליין ניט מעהר ווי אַ סכום פון כחות און דאָך מעהר ווי דאָס. יעדער מענש פיהלט, אַז זיין „זיין" איז איינגעהילט אין סוד, אַז זיין גייסט איז אַ סוד, אַז זיין זעעלע, זיין זכרון, זיין אינטעלעקט, זיין ווילען, זיין לוסט, זיין ליידענשאַפט און אַלע אַנדערע כחות זיינע זיינען טיפע סודות.

וואָס העלפען דען די ווערטער? עס איז דאָך ניט מעהר ווי געביטען אַ באַגריף אויף אַ באַגריף. דער לאַבירינט בלייבט לאַבירינט, ווען דער מענש געהט אַפילו אריין פון איין דונקעלען קאַמער אין אַן אַנדערען.

„רייסט אויף אַ פענסטער, און לאָמיר זעהן זיין גרויסקייט, לאָמיר אַ בליק טאָן אין דער אונענדליכקייט". פון דורות ווייט קלינגט צו אונז אָפּ די בקשה: „הראני את כבודיך".

און אָט דאָס איז גאָט־זוכעניש. עס איז דאָס שטרעבען פון דעם מענשען צו באַגרייפען די גרויסקייט דורך התדבקות אין דער גרויסקייט.

זיינען אָבער אין דער געשיכטע באַקאַנט פעריאָדען, — ווי אַזוי זאָלען מיר זיי רופען? — פעריאָדען אויבערפלעכליכע, ווען דער מענש כאַפּט זיך אָן אָן די נאָהענטע געגענשטאַנדען און ערקלעהרט זיי פאַר אַלץ, און ערקלעהרט מיט גאוה: דאָס רעטעניש איז געלעזט!

צו וואָס איז דאָס גליך? צו מענשען, וועלכע זיינען גע־בוירען און ערצויגען געוואָרען אויף אַ שיף. זיי פאָהרען אויף דער שיף אינ'ם גרויסען ים, מיט זיינע ווילדע ברויזענדע כוואַ־ליעס. דער ים ציהט זיך און ציהט זיך ווייט, העט ווייט, און לאַשטשעט דעם הימעל, וועלכער הענגט איבער איהם. דער ים איז שטיל און רוהיג, און די שיף שניידט איהר וועג אויף די נעדולדיגע כוואַליעס, וואָס טראָגען די שיף. און עס טראַכטען

זיך די מענשען, וואָס האָבען קיין אַנדער וועלט ניט געזעהן חוץ די שיף, וואָס זיינען אפילו אויפ'ן דעק ניט ארויסגעקומען זעהן דעם ים און דעם הימעל, אַז אַלץ פאַנגט זיך אָן און ענדיגט זיך מיט דער שיף, און זיי געפינען ערקלעהרונגען בנוגע דער שיף. מילא, די ערקלעהרונגען ווי די ערקלעהרונגען. מיט די געזעצען פון מעכאַניק וועלען זיי דורכקומען. די שיף איז ווירקליך געבויט לויט מעכאַנישע געזעצען. אָבער זיי האָבען איין קאַרדינאַלען טעות: עס הויבט זיך ניט אָן און עס ענדיגט זיך ניט מיט דער שיף.

דאָס פּראָבלעם איז זיכער זעהר אַ שווערעס, ווייל דאָ האַנדעלט זיך אום זאַכען, וואָס האָבען קיין אָנהויב און קיין ענדע.

די אויבערפלעכליכע פּעריאָדען האָבען אפשר זייער נוץ פאַר דער מענשליכער געשיכטע. נאָר נאָך דעם אויבערפלעכליכען פּעריאָד טרעט אימער אריין דער פּעריאָד, ווען דער מענש זוכט נאָך אמת'ען, שטרעבט אויפצודעקען טיילען פון דעם נעלם, זוכט צו עפענען נייע פענסטערלאַך אין דעם גרויסען סוד.

נאָך די סאָפּיסטען, מיט זייער זעלבסט־צופרידענהייט, מיט זייער אויסגעקלעהרטען צווייפעל, וואָס איז געווען געמיינט צו פארשטופען דאָס מויל — ערלויבט דעם פארגלייך — פון דעם בלוטהונד, וואָס האָט זיך געיאָגט אויף דעם סליאַד פון אמת, כדי ער זאָל ווייטער ניט זוכען, — נאָך די סאָפּיסטען איז געקומען פּלאַטאָ מיט דעם טיפען, זוכענדען בליק, מיט זיין נאָך אמת דורשטענדער זעעלע, און ווידער געהויבען זיין בליק צו די הימלען, ווידער אָנגעהויבען מטפל זיין זיך מיט דעם אייגענעם סוד און דעם סוד פון דער וועלט, וואָס איז איין סוד.

זיין דורשטענדע זעעלע האָט אונז, אמת, ניט געהאַלטען עמפּיריש צו דעם טאַפּ־מיט־דער־האַנד־פאַקט. זי האָט געגעבען אַ פרייען פליה צו אונזער דמיון, צו אונזער עמפּינדונגס־קראַפט, וואָס איז ריינער גייסט, דורך דעם אויפווייזען, אַז אונזער וועלט איז אין איינקלאַנג מיט פּערמאַנידעס'עס ניט־זיין, וואָס באַקליידט זיך אין דעם בלוט און פלייש פון זיין. מיט פּלאַטאָ'ן

זיינען מיר נעהנטער צום אמת. נאָך דעם עמפּיריציזם קומט דער ראַציאָנאַליזם, וואָס באַפרייט דעם גייסט פון די קייטען פון חומר.

באמת איז יענע צייט, וועלכע ברענגט ארויס גאָט־זוכענדע גייסטער, די גליקליכסטע פאר א פאָלק, די גליקליכסטע פאר דער מענשהייט. עס זיינען אָבער פאראן אויבערפלעכליכע עפּאָכען.

עס איז באַקאַנט דער באריהמטער שפּרוך־וואָרט פון יענעם גלח: „ווען איך בין אַן אַסטראָנאָם בין איך ניט קיין גלח, און ווען איך בין א גלח בין איך ניט קיין אַסטראָנאָם“.

דאָס באווייזט די אויבערפלעכליכקייט פון זיין צייט. געדענקט האָט מען דעמאָלט, אַ אַסטראָנאָמיע, ווי אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען, זיינען א ווידערשפּרוך צו אמונה. היינט ווייס מען, אז די וויסענשאַפט איז, פאַרקעהרט, א לייטער צום גלויבען. די מאַטעריע, מיט וועלכער מען האָט אַלע סודות געוואָלט לעזען, איז היינט ניט מעהר ווי א פראַגע־צייכען, וואָס שוועבט ארום אין עטהער, א מין נשמה־פּליסיגקייט וואָס באַלעבט אַלץ, און אַסטראָנאָמיע איז אייגענטליך א דערנעהנטערונג צו דער גאָטהייט.

„השמים מספרים כבוד אל“ — די הימלען און גאָטהייט. קיין ווידערשפּרוך צווישען אַסטראָנאָמיע און אמונה.

דער גלח האָט זיין זעלען־צושטאַנד געוואָלט דערקלעהרען דורך א קלאַסישער פאָרמולאַ. אָבער אין אמת'ן האָט ער געמוזט פיהלען, אַז די צוויי ווידערשפּרעכען זיך ניט, און ער האָט קיין ווידערשפּרוך ניט געפיהלט, נאָר האָט אָפּגעגעבען צינז זיין צייט.

אין אונזער צייט, אויסגעניכטערט פון די געמיינטע נצחונות, פיהלט דער מענש זיך געצוואונגען אָפּצוזאָגען זיך פון אויבערפלעכליכע ערקלעהרונגען טאַקי דורך דער וויסענשאַפט, וועלכע שטעהט א פאַרגאַפטע פאר דעם רעזולטאַט פון איהר אויפטו, ווענעס סוד איהר אייגענע מאַיעסטעט פאַרשטעהט ניט — די חידה, וואָס לעבט אויף אין איהר אַלס דער נסתר אין נגלה.

און דעריבער די גאָט־זוכעניש. דאָס רעליגיעזע, דאָס רעט־זעלהאַפטע אין דעם מענשען האָט איהם געטריבען אָפּשאָקלען פון זיך דעם עמפּירישען שטויב פון די טרוקענע פאַקטען, און זוכען טיפער. דער מענש זוכט היינט אַ שלאָגענדען קוואַל פאַר דער לעבנצענדער זעעלע.

און, ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, וואַרפט זיך די פאַראירטע מענשען צו דער ביבעל — צום טיפען, פרישען קוואַל פון גלויבען און רעליגיעזען ענטוזיאַזם, וואָס באַרוהיגט און היילינגט, וואָס אָטעמט מיט גרענצלאָזער ליבע און מיט טיפער ערקענטניס.

די נביאים אונזערע זיינען געשטאַנען אין דעם סאַמע שאָטען פון דער גאָטהייט. זיי זיינען געשטאַנען ביים סאַמע קוואַל, און דעם קוואַל אין דעם בוך פון ביכער פאַר'חתמ'עט. און פון יענעם קוואַל, וואָס די נביאים האָבען אָנגעשלאָגען, האָבען גע־טרונקען אַלע דורשטיגע אין אַלע דורות.

ביי אידען אַליין האָט יענער קוואַל זיך צוגאָסען איבער דער פאָלקס־נשמה און אויפגעעפענט אין איהר נייע צנורות, און עס איז געשאַפען געוואָרען די אגדה, וועלכע האָט געהאַלטען דאָס פאָלק נאָהענט צו גאָט.

אין דער אגדה לעבט נאָך דער אָפּקלאַנג פון יענער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט אין דער מדבר, מיט גרויסע שטרעקען פאַר איהם און שטרעקען הינטער איהם, מיט בלענדענדער ליכט, וואו דאָס אויג האָט פאַרכאַפּט אַ גרויסע ווייטקייט, און יעדערער איז געווען אַ זעהער, יעדערער האָט דערזעהן די אונענדליכקייט פון דער וועלט.

די פעריאָדע פון גאָט־זוכענישען איז ניט אַ פעריאָדע פון פאַרצווייפלונג, ווי אַנדערע מיינען. אדרבא. פּלאַטאָ איז געווען דער גרעסטער אָפּטימיסט. דער סאָפּיזם האָט געפיהרט צו סטאָאיציזם און ציניזם. און דאָס איז אויך לאָגיש. אויב דאָס לעבען פון מענשען איז דער אָנהויב און די ענדע, דאַן פעהלען העכערע צילען און דאָס לעבען איז זעהר טרויעריג. דאַן איז

דאָס לעבען, וואָס האָט מעהר טרויער ווי פרייד, בלויז אַן אָפּ־קומעניש.

מיט דעם ריינעם גלויבען עפענען זיך אויף נייע געזיכטס־פּונקטען אין דער אָפּשעצונג פון דעם ווערט פון מענשליכען לעבען. די נביאים זיינען געווען אָפּטימיסטען, ווייל זיי האָבען געפונען אַ העכערען ציל פאַר׳ן לעבען און אויך צוליב דעם ווייל זיי האָבען ניט געלאָזט די וועלט אין די הענד פון בלינדע קרעפטען, נאָר פון אַ העכערען כח, וואָס זעהט מסוף עולם ועד סופו, וואָס איז דער צוזאַמענגוס פון גוטעס, הייליגעס און גרויסעס, און דעריבער מוז זיך אַלץ אויסלאָזען צום גוטען. כל מה דעביד — דער גרעסטער אויסדרוק פון אָפּטימיזם.

דאָס לופט־פליהען און דער גלויבען.

ניט דאָס איז אַן איבעראַשונג, וואָס מענשען פליהען איבער דעם ים, נאָר די איבערראַשונג איז דאָס, וואָס מענשען ווערען מעהר פון קיין זאך ניט איבערראַשט.

— פליהסט? פליה געזונטערהייד! וועמען אַרט עס? — דאָס איז דאָס אַלגעמיינע געפיהל.

די מענשען זיינען צוגעוואוינט געוואָרען צו אַלערליי ערפינ־דונגען, און עס איז אָפּגעטעמפּט געוואָרען דער איבערראַשונגס־חוש.

דער מענש גלויבט איצט אין זיין כח איינצונעהמען די קרעפטע פון דער נאַטור.

עס איז דער יאָהרהונדערט פון די גרעסטע ערפינדונגען און פון אונבאַגרענעצטע מעגליכקייטען. עס געהט ניט אַוועק כמעט אַ טאָג, אַז עס זאָל ניט געמאַכט ווערען ערגעץ־וואו אַ וויכטיגע ערפינדונג, אַט אויף דעם געביט, אַט אויף דעם אַנדערען. פון דער פריה ביז אויף דער נאַכט לעבען מיר אין אַן אַטמאָספערע פון מאַשין און ערפינדונג.

ווען אַ מענש פון לעצטען יאָהרהונדערט וואָלט אריינגע־קומען אין אונזער וועלט און מען זאָל איהם פריהער ניט דער־צעהלען וועגען די נייע המצאות, וואָלט ער זי ניט דערקענט. ער וואָלט זיין קאָפּ פאַרלאָרען, ער וואָלט זיינע אויגען ניט געגלויבט. ער וואָלט געמיינט, אַז די מענשען באַדינען זיך מיט שדים.

ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מענשען רעדען איינס צו דאָס אַנדערע, זייענדיג ווייט איינס פון דאָס אַנדערע מייל̇ען און מייל̇ען. ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מיר האָבען די

נייעס פון פאַסירונגען, וואָס געשעהען אין אַן אַנדער עק וועלט, גלייך דעם זעלבען טאָג. ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זאַכען באַוועגען זיך אַליין, געשטופּט פון דעם אייגענעם כח, ניט געשלעפּט פון קיינעם, גאָרניט — עס פאָהרט.

אויסרעכענענדיג די אַלע זאַכען, וועלכע ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָלט געדאַרפט זעהר פיל צייט נעהמען, אַ סך מעהר ווי מיר שטעלען זיך פאָר.

דען דער אמת איז, אַז מיר פאַרשטעהען אַליין ניט ווי ווייט אונזער וועלט איז אַנדערש ווי די וועלט פון אַ הונדערט יאָהר צוריק. ביי אונז זיינען די אַלע זאַכען ניט מעהר ווי אַ דרך־הטבע. מיר נעהמען אין דער פריה די צייטונג אין דער האַנד און מיר קלעהרען אפילו ניט מיט וויפיל נסים זי איז געשאַפען געוואָרען, ווער האָט עס געבראַכט אַזוי שנעל די נייעס פון אַלע עקען וועלט? זיינען זיי געקומען צופליהען אויף אַ פאַר׳כשופ־טער קאָטשערע? אָדער האָט אַ הייליגער צוגעבונדען אַ שם המפורש אָן איין פליגעל פון אַ פויגעל, אַנגעקניפּט די נייעס אָן אַנדערען פליגעל און באַפעהלען דעם פויגעל: געה, ברענג די דאָזיגע נייעס צו פלוני בן אלמוני אויף יענעם פלאַץ? אָדער אפשר האָט אַהער אַ שטערען־זעהער פאַרבלאָנדזשעט און ער האָט די נייעס פון די הימעל׳ס צייכענס אַראָפּגעלייענט? אַזעלכע ערקלעהרונגען וואָלט געגעבען אונזערער אַן עלטער־זיידע ווען ער פאַרבלאָנדזשעט אויף אונזער וועלט און דערזעהט די נייעס אין די צייטונגען. מיר אָבער גיבען גאָר קיין ערקלעהרונגען מעהר ניט. מיר זיינען שוין אַזוי צוגעוואוינט געוואָרען, אַז מיר פרעגען גאָר ניט אויף. דער דורכשניטס־מענש ווייס טאַקע ניט ווי די אַלע זאַכען געשעהען און וויל אויך ניט וויסען. און ווען איהר וועט איהם אָפּשטעלען און פרעגען, וועט ער אייך גלייך ענטפערען:

— עס איז אַ מאַשין אַזאַ!

עס איז אַ מאַשין. זי, די מאַשין, פאַרנעהמט דעם הויפּט־פּלאַץ אין אונזער לעבען. מאַשינען, מאַשינען פון אַלע זייטען.

מיר רעדען אויף מאַשינען, מיר געהען אויף מאַשינען — אויף דער ערד, איבער דער ערד, אונטער דער ערד. גאַנצע מחנות כחות אַרבייטען פאַר אונז. ריזען, גיגאַנטען האָבען אָנגעגורט זייערע לענדען און פּראַצעווען ביי אונז. די אַלע ריזען האָט דער מענש אַליין געשאַפען. ער האָט זיי פון זיין מאַרך אַרויס־געצויבערט, ער, די קליינע באַשעפעניש.

איצט פליהט מען איבער דעם ים. וואָרום ניט? איהר פרעגט ווי אַזוי? גאַנץ פשוט: מיט אַ מאַשין. נאָט אייך דעם תירוץ אויפ'ן אָרט. זאָלען טעכניקער און ספּעציאַליסטען זיך דרעהען און ברעכען אַ קאָפּ. פאַר אונז איז גענוג: עס איז אַ מאַשין!...

כאָטש ניט ווילענדיג מוז מען זיך דערמאָנען וואָס פאַר אַן אויפנאַהמע אונזערע עלטער־זיידעס האָבען געגעבען פולטאָן, דעם ערפינדער פון דער דאַמף־שיף.

ווען ער האָט געמאַכט זיינע עקספּערימענטען האָבען זיי געלאַכט פון איהם און געצויגען מיט די אַקסלען: ניט אַנדערש, דער מענש איז משוגע! אָהן זעגלען וויל ער אַ שיף אָפּלאָזען אויף דעם וואַסער. אונזערע עלטער־זיידעס זיינען געווען „קטני־אמונה", גרויסע סקעפּטיקער, כאָטש אין הימעל־זאַכען און אין איבערנאַטירליכע כחות האָבען זיי דוקא געגלויבט. איצט איז פונקט פאַרקעהרט: ווען עס קומט צו דעם גלויבען אין זיינע אייגענע כחות, איז דער היינטיגער מענש אַ גרויסער מאמין. ער גלויבט, אַז ער וועט איינגעהמען אַלע כחות פון דער נאַטור און זיי קאָנטראָלירען. ער גלויבט, אַז ער וועט אַלע כחות איינ־שפּאַנען און זיי פאַר זיינע באַדינער און שקלאַפען מאַכען. דער מענש ווערט היינט ניט איבערראַשט ווען מען רעדט וועגען מאַכען פאַרבינדונגען מיט דעם שטערן מאַרס, וועגען בויען אַ באַהן אַהין, וועגען אַרויפפליהען און זיך צונויפריידען מיט די דאָרטיגע ברואים, שיקען זיי דראָטלאָזע טעלעגראַמעס. מען ווערט ניט איבערראַשט. מען באַטראַכט עס פאַר גאַנץ מעגליך.

אַלענפאַלס, קיינער לאַכט ניט פון די, וועלכע פאַרנעהמען זיך מיט דעם פּראָבלעם, וואָס פאַרשווענדען צייט דאַרויף. דער פּשוט'ער עולם האָט דרך־ארץ פאַר דער וויסענשאַפט, און די, וואָס פּלאַנען אַ צונויפרעדונג, אַ רענדעוואו מיט די ברואים אויף דעם שטערען מאַרס, קומען אין נאָמען פון דער וויסענשאַפט. אויב אַזוי, איז „כלו כל הקיצים", בויגט יעדער דעם קאָפּ און וואַרט שווייגענדיג אָדער שווייגט וואַרטענדיג.

אַזוי ווייט האָט דערגרייכט די מענשליכע אמונה אין דעם מענשען'ס כחות. דערפאַר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען דעם מענשען'ס אמונה אין די איבערנאַטירליכע כחות. דאָ איז דער מענש אינגאַנצען אַ סקעפּטיק. און די פראַגע איז: איז איינס די סבה פון דעם אַנדערען? איז עס דערפאַר, ווייל דער מענש האָט אַזוי פיל געזיגט אויף דעם פעלד פון דער טעכנישער וויסענ־שאַפט, וואָס ער איז געוואָרען ווינציגער מאמין אין די איבער־נאַטירליכע קרעפטען? איז עס דער פועל־יוצא פון זיין שכרות מיט די נצחונות איבער דער נאַטור?

עס איז זיכער, אַז דאָס איז אַזוי. דער מענש פון אונזער יאָהרהונדערט איז ווירקליך אין גאַנצען שכור געוואָרען פון זיינע נצחונות. מיט אַמאָל איז ער אויסגעוואַקסען אין אַ מעכטיגען ריז, אין אַ וואונדער־מענשען, אין אַן איבערמענש. ער האָט באַקומען הענד און אַקסלען, וועלכע קענען גאַנצע בערג אויפ־הויבען, אויסרייסען זיי און אין דין מעל צומאָלען. ער האָט באַקומען פיס, וועלכע לויפען מיילען אין משך פון מינוטען. ער האָט באַקומען אַ שטימע, וואָס מען הערט אויף מיילען ווייט, אויגען וואָס זעהען „מסוף עולם ועד סופו"; ער האָט פאַר־גרעסערט זיינע כחות, און האָט מיט גרויס ערפאָלג באַקעמפט זיינע שונאים, וועלכע האָבען איהם פריהער אַטאַקירט און אָפט איהם באַזיגט, און לעצטענס האָט ער אויך פליגעל באַקומען. האָט דער מענש גענומען גלויבען אין זיינע אונבאַגרענעצטע כחות, האָט אָנגעהויבען קוקען אויף זיך ווי אויף אַ גאָט. ער האָט גענומען גלויבען, אַז איהם וועט געלינגען אַרונטערצורייסען

דעם שלייער פון אַלע סודות אין דער נאַטור און זיך אַוועקזעצען אויף דעם טראָן, אויף דעם פּלאַץ פון דעם אַלמעכטיגען.

דער נצחון אין דער טעכניק האָט טאַקע אין דער ערשטער צייט געפיהרט צו אַטעאיזם. ערשט לעצטענס האָט זיך דער מענש גענומען אויסניכטערען אַ ביסעל און אָנגעהויבען פאַר־שטעהן זיינע נצחונות אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, און ער האָט אויפגעהערט רעז"ען מיט דעם הו צפה'דיגען טאָן.

די נצחונות זיינע האָבען איהם, פאַרקעהרט, ערשט באַוויזען ווי ווייט עס זיינען גערעכט די, וועלכע גלויבען אין דער איבער־נאַטירליכער קראַפט. מחמת, צוריק געשמועסט, איז עס גאָר אין גאַנצען אַ טעות צו רעדען פון נאַטירליך און איבערנאַטירליך. דאָס נאַטירליכע אַליין איז באמת איבערנאַטירליך.

דער מענש האָט דערזעהן, אַז די מאַשין, וועלכע ער האָט געשאַפען, איז פיל מאָל שטאַרקער פון איהם אַליין, וואַרפט אויף איהם אָן אַן אימה, און ער, דער שעפער, מוז זיך אָפּרוקען אָן אַ זייט כדי ער זאָל ניט צושמעטערט ווערען דורך די הענד פון זיין אייגענער שאַפונג. דער מענש האָט אָנגעהויבען פאַרשטעהן, אַז מיט אַלע זיינע נצחונות איז ער, נאָך אַלעמען, אַ מילב אין דער גרויסער וועלט, ניט מעהר ווי אַ מילב און אפשר דאָס אויך ניט.

ער מעג זיך שטאָלץ אויפהויבען מיט זיינע פליגעל אין דער הויך, אָבער אויפהויבענדיג זיך אין דער הויך זעהט ער ערשט ווי נידעריג, קליין און מילביג זיינע חברים־מענשען זיינען.

ער האָט אָנגעהויבען פאַרשטעהן, אַז ער אָפּערירט מיט קרעפטען, וועלכע ער פאַרשטעהט ניט. ער האָט ענטדעקט זייערע געזעצען און נוצט זיי אויס פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע אין דער וועלט, אָבער ניט ער האָט די געזעצען גע־שאַפען, ניט ער קען די געזעצען ענדערען.

און דער מענש קוקט זיך אריין אין זיין אייגענער נשמה, וועלכע ער האָט אויך אָנגעהויבען פאַרשטעהן מעהר און מעהר, און ער זעהט אַז אין איהם אַליין ארבייטען כחות, וועלכע ער

קען ניט קאָנטראָלירען, אז ער טראָגט אין זיך א גאנצע וועלט, וואָס ער איז נאָר איהר שומר, אָבער ניט איהר בעל־הבית, ווען אפילו ער באנוצט אמאָל זיך מיט די רייכטימער, וועלכע זיינען איהם אָנגעטרויט געוואָרען. און ער נעהמט פארשטעהן, אז אפילו זיינע ספקות זיינען א באווייז אויף כחות, וואָס ער פארשטעהט ניט, — די ספקות ניט וויניגער ווי זיין גלויבען.

און עס פאלט דער מענש אויף זיין פנים און אנערקענט די אלמעכטיגקייט.

וואָרים אויב איין פונק, וואָס האָט פארשפריצט אין דעם מענשען, קען אויפטאָן אזוי פיל וואונדער, הייגט וואָס זאָל מען שוין זאָגען וועגען דעם קוואל פון ליכטיגקייט, פון וואונדער?

אונזער ערד

יעדער איינער, וואָס קומט פון ארץ־ישראל און נעהמט רעדען מכח דער שעהנקייט פון אונזער לאַנד, הויבט גלייך אָן פון די הימלען: „קיין לאַנד פארמאָגט ניט אַזעלכע קלאָרע, שעהנע הימלען, אַזעלכע פאר׳חלומ׳טע ברעגען, אַזאַ זונענאונטער־גאַנג, אַזאַ רייכען פארבען־שפּיל, ווי ארץ ישראל; קיין לאַנד האָט ניט אַזעלכע העלע און דאָך מיסטעריעז־פארקלעהרטע נעכט ווי ארץ־ישראל; קיין לאַנד האָט ניט אַזעלכע פייעריגע, פול צוזאָגענדע שטערען, ווי דאָס קליינע, שעהנע לאַנד ארץ ישראל". ווען איך פלעג הערען אָט דעם פזמון, פלעג איך טראַכטען: אמת, שעהן זיינען די הימלען אין ארץ־ישראל. אָבער וואָס איז מכח דער ערד? די מענשען וואוינען דאָך ניט אויף דעם הימעל, נאָר אויף דער ערד — ווי אזוי זשע איז זי, די ערד, אין אונזער ארץ־ישראל? איז זי פּרוכטבאַר? איז זי געבענשט? איז איהר פלאַכע רייך? קען זי פיל מענשען אויף זיך האַלטען און זיי מיט אַ פרייער האַנד דערנעהרען?

ווען מען האָט אונז אמאָל דאָס לאַנד געגעבען, האָט מען דוקא וועגען זיין הימעל גאַנץ ווייניג גערעדט, נאָר וועגען זיין ערד — דאָס לאַנד פון מילך און האָניג; דאָס לאַנד, וואָס גיט זיין פּרוכט אין צייט; דאָס געבענשטע לאַנד. טאָ וואָרום רעדען די אַלע מענשען, וואָס קומען צוריק פון דאָרט, אזוי פיל וועגען ארץ־ישראל׳ס הימעל, וועגען איהר לבנה און איהרע שטערען, און אזוי ווייניג וועגען איהר ערד, בוימער, פּרוכטען און בלומען? איז אין דעם דאָס לאַנד שולדיג? האָט זיך עס אין דער צייט אזוי פיל געענדערט, אַז עס איז וועגען זיין ערד ניטאָ מעהר

וואָס צו ריידען און מען מוז נאָר צו די שעהנע הימלען די אויגען ווענדען? אָדער זיינען די מענשען, וואָס קומען פון דאָרט, שולדיג? אפשר אינטערעסירט זיי דער הימעל מעהר ווי די ערד, און דארום רעדען זיי וועגען הימעל און ניט וועגען דער ערד?

ווען איך בין אין ארץ ישראל געקומען, האָב איך די פראגע פאַר זיך אליין זיך באמיהט צו אונטערזוכען. איך ווייס גאַנץ גוט וואָס עס שטעהט אין די פאַך־ביכער וועגען אונזער לאַנד. איך ווייס אויך וואָס רייזענדע האָבען וועגען דעם געשריבען. אָבער איך האָב געוואָלט מיין אייגענעם איינדרוק וועגען אונזער ערד זיך שאַפען, ניט זייענדיג דערביי קיין פאַכמאַן, אפילו ניט קיין דאָרפמאַן.

און מיין אייגענע באָאָבאכטונג האָט מיר געוויזען, אַז . . . די ערד פון ארץ־ישראל איז ווערט איהר הימעל. זי איז ניט ווינציגער פון דעם הימעל שעהן און וואונדערבאַר.

עס איז ניטאָ אין ארץ־ישראל קיין פארשאָלטענע ערד. עס וואַקסט און בליהט אומעטום. איהר זאָגט: זאַמדיג איז די ערד! אמת, גאַנצע שטרעקעס ערד זיינען זאַמדיג. עס גלאַנצט דאָס זאַמד געגען דער זון, און אייך דוכט אַז דאָס זאַמד קען פון זיך גאָרניט ארויסברענגען. פרוכטען? פון וואַנען וועלען זיי די יניקה ציהען? זאַמד איז דאָך ניט קיין ערד. אַזוי איז אפשר ערגעץ אַנדערש. אין ארץ־ישראל האַלט דער כלל ניט אויס; אין ארץ־ישראל וואַקסט אויף זאַמד. וואָסערע שעהנע פלאַנצען דאָס געלע, געגען דער זון זיך באַקענדע זאַמד גיט ארויס!

אָט שפּאַציר איך מיט מיינע פריינד אויף בערג מיט זאַמד. עס בריהט אונטער די פיס און עס איז שווער צו געהן. די כונה איז געווען שפּאַצירען, אָבער עס שפּאַצירט זיך ניט אַזוי לייכט אין זאַמד. אָבער איך געה אָפּ אַ קליינע שטרעקע: הימעל גוטער, וואָס פאַר אַ כשוף איז דאָ געשעהן! עס באָדט זיך די געגענד אין גרינס. עס שטעהען הויכע יוקאַליפּטוס־ביימער, פארצווייגטע, באַבלעטערטע, שטעהען גלייך אָבער דאָך

אָהן פּרעטענזיעס. אַביסעל ווייטער אָראַנזשען־בוימער, שורות־ווייז, אָנגעלאָדען מיט גאָלדענע פּרוכט, — אַ דין שטאַמעל, אָבער פילע צווייגען און גאַנץ גרינע בלעטער. און אָט גלייך ניט ווייט — מאַנדעל־בוימער. און אָט איז דער איילבערט, אַ פאַר־חלום׳טער סאָרט בוים, מיט אַ געשניצט בלעטעלע. פון דער ווייטענס זעהט דער בוים אויס ווייסליך, אָבער ווען מען קומט צו נעהנטער, זעהט מען אַז ער האָט אין זיך גענוג גרינע בלעטער. און דאָ, נעבען איינינע פּאַלמעס — גרינס און בלעטער, און בלומען אַלערליי, בלומען ווילדע, אָבער אַזעלכע פאַרבען־רייכע, בלומען קולטיווירטע. און דער ריח באַצויבערט דיך, פאַר־שיכור׳ט דיך. בלומען רויטע, רויט ווי בלוט, מיט אַ שוואַרצען חן־פּינטעלע אין מיטען.

איך קען די אויגען ניט אָפּרייסען פון דעם שעהנעם בילד. אַן אָאַזיס אין דעם זאַמד־מדבר, קלעהר איך. אָבער ווען איך קום נעהנטער, שטעלט זיך אַרויס, אַז עס איז אַ טעות. עס איז ניט קיין גרין־אינזעל אין דעם געלען ים, נאָר דאָס איז דאָס־זעלביגע זאַמד, וואָס האָט מיין גאַנג פאַרשוועכט.

די אַלע בוימער וואַקסען דאָס אויף דעם זאַמד. זיי וואַק־סען וואו נאָר מען פּאַרפלאַנצט זיי. איינינע באַגעהען זיך לגמרי אָהן וואַסער. אַנדערע מוזען האָבען וואַסער אום זיי צו באַ־פּרוכטען.

דער יוקאַליפּטוס וואַקסט אויף דעם זאַמד און דערצו נאָך גאַנץ שנעל. ער וואַקסט הויך און שטאַרק. ער צושפּרייט זיינע וואָרצלען ווייט און ברייט און עס האָט גאָר קיין שיער ניט וואוהין ער קען פאַרקריכען.

און האַקט מען איהם אָפּ, איז אויב מען לאָזט נאָר איין וואָרצעל, וואַקסט ער זיך ווייטער, און גאָר שנעל, און אויף דעם פּלאַץ פון דעם אָפּגעהאַקטען בוים איז דאָ אַ נייער בוים מיט אַ נייעם שטאַם און גרויסע צווייגען.

דער טערק און דער דייטש און שפּעטער אפילו דער ענג־לענדער האָבען אין דער צייט פון דער מלחמה געשניטען אָהן

רחמנות די דאָזיגע יוקאַליפּטוּסען, וועלכע די אידען האָבען מיט גרויס מיה געפּלאַנצט. דאָך איז באַלד ניט צו דערקענען, אַז די בוימער זיינען אמאָל אָפּגעשניטען געוואָרען. אין די צוויי יאָהר זיינען די בוימער אויפ׳ס־ניי זיך צואוואַקסען, ניט אויף קיין אנדער פּלאַץ ווי אויף דעם זאַמד און אָהן א טראָפּען וואַסער.

דער אָראַנזש מוז שוין האָבען וואַסער. האָט מען דאָס וואַסער צוגעפיהרט, און דאָס זאַמד ברענגט אַרויס די גאָלדענע פּרוכט, מיט איהר זיס־אנגענעהמען ריח.

און עס וואַקסען דאָ אַלע פּרוכט־בוימער — ציטראָנען און אתרוגים און וועלכע פּרוכט איהר ווילט אַליין. אַלץ קען דאָ וואַקסען. עס האָט זיך אונזערען א אידען פאַרגלוסט עפּעל, האָט ער אויף דעם זאַמד איינינגע עפּעל־בוימער פאַרפּלאַנצט, — האָט עס גענומען וואַקסען עפּעל רויט־באַקיגע, זאַפטיגע און טעם גן־עדן׳דיגע.

עס קענען וואַקסען עפּעל, ווען מען וויל נאָר פּלאַנצען, און פּלוימען און באַרען. די ערד איז ביכולת אַלץ צו געבען. וואָס מען פאַרזעצט, וואַקסט.

עס וואַקסט אויף דעם שטיין, עס וואַקסט אויף דעם פעלז. דאָס איז ניט קיין מליצה. אויף די בערג וואַקסען די איילבערט־בוימער.

מיינער א פריינד האָט מיך צוגעפיהרט אין דער קאָלאָניע זכרון צו א שעהן פעלד, ניט ווייט פון א שעהנעם כרם. די וויינ־שטאָקען האָבען מיט זייער גאָלד־גרין דאָס אויג פאַרכאַפּט. די גרינקייט איז געווען אַזאַ פעטע, אַזאַ טיפע. און דאָס פעלד פון ווייטענס האָט זיך אויך געקענט גרויסען מיט זיינע הויכע, שווערע זאַנגען.

דערצעהלט מיר מיין פריינד:

דער כרם און דאָס פעלד זיינען אויף שטייניגען באָדען געפּלאַנצט געוואָרען. אויף יענער זייט איז נאָך דער באָדען שטייניג און נאַקעט. קיינער וואָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס פעלד

און דער ווייננאָרטען איז אויף עהנליכען באָדען געזעעט און גע־פלאנצט געוואָרען. דאָס איז אָבער אַ פאַקט. אביסעל שטיי־נער האָט מען אויסגעריסען, אביסעל האָט מען אויסגעמיסטיגט און געאַקערט, און עס איז געוואָרען אַ גאָט־געבענשט פעלד און אַ שעהנער בליהענדער גאָרטען.

דאָס איז אונזער ערד. מען פארפלאנצט און עס וואַקסט. און פיהרט מען צו וואַסער, איז מזל און ברכה.

עס איז איצט דאָ אין ארץ־ישראל אַ רייכע וויין־קולטור, כאָטש אין אָנהויב זיינען דאָרט געוועזן בלויז אַ פּאָר מינים. מען האָט געבראַכט וויינשטאָקען פון פראַנקרייך און וויינשטאָ־קען פון אַנדערע לענדער און אין אונזער באָדען פארפלאנצט. דער פועל־יוצא איז, אַז אין אונזער ערד זיינען די וויינשטאָקען בעסער ווי אין זייער אייגענעם באָדען.

עס זיינען אין אונזער קליינעם ארץ־ישראל פאַראַן אַלערליי קלימאַטען, און עס איז דארום מעגליך אַלערליי קולטורען צו האָבען. ארום יריחו, למשל, וואַקסען באַנאַנאַס. זיי זיינען ניט אַזוי גרויס ווי די באַנאַנאַס, וועלכע מיר זעהען אין אַמע־ריקא, אָבער דערפאַר איז זעהר ריח פיל בעסער. די פרוכט איז זיס און געשמאַק, אָבער דער ריח איז אַנגענעהמער פון אַלץ.

אין אייניגע פּלעצער האָב איך בלויע בוימער געזעהן — אַ מין בלויער צוויט, וואָס איך האָב זיין גלייכען קיינמאָל ניט גע־זעהן. דער דאָזיגער בוים לייכט ארום צווישען די גרינע בוי־מער, און איהר וואונדערט זיך, ווער האָט עס אַ בוים מיט אַ פאָספאָר־ליכט באַגאָסען? דאָס איז אָבער ניט קיין פאָספאָר נאָר אַ צוויט. „עס איז אַזאַ מין בוים”, ווי מיין רבי פלעגט מיר טייטשען ווען נאָר ער האָט זיך אָנגעשלאָגען אויף אַ העברעאיש וואָרט, וואָס האָט געמיינט אַ בוים, און וועלכען ער האָט ניט געקענט אָנרופען — אַזאַ מין בוים. אָבער אַ שעהנער בוים, אַ בוים וואָס איבערראַשט אייך מיט זיין זאָנדערבאַרען בלויען קאָליר. מען איז געוואוינט צו בוימער גרינע, מען איז געוואוינט צו בוימער, וועלכע האָבען אַמאָל אַ ווייסען צוויט, פרוכטען פון

אַלערליי קאָלירען, אָבער אַ בוים אין בלוי, דאָס גאַנצע אויסזעהן בלוי, „כולו תכלת“, דערצו איז מען ניט געוואוינט.

אין ארץ־ישראל האָב איך דעם דאָזיגען בוים געזעהן. איך האָב דאָרט אויך געזעהן אַ בוים, וואָס איז אינגאַנצען רויט, ווי ער וואָלט געווען איינגעהילט אין פלאַמען — ווי דער אין פייער ברענענדער „סנה“, וואָס משה האָט געזעהן.

אַזעלכע בוימער האָב איך, אמת, נאָר איינציגע געזעהן — בלויז אין די גאָרטען־פּלעצער. דאָס האָט מסתמא דער נדיב הידוע געלאָזט פאַרפלאַנצען פון שעהנקייט וועגען. אַ שעהנעם דאַנק דעם נדיב. אָבער די באַוואונדערונג קומט ניט דעם נדיב, נאָר דער נדיבה — אונזער ערד, וועלכע קען אַזעלכע בוימער כשופ'דיגע ארויסברענגען, ווייל אויך זיי זיינען געווען פאַר־פלאַנצט אויף דעם זאַמד און האָבען זייערע שעהנע קאָלירען פון דעם זאַמד געשעפּט.

דאָס איז אונזער ערד.

איך האָב געזעהן בוכשטעבליך צווייגלאַך ארויסשפּרינגען פון די ווענד. ווי אַזוי? ווייס איין גאָט. שטיין און צעמענט, האַרטער שטיין, און פּלוצים ווי אימיצער וואָלט אויף דער וואַנד מיט אַ נס־שטאָק אַ קלאַפּ טאָן, מיט אַזאַ מין שטעקען מיט וועל־כען משה האָט וואַסער געצויגען פון שטיין, און עס האָט גע־נומען וואַקסען אַ גרויסע צווייג, וואָס בויגט זיך חנ'עוודיג צו דעם בלאָזען פון ווינד — אַ בילד ניט קיין זעלטענע אין אונ־זער לאַנד.

דער גרויסער עולם ווייס געוועהנליך ניט אויף וועלכען באָדען עס שטעהען אונזערע קאָלאָניען. מען ווייס, אַז אידען האָבען געמאַכט קאָלאָניען, און אַמאָל טרעפט אַז אַ רעדנער צו־מליצה'ועט זיך, זאָגט ער אַז די אידען האָבען אַ מדבר אין אַ גן־עדן פאַרוואַנדעלט. זעלטען ווען אימיצער פאַרשטעהט וואָס די אידען האָבען דאָ געטאָן, און זעלטען ווען עמיצער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, וואָס די ערשיינונג באַדייט אין איהר גאַנצען ארומ־נעהם.

דער פאַקט איז, אַז ביז איצט האָבען די אַראַבער קיין זריעה־באָדען, אָדער ווי מען רופט עס דאָ „פלחה" (פאַלכאַ) צו אידען ניט פארקויפט. ביז איצט האָבען די אראבער, אויף וועמעס גורל אונזערע גענאָסען האָבען אזוי פיל טרעהרען פאר־גאָסען, אונז פארקויפט בלויז זאמד, שטיינער און בלאָטע — ערד, וואָס זיי האָבען ניט געוואוסט ווי אויסצונוצען. זיינען געגאַנגען די אידען און אָט אויף די שטיינער און אויף דעם זאמד און בלאָטע אָט די שעהנע קאָלאָניען געשאַפען.

דאָס איז אַ קאַפּיטעל געשיכטע, אויף וועלכען די אידען מעגען געווים שטאָלץ זיין, אָבער ניט וועניגער פארדינט דאָס לאַנד אונזער אַנערקענונג.

דער דאָזיגער פענאָמענאַלער ערפאָלג איז מעגליך געוועזן, ווייל אונזער באָדען איז אַזעלכער.

עס וואַקסט אין ארץ־ישראל אויף זאמד. עס וואַקסט אויף שטיין. עס וואַקסט אויף דער בלאָטע. עס וואַקסט און בליהט און גרינט.

עס גן־עדן'ט אין אונזער לאַנד.

מחמת עס איז אַ וואונדערבארער באָדען, דער ארץ־ישראל באָדען.

דער הימעל אין ארץ־ישראל איז אַן אויסנאַהם, אָבער ניט וועניגער אויסנאַהם איז אונזער ערד. אונזער ערד איז זיכער ווערט איהר הימעל.

„די אידען"

עס זיינען פאראן זעהר וועניג פּאסאזשירען אין דער ער־שטער קלאס, און צווישען זיי זעהר וועניג אידען. א מנין, גלויב איך, קען מען דאך צונויפקראצען. אין דער פּאסאזשי־רען־ליסט באמערק איך די נעמען: מייער, הורוויץ, באלין, ראזען און אפילו כהן. זיי האלטען זיך אָבער דאס מאל ניט צוזאמען. און די מייסטע זיינען על פי רוב אויסערליך זעהר שטארק אסימילירט, אזוי אז א גוי קען זיי זיכער שווער דער־קענען. נאר דאס געניטע אידישע אויג קען זיי ארויספישען פון דעם כלל.

אויב אָבער עס זיינען ניטא קיין סך אידען אויף דער שיף מיינט עס דאך ניט, אז מען פארגעסט, חלילה, וועגען אונז. אויב מיר זיינען ניטא, איז אָבער אונזער גייסט פאראן, און ער שרעקט, נעבעך, די אָרימע גויים.

כמעט אין אלע זשורנאלען, וואס איך זעה דא אויף'ן טיש, איז עפּעס פאראן וועגען אידען. אין איין זשורנאל איז דא אן ארטיקעל אונטער'ן נאמען „די אידישע פראגע", אָדער עטוואס אזוינס, און אין אן אנדער זשורנאל רעדט מען וועגען אונז בדרך אגב. למשל, רעדענדיג וועגען דער פראגע „צי עס זאל זיין א מאנארכיע אין פראנקרייך אָדער ניין", באקומען די אידען זייער פּארציע, מחמת נאר זיי זיינען שולדיג דערין וואס פראנקרייך מוז זיך נעבעך באגעהן אָהן א קיסר. אזא אומגליק! אומע־טום די אידען, אין אלע זיינען שולדיג די אידען.

עס איז שווער צו זאָגען צו עס איז דער אָנהויב פון א נייער אנטיסעמיטישער באוועגונג אָדער עס איז שוין דער אויסלאָז.

הילער בעללאק אין זיין בוך „די אידען", וואס געפינט זיך אויך דא אין דער שיף'ס ביבליאטעק, סטראשעט, אז מיר שטעהען פאר א גרויסען אנטיסעמיטישען אויסברוך אין די מערב־לענדער. ער סטראשעט ממש מיט פאגראמען.

זיין טענה איז, אז בעת איצט איז דער אנטיסעמיטיזם בלויז א „משוגעת", א „פעד" פון זעהר וועניגע, האלט עס אבער אין ווערען דער „אני־מאמין" פון די גרויסע מאסען. און פונקט ווי דער סאציאליזם איז אמאל, אין דער ערשטער צייט, געווען בלויז דער קאפריז פון איינינגע און מען האט אין געוויסע קרייזען דעם נאמען סאציאליסט ניט געטארט דערמאנען, און אז מען האט עס דערמאנט איז עס געווען אלס זידעל־ווארט, און היינט איז סאציאליזם דער גלויבען און די האפנונג פון מיליאנען אר־בייטער אין דער גאנצער וועלט, אזוי וועט זיין מיט דעם אנטי־סעמיטיזם.

עס קען מעגליך זיין, אז עס זאל אזוי געשעהן. זיין אר־גומענט איז אבער ניט איבערצייגענד. דער אנטיסעמיטיזם איז ניט קיין נייע ערשיינונג. וואו נאר אידען זיינען פאראן אין גרויסע מאסען אין באקומען א געוויסען איינפלוס, ווערען שטארק, באווייזט ער זיך. אבער ער קען היינט ניט פאר־שפרייטען די זעלבע בלבולים א לאנגע צייט אונגעשטערט, ווי ער האט עס געטאן אמאל. עס זיינען אנדערע צייטען. עס איז פארט היינט אונמעגליך צו פאבריצירען שקרים און אזוי פארבאהאלטען אלע פעדים, אז מען זאל דעם ליגען ענדליך ניט אויפדעקען. עס איז פארט די צייט פון דרוק, טעלעפאן, טעלע־גראף, לופט־מאשינען, ראדיא און ראדיום. מען קען טאקע היינט פיל שנעלער א ליגען פארשפרייטען, אבער דערפאר אויך שנעלער דעם ליגען אויפדעקען. עס איז איצט די צייט פון עלעקטריציטעט און רענטגען־שטראהלען; דאס סאמע פארדעקטע ווערט מיט א שטראם ליכט באגאסען.

מיר האבען עס געזעהן אין דער צייט פון דער דרייפוס־אפערע, וועלכע איז געווען אן איבעררעשונג פאר אונז ניט בלויז

פון איין שטאַנדפּונקט. פון איין זייט האָט די דרייפוס־אַפּערע באַוויזען, אַז אַפילו אַזאַ פּאַרטגעשריטענע מדינה ווי פראַנקרייך איז ניט פריי פון דעם אַנטיסעמיטישען גיפט. פון דער אַנ־דערער זייט איז אָבער אויך קלאָר געוואָרען, אַז מען קען היינט ניט מאַכען קיין בלבול אויף אידען און עס זאָל בלייבען „כּאַטאַ פּאָקרישקאַ“, באַגראָבען, פאַרשאָטען און פאַרגעסען. עס איז היינט אונמעגליך מעהר. עס איז פאַראַן צופיל ליכט, צופיל עפענטליכקייט, עס זיינען פאַראַן צופיל אויגען.

דער דרייפוס־בלבול איז אויפגעדעקט געוואָרען, און ניט דוקא איינגאַנצען דורך אידען־פריינד. פילע פון די אויפדעקער זיינען ניט געווען קיין ספּעציעלע אידישע פריינד, האָבען אפשר אידען ניט ליב געהאַט, אָבער דער אינטערעס אויסצוגעפינען דעם אמת, אָדער פיליכט זייער וואונש צו שיצען דעם גוטען נאָמען פון דער אַרמיי, האָט זיי געטריבען דעם בלבול צו אונ־טערזוכען, און ווען זיי האָבען גענומען זוכען, האָבען זיי די פאַלשקייט גלייך אויסגעפונען.

דער דרייפוס־בלבול האָט פאַרשטאַרקט די אידישע פּאָ־זיציע אין פראַנקרייך און געמאַכט דאָס וואָרט אַנטיסעמיט פאַר זעהר אַן אָפּשייליך וואָרט, ווייל פראַנקרייך האָט דערזעהן אויף וואָס די אַנטיסעמיטען זיינען פעהיג, אַז זיי זיינען גרייט פראַנק־רייך צו פאַרשלעפּען אין אַ בלאָטע.

דער צווייטער פאַל, וואָס איז פּאָרגעקומען ערשט לעצ־טענס, איז וועגען די באַריהמטע פּראָטאָקאָלען. דאָ איז אָפּגע־טאָן געוואָרען אַ קונציג שטיקעל אַרבייט. אַלץ האָט אויסגע־זעהן „קיילעכיג און שפּיציג“. פּראָטאָקאָלען זיינען געפונען גע־וואָרען כלומרשט צופעליג, וואָס דעקען אויף די אידישע קאָנ־ספּיראַציע צו רעגירען די וועלט. די פּראָטאָקאָלען האָבען אין אָנהויב געמאַכט אַ רושם אויף פילע וויכטיגע פּערזענליכקייטען, וואָס זיינען זעהר הויך אין רעגירונגס־קרייזען.

אַזוי, צום ביישפּיל, ווערט דערצעהלט, אַז אַזאַ ניכטערער מענש ווי טשווירטשיל האָט אין דער ערשטער צייט געגלויבט

אין דער עכטקייט פון די דאָזיגע דאָקומענטען. מען דערצעהלט, אַז ביי אונז אין אַמעריקא האָט יוהז, וועלכער איז באקאנט אַלס אונפּארטייאישער מענש און איז באריהמט מיט זיין קאַלט־קייט און איבערלעגטקייט, די פּראָטאָקאָלען גענומען ערנסט.

מען קען פארשטעהן פּארוואס. אויך די פּראָטאָקאָלען זיי־נען אָנגעשפּיקעוועט מיט פּרטים, מיט אותות ומופתים. ווידער זיינען דאָך די פּראָטאָקאָלען באגרינדעט אויף אַן אמת'ען פאקט, וואָס איז שטענדיג געווען דער יסוד פון אַנטיסעמיטיזם: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים", מיר זיינען אַן אינטער־נאציאָנאַל פאָלק, וואָס איז געוויסער מאסען דורך די פּעדים פון ראסע און רעליגיע פארבונדען צווישען זיך. אויף דער קאָנווע פון אַט דעם פאקט איז ניט שווער אויסצואועבען אַלערליי שקרים.

די פּראָטאָקאָלען האָבען די אידען אָנגעטאָן פיל שאָדען. דער איגנאָראַמוס פאָרד האָט די פּראָטאָקאָלען אויפגענומען אַלס „תורת משה" און זיי פארשפּרייט אין הונדערטע טויזענד עק־זעמפּליאַרען. אויף אַזוי ווייט איז דער דרוק אַן אומגליק פאר אידען. אַ שקר וואָס וואָלט אַמאָל גענומען דורות צו פאר־שפּרייטען, נעהמט היינט טעג. דער שטעקען האָט אָבער צוויי עקען. צוליב דער ברייטער עפענטליכקייט זיינען טויזענדע מענשען פאראינטערעסירט געוואָרען, און מענשען עהרליכע, וואָס האָבען אין די דאָקומענטען גלייך דערזעהן דעם האָמבאָג, האָבען דערזעהן, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט אום אַ קאָנספּיראַציע פון אידען צו רעגירען איבער דער וועלט, נאָר אום אַ קאָנספּיראַציע פון אידישע שונאים דורך בלבולים דאָס לעבען פון אַ פאָלק צו פארביטערען. האָבען זיי גענומען די זאַך אונטערזוכען, און עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער ליגען איז אויפגעדעקט גע־וואָרען.

אפילו בעלפאַק האָט ניט דעם מוט מעהר צו דערמאָנען די פּראָטאָקאָלען. דער ליגען האָט געפּלאַצט באַצייטענס. נאָרטה־קליף'ס „טיימס", אַן אַנטיסעמיטישע צייטונג מיט אַ ברען, האָט

דאן געדרוקט די אויפדעקונג און עפענטליך אנערקענט איהר טעות. ווארום האט עס די „טיימס“ געטאן? דער תירוץ איז: די צייטען זיינען אנדערע. די „טיימס“ קען זיך זיין אנטי־סעמיטיש, אבער זי וויל דאך אויפהאלטען די רעפוטאציע, אז זי איז אן אונפארטייאישע צייטונג, וואס דרוקט ניט קיין אפענע שקרים. זי האט דארום געדרוקט די אויפדעקונג כדי מיט דעם צו באווייזען, אז זי איז אויך איצט אונפארטייאיש.

באמת איז אין אונזער פאל ניט וויכטיג צוליב וועלכען טעם זי האט געדרוקט די באווייזען, אז די פראטאקאלען זיינען געפעלשטע, אבי דער אמת איז ארויסגעקומען ווי בוימעל אויפ'ן וואסער, און די יעניגע וואס האבען אין די פראטאקאלען גע־גלויבט, שעהמען זיך איצט עס צו דערצעהלען. זיי פיהלען, אז זיי זיינען געווען די קרבנות פון א געפעהרליכען האמבאג.

איצט איז נאך געבליבען די לעגענדע מכח אידישען באל־שעוויזם. בעללאק רעדט נאך וועגען דעם מיט גרויס גוסטא. די אידען זיינען די באלשעוויקעס איינצעל און אליין, און די סבה: מחמת אידען זיינען נאמאדען, די אידען האבען ניט קיין נאציאנאל־געפיהל, די אידען פארשטעהען ניט וואס הייסט אייגענטום און נאך אזעלכע שטותים. אבער דער זעלבער בעללאק מוז דאך צוגעבען, אז די אידישע מאסען זיינען בדרך כלל געגען באלשעוויזם, וואס דאס מיינט אז ער גיט צו, אז זיינע טעאריען איבער דער אידישער פסיכאלאגיע זיינען גרונד־פאלש. ווארים ווען זיי וואלטען זיין אמת, וואלטען דאך די אידישע מאסען געדארפט זיין באלשעוויקעס. בעללאק קען זיך ניט העלפען. ער מוז זאגען, אז די אידישע מאסען זיינען געגען באלשעוויזם, ווייל ער קען זיך ניט ווארפען געגען די שארפע צייהן פון א באקאנטען אמת, וואס אלע באאבאכטער פון רוסלאנד האבען באשטעטיגט.

בעללאק האלט זיך נאך דערוויל ביי זיין באהויפטונג, אז די גאנצע באלשעוויסטישע פיהרערשאפט איז אידיש. אבער

דער שקר וועט מיט דער צייט פּלאַצען; ער האָט שוין באמת טיילווייז געפּלאַצט.

די אידען זיינען געווים גאַנץ שטאַרק פאַרטראַטען אין דער באָלשעוויסטישער באוועגונג, אָבער פּונקט אזוי אויך אין דער אַנטי־באָלשעוויסטישער. די אידען זיינען בכלל אַ גרויסער פאַקטאָר אין אַלע געזעלשאַפטליכע באוועגונגען, וואו נאָר מען וויל זיך באַנוצען מיט זייער טאַלאַנט. זיי זיינען שטאַרק פאַרטראַטען אין באָלשעוויזם, אָבער זיי זיינען ס׳ף כל סוף בלויז אַ טייל פון דער באוועגונג, און ניט די באוועגונג. אין גענוא, צום ביישפּיל, זיינען די פאַרטרעטער פון דער סאָוועט־רעגירונג געוועזען דוקא ניט־אידען. דער הויפּט פון דער דעלעגאַציע איז געוועזען דער אמת׳ער רוס טשיטשערין.

אויף דעם באַריהמטען מאָסקווער פּראָצעס געגען די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען די באַשולדיגטע על פּי רוב געוועזען אידען אין די באשולדיגער אמת׳ע רוסען, ווי לונאטשארסקי און קרילענקאָ.

אויב איהר ווילט, איז בעללאַק׳ס בוך „די אידען" אליין דער בעסטער באווייז, ווי וויט מען קען היינט ניט אַנטיסעמיטיזירען, זאָגען ליגענס גלאט אין דער וועלט אריין און אָנהאַלטען דעם גוטען נאָמען אַלס עהרליכער שריפטשטעלער.

בעללאַק האָט פיינט אידען ווי אַ פרומער איד חזיר. דאָס קריכט ארויס אויף יעדען זייטעל פון זיין בוך, קריכט ארויס, כאָטש ער מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען זיין שנאה צו פאַרדעקען. אָבער ער וויל פאַרדעקען, ער וויל גילטען אַלס אונפּאַרטייאישער מענש. זיין בוך איז אַ געפעהרליך בוך, ווייל אונטער דער מאַסקע פון אידען־פריינדשאַפט זוכט עס צו כשר׳ן אידען־שנאה.

„אידען און גויים זיינען פאַרשיידען — אַן אַנדער פּסיכאָלאָגיע, אַנדערע אַנשויאונגען, אַן אַנדער מענטאַליטעט. דערפאַר מוזען מיר זיך איינס דאָס אַנדערע פיינד האָבען. מיר האָבען אַ רעכט איינס דאָס אַנדערע פיינד צו האָבען". דאָס איז דער

תמצית פֿון דעם בוך. בעללאק זוכט כלומרשט צו ווייזען „חזיר פיסעל כשר“ און ער פארזיכערט, אז זיין כונה איז די שנאה צו פארקלענערען. דער ליגען איז פון אויבען־אויף, געפינט זיך אין דער ערשטער הנחה, אין איהר צווייטער העלפֿט. עס איז אמת, אז אידען זיינען אַנדערש ווי ניט־אידען, ווייל די אידען זיינען א באזונדערע, אויסגעפרעגטע ראַסע. די אידען האָבען אַן אַנ־דער פּסיכאָלאָגיע, אַן אַנדער אויפפאסונג. אָבער וואָרום מוז זיין שנאה? „אנדערש“ מיינט ניט דוקא „פיינדליך“. עס איז פאראַן אַן „אנדערש“ ווי פייער און וואסער, וואָס קען קיין שלום צווישען זיך ניט מאַכען; אָבער עס איז פאראַן אויך אַן „אנדערש“ ווי מאַן און פרוי, וואו איין מין איז משלים דעם אַנדערען, וואָס נאָר אין דעם שלום צווישען ביידע, אין זייער ליבע, ליגט דאָס גליק פון דער וועלט.

די געשיכטע באווייזט, און אפילו בעללאק קען עס ניט לייקענען, אז די וועלט האָט געוואונען פון אונזער אנדערש זיין.

אפילו דער קאטוליציזם, וואָס איז שטענדיג געווען דער ביטערסטער אידישער שונא, — און מעגליך אַז פיל פון בעל־לאק׳ס און זיין חבר טשעסטערטאָן׳ס שנאה ערקלעהרט זיך מיט זייער קאטוילישען גלויבען, די שנאה איז דאָ איינגעזויגען גע־וואָרען מיט דעם גליבען צוזאמען, — אפילו דער קאטוליציזם האָט געצויגען יניקה פון אידישען זשעניע. פון פאול ביז נעאנדער האָבען אידען — גע׳שמד׳טע, פארשטעהט זיך — געהאָלפען דער קירכע גרויס און שטארק ווערען. בעללאק אליין איז עס מודה.

היינט וואָרום מוז זיין שנאה צווישען דער וועלט און די אידען? קיינער לייקענט ניט, אז זי איז דאָ, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז זי דארף זיין. עהרליכע מענשען זוכען די שנאה מיט דעם וואָרצעל ארויסצורייסען. ענגלענדער האָבען ניט ליב פראַנ־צויזען, דייטשען האָבען שטארק פיינד די פראַנצויזען. די ער־שטע סבה איז: מחמת די כאראקטערען זיינען גרונד פאר־

שיידען. האָבען זיך טאַקע אין איין צייט באוויזען טעאָרעטי־קער אין דייטשלאַנד, דאָס קלאַסישע לאַנד פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבען געדרונגען, אַז די שנאה איז אַ בארעכטיגטע, אַן אייביגע, און געפּרעדיגט אייביגען קריג. איין ראַסע מוז די אַנדערע פארניכטען. אַנדערש וועט קיין שלום ניט זיין אויף דער וועלט.

די שנאה איז אָבער אַ ניט בארעכטיגטע, אַ פאַלשע. נאָך מיט דריי, פיר טויזענד יאָהר צוריק זיינען די אידען ארויסגעטראָטען געגען דעם מין שנאה, און מיט רעכט. דאָס איז, בדרך אגב, אויך אַ אידישער בייטראַג צו דער קולטור פון דער וועלט.

בעללאַק האַלט אָבער, אַז ווען פארשיידען, אַז אויב „דתיהם שונות", איז שוין „אין למלך שוה להניחם", דאַרף מען, מעג מען זיי פיינד האָבען. די אַלטע המן־טעאָריע. דערין שטעקט די גרויסע סכנה פון זיין בוך.

מיין כונה איז אָבער דאָ ניט צו קריטיקירען, אָדער צו ענטפערען אויף די אַרגומענטען פון דעם בוך, וואָס איז פול מיט סתירות און מיט עם־הארצות בנוגע דער אידישער פּסיכאָלאָגיע, נאָר צו באווייזען ווי אַזוי מען קען היינט ניט אָנהאַלטען דעם נאָמען פון עהרליכען שריפטשטעלער, אויב מען מישט ניט די קללות מיט שבחים.

בעללאַק מוז אין פילע פאַלען לויבען אידען, מחמת ער וויס, אַז ער קען ניט היינט ארויסקומען מיט הוילע שקרים געגען אידען. די צייט איז געגען דעם. דערפאַר גלויב איך ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם קען ווען עס איז נאָך ווערען אַן אידעאַל.

בעללאַק פאָדערט אויף די אידען זיך ניט צו שעהמען מיט זייער אידישקייט. דאָס איז ער גערעכט. אָבער שולדיג דערין זיינען אָבער ניט די אידען. געוויסע אידען פארבאהאַלטען זייער אידישקייט, מחמת ניט שטענדיג איז מען זיכער מיט מענשליכער באהאַנדלונג, ווען מען קומט ארויס אָפען אַלס אידען. אידען האָבען אַ פּאָר דורות פּרובירט צו פארבאהאַלטען זייער

אידישקייט, גלויבענדיג אז דערמיט וועלען זיי פארקלענערען די שנאה. עס האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אז עס איז א טעות. ראשית איז אידישקייט שווער צו פארבאהאלטען. עס שטעקט ארויס ווי אן אָהל פון א זאק. און צווייטענס, אָפען אָדער פארבאהאלטען, דער גוי האָט נאָך דערוויילע זיך ניט באפרייט פון זיין שנאה.

פילע פון די היינטיגע אידען ווילען אָבער מעהר זייער אידישקייט ניט פארבאהאלטען. זיי שעהמען זיך ניט מעהר און זיי פאָדערען ניט קיין ליבע ביי קיינעם. זיי בעטלען ניט קיין שמייכעל; זיי ווילען נאָר דאָס רעכט געווינען צו מעגען אנדערש זיין.

דאָס לעבענס־ליד

שטייף קלאַמערט זיך דער איד אָן דעם לעבען. דער אינ־סטינקט פון זעלבסט־ערהאַלטונג איז אין דעם אידען זעהר שטאַרק ענטוויקעלט. עס איז דער אינסטינקט, וואָס רעגט אָן אַלע זיינע קרעפטען בעת צרה, וואָס לערענט איהם זיך צוצו־געוואוינען צו אַלערליי אומשטענדען, צו אַקלימאַטיזירען זיך אין די פאַרשיידענע געגענדען. דעם אידען גלייכט מען אָפט צו אַ ווערבע. די ווערבע בויגט אַרונטער דעם קאָפּ, ווען דער שטורם־ווינד שמייסט זי מיט זיינע בייטשען, אָדער ווען דער גוס־רעגען וואַשט זי אין זיין צאָרן. אַזוי שנעל אָבער ווי די זון גיט אַ בריה גלייכט זי צוריק אויס איהרע פון קעלט־ערשטאַרטע גלי־דער, וואַרעמט זיך אויס אין דער ברכה־זון און ציהט זיך אויס אין איהר גאַנצער הויך און פלעכט ווייטער אַרום איהר קאָפּ אַ גרינעם קראַנץ. צו איהר איז געגליכען דער איד.

דער פאַרגלייך איז אַ ריכטיגער. וויסען אָבער דאַרפען מיר, אַז אין דער צייט פון שטורם פיהלט דער איד גאַנץ גוט דעם וועהטאָג; די יסורים ווערען ביי איהם ניט ליב, ווערען ביי איהם ניט אַ טייל פון זיין תענוג.

פאַרקעהרט, ווייל דער איד האָט אַזוי ליב דאָס לעבען, — לעבען ניט ווי רש״י מאַכט, נאָר דאָס אמת׳ע לעבען, דאָס אידישע לעבען, — טוען איהם שמערצען זעהר וועה. ער דול־דעט נאָר די שמערצען, ווייל ער ווייס, אַז כל זמן ער לעבט איז נאָך דאָ האָפנונג.

ווי זאָגט אַ פשוט׳ער איד: כל זמן עס וואַרפט זיך נאָך אָן אָדער איז נאָך אַלץ ניט פאַרלוירען.

דער איד, אויב ער ליגט ווי א וואָרעם אין כריין, הייסט עס ניט, אז ער האָט ליב דעם כריין; ער האלט זיך נאָר דאָרט, ווען ער האָט קיין ברירה ניט, און ווארט ביז א פּאסיגער געלעגענהייט.

דער פּרינציפּ איז: הבי רגע עד יעבור זעם.

אינטערעסאנט איז, אז אויך דער אידישער שטן ווייס פון דעם סוד, אז דער איד האָט ליב דאָס לעבען, וואָרים זעה מיט וואָס פאר א זיכערהייט ער ערקלעהרט, אין דעם פּראָלאָג פון איוב: „וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו". אלץ אין דער וועלט אבי נאָר לעבען.

ביי קיין אומה ולשון צטרייסעלט ניט דאָס וואָרט טויט די זעעלע ביז איהרע יסודות ווי ביי די אידען.

הערט א איד, אז אימיצער איז געשטאָרבען, זאָגט ער באלד „ניט דאָ גערדאכט", „די שעה זאָל ניט זיין", „ניט פאר קיין שום אידען גערדאכט", א. ז. וו.

דער גוי זאָגט א ווערטעל: „מיט גאָט שפּאס ניט". דער איד היט דאָס שטרענג אָפּ בנוגע צום טויט. ער וועט קיינמאָל ניט — ניט אין שפּאס און ניט בדרך משל אפילו — זיך אויסריידען צו אימיצען: „ווען דו זאָלסט שטאַרבען"; ער וויל דאָס פאר דעם מויל ניט ברענגען.

שולדיג איז אין דעם געווים א גרויסער אבערגלויבען. דאָס איז אָבער ניט ווייניגער כאראקטעריסטיש.

ווען אימיצער ווערט קראנק ביים אידען אין דער פאמיליע, לאָזט ער לחלוטין ניט צו דעם געדאנק פון טויט.

און עד היום איז פאר דעם אידען דער טויט ניט געוואָרען קיין יום־טוב. ער באצירט ניט זיינע מתים מיט בלומען. ער מאכט ניט קיין סעודה. ווייל דער טויט רופט אין איהם ארויס שרעק, א מורא פאר „יענער זייט" — וויפיל דער גלויבען אין דער עולם־הבא האָט זיך ניט פארשפּרייט צווישען אידען.

דער איד האָט קיינמאָל ניט באטראכט דאָס לעבען אלס אן אפּקומעניש, קיינמאָל ניט געקוקט אויף דער וועלט ווי אויף

א שפּיטאָל פאר קראנקע, ווי אַן אינזעל פאַר פאַרשיקטע. דער איד איז געווען אַן אָפּטימיסט אין זיין מענשליכען לעבען — מעהר זון ווי שאָטען, מעהר גליק ווי טרעהרע, און עס קענען די טרעהרען אמאָל זיין די וועלען מיט וועלכע מען שיפּט זיך צו צום גליק. דער ציל איז אָבער דאָס גליק, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פארלוירען פון אויג, און וועלכעס שפּיגעלט זיך אויך אין דער טרעהר.

דער איד האָט קיינמאָל ניט געדינט זיין גאָט דורך פּייניגען זיין לייב, דורך סגפנות.

דער אידישער מחוקק טרעט ארוים געגען אַן איבעריגען קראַץ אויף דעם מענשליכען לייב, ווייל טייער איז דאָס לייב און דאָס לעבען.

* * *

די אידען, — ערקלעהרען אָפט ניט־אידישע דענקער, — האָבען ניט געהאַט קיין באגריף פון דער „יענער־וועלט“, פון דעם „עולם־הבא“, און האָבען דאָס געמוזט ענטנעהמען ביי פרעמדע. די בפירוש־קריסטליכע דענקער ערקלעהרען, אַז די „יענע וועלט“ איז דער אויפטו פון דעם שאפער פון נייעם טעסטאמענט. ביז איהם האָט מען דאָס ביי אידען ניט געוואוסט.

די ערשטע מיינען מיט דעם צו באהויפּטען, אַז די אידען זיינען צו גרויסע פּראָזאאיקער — „אין להם אלא מה שעיניהם רואות“. עס פעהלט די אידען פאַנטאַזיע, דמיון, וועלכער זאָל זיי אויפהויבען הויך אין די הימלען, וועלכער זאָל זיי געבען ערקלעהרונגען וועגען „יענער זייט“ פון זאַכען; אַז די אידען זיינען צו רעאַל, צופרידען מיט דעם אויסזעהן פון דער זאך און קימערען זיך ניט פאר דעם דינג־אן־זיך, ווי קאַנט רופט עס, אָדער פאַר דעם ניט־זיין, וואָס איז דער אמת'ער זיין, פאַר דער אידעע וואָס באקליידט זיך אין כמה לבושים, — וואָס מיינט אין לעצטען חשבון, אַז די אידען זיינען אויבערפלעכליך, ניט

בעהיג אריינצודרינגען אין דעם תוך פון דער זאך, אין דעם וואָס ליגט אונטער דער אויבערפלאך.

די אויסדריקליכע קריסטליכע דענקער מיינען צו באהויפּ־טען, אז מיט דער אידישער אויפפאסונג פון דער וועלט קען דער מענש ניט דורכקומען. צו קורץ איז דאָס לעבען, און די איינציגע שוץ קען נאָר זיין אין דעם שאָטען פון א יענער וועלט. די „יענע וועלט“ קען אויך זיין דער איינציגער ענטפער אויף דער פראגע: „רשע וטוב לו צדיק ורע לו“, אויף דער פראגע, וואו איז גאָט'ס גערעכטיגקייט ווען די זון פון גליק שיינט פאר דעם זינדיגען?

די קריסטליכע דענקער מיינען מיט דעם צו באווייזען, אז די קריסטליכע רעליגיע איז העכער פון דער אידישער.

די אידישע געלעהרטע פון זייער זייט ווייזען אויף, אז עס זיינען נאָך אין דער אלטער ביבעל פאַראַן רמזים בנוגע יענער וועלט; אז דער גלויבען אין יענער וועלט איז פאר אידען לחלוטין ניט פרעמד.

דער שווער־פונקט פון דער שאלה ליגט אָבער, נאָך אונזער מיינונג, ניט אויף אָט־דער ליניע.

עס איז קיין ספק ניט, אז די אידען זיינען געקומען צום באגריף פון א יענער וועלט פון זייער אייגענער אינטואיציע. עס איז לחלוטין ניט וויכטיג אויב אין דער אלטער ביבעל איז פאראן וועגען דעם רמזים אָדער ניט. די אידישע וועלט־אנ־שויאונג האָט זיך קיינמאָל ניט ארויפגעשלאָגען אויף קיין טויטען־פונקט און פארגליווערט געוואָרען, נאָר, פארקעהרט, אלס א פאָלק וואָס האָט באוואונדערט דאָס לעבען, האָט עס אויך אין זיין דענקען, אין זיין עולם המחשבה איינגעפיהרט דעם לעבענס־פרינציפּ, וואָס זיין תמצית איז ענטוויקלונג, בייטען די פאָרמען, אבסאָרבירען און פארדייהען.

בדרך אגב, אין תלמוד געפינען מיר פיל מעהר וועגען יענער וועלט.

די הויפט־פראגע איז: צוליב וואָס פאר א מאָטיוו איז די

„יענע וועלט" באַשאַפען געוואָרען — מאהבת החיים אָדער משנאת־החיים? איז זי געוועבט פון ליכטיגע זונען־שטראַהלען, וואָס דער מענש אין זיינע גליקליכע מינוטען, אין טיפער ליבע צו זיין וועלט, האָט פון זיין ליכטיגער זעעלע געצויגען; אָדער איז עס אַ וויסטער חלום פון מענשען, וואָס ווילען אַנטלויפען פון לעבען, וועלכער איז פאַר זיי אַן עמק־הבכא? און אין דעם ענטפער ווייזט זיך אַרויס דער גאַנצער אונטערשייד פון דער אידישער אויפפאַסונג ביז דער קריסטליכער.

דער איד האָט ליב דאָס לעבען און שאַפט יענע וועלט, וואָס איז אַ פאָרטזעצונג פון דער וועלט, כאָטש אַן אינטערע־סאַנטערע. די קריסטליכע אַנשוואונג איז מבטל אינגאַנצען די וועלט צוליב יענער, וועלכע וועט זיין אינגאַנצען אַנדערש, ווייל דאָרט וועט מען פּטור ווערען פון דעם עול פון לעבען. די נפקא מינה איז אַ גרויסע.

די אידען פאַרערדען ניט דעם הימעל, ווי דאָס האָבען געטאָן די גריכען, און זיינען ניט מבטל די ערד צוליב דעם הימעל, ווי דאָס וויל די קריסטליכע אמונה, נאָר זיי זעהען ביידע, אי דעם הימעל אי די ערד, זיי זעהען אָבער אויך דעם הימעל אויף דער ערד.

שמאי והלל דנשקי הדדי — די ערד איז אויף הימעל.

ווען דער מענש איז אויף דער ערד, זעהט ער דעם הימעל, און ווען ער וויל זיך אויפהויבען הויך אין די וואָלקענס, וואָס דאָס זאָל זיין דער העכסטער ציל — וואָס וועט ער דאַן זעהן? הוי אומר: די ערד.

וואָס איז שייך צו דער ערשטער באַהויפּטונג, אַז די אידען האָט געפעהלט פאַנטאַזיע, אַז זיי האָבען זיך ניט פאַרטראַכט מכח דעם דינג־אַן־זיך, איז דאָס אַ טעות אין פשט מעיקרא.

גראָד דער בליק וואָס שעצט דאָס לעבען, מוז זיך באַלד אָנשלאָגען אָן דעם „דינג־אַן־זיך", און דער סוף פון געדאַנק איז איינגעשטעקט אין אָנהויב.

די אידישע לעגענדע וועגען יצירה דערצעהלט זיך איינ־

פאַך: און גאָט האָט אריינגעבלאָזען אַ לעבענס־אָטעם אין זיינע נאָזלעכער. ניט אומזיסט ערקלעהרט סיר אָליווער לאדזש, אז די אידישע פאָרשטעלונג איבער דער יצירת העולם און מענשען שטימט מיט דעם לעצטען וואָרט פון וויסענשאפט.

דער היינטיגער בליק אויף דער וועלט איז ניט דער מע־כאַנישער, געאָמעטרישער נאָר דער ביאָלאָגישער, און דער איד, וואָס האָט זיך באַצויגען צום לעבען פּאָזיטיוו, האָט עס פון לאַנג געאהנט דורך זיין איידעלער הרגשה.

* * *

ווי דער יחיד איז אויך דער אידישער כלל פארליבט אין לעבען.

דער לעצטער באַוויז פאַר זיין ליבע צום לעבען איז דער ציוניזם.

אַ טעות מאַכען די וואָס דענקען, אַז דער ציוניזם איז אַ קינד פון פעסימיזם, ווייל דער איד האָט פארצווייפעלט אין דער מעגליכקייט צום לעבען אין גלות. ניט דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו. דער ציוניזם איז געקומען, ווייל דער גרויסער לעבענס־אינסטינקט האָט דעם אידישען פאָלק אונטערגעזאָגט זיינע נייע מעגליכקייטען.

ווי יענע בלום, וואָס עפענט איהרע קנאָספּען ווען די זון שיינט אויף איהר און זויגט איין אין זיך יעדען שטראַהל און יעדען טראָפּען טוי, און ציהט זיך אריין אין זיך, ווען די נאַכט־שאָטענס נעהמען איין די וועלט, — אַזוי איז דאָס אידישע פאָלק.

ווען דאָס אידישע פאָלק ציהט זיך ארויס פון זיך, איז אַ סימן, אַז זיין אינסטינקט זאָגט איהם אונטער נייע גרויסע לעבענס־מעגילכקייטען.

דער ציוניזם שטאַמט פון דער שפע פון אידישע קרעפטען. דאָס אידישע פאָלק איז אפשר נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי רייך אין קרעפטען ווי איצט.

אין אונזער דור האָט געלעבט הערצל, און אין אונזער דור לעבט ביאַליק.

וואָס איז לעבען? פּושט צורה ולובש צורה. זעהט מען דען ניט אפילו מיט דעם נאַקעטען אויג, אַז נייע פאָרמען וואַקסען אין יודענטום?

דער ציוניזם איז דאָס געשעפף פון דעם אידישען גלויבען, פון אידישען אָפּטימיזם, פון אידישען בטחון, פון דעם גרויסען, אַלמעכטיגען, טיף אין אידישען פאָלק איינגעוואָרצעלטען לעבענס־אינסטינקט.

דער ציוניזם איז די שעהנסטע פרוכט אויף דעם אידישען לעבענס־בוים, איז דאָס שעהנסטע ליד וואָס דער אידישער האַלז האָט ארויסגעבראכט. עס איז אַ ליד, וואָס האָט אין זיך דאָס אייביגע רוישען פון וואַסער־פאַל, דעם אָפּקלאַנג פון די העכסטע בערג, דעם נגון פון וואַלד, ווען אַ שטורם־ווינד האָט אויף די בוימער־שפּיצען זיינע טענץ געפלאָכטען, עהנליך צום ליד, וואָס רייסט זיך פון איין עק וועלט צום צווייטען, וואָס דונערט אָפּ אין אַלע וועלטען, צום גרויסען לעבענס־ליד, וואָס ווערט פון דעם אוניווערזום און זיין הערשאַפט אין כאָר געזונגען.

עס איז דער שיר־החיים.

אנטיסעמיטיזם אין אמעריקא.

ערשט ניט לאנג צוריק האבען פילע גערעכענט, אז די צוויי זיינען א סתירה מיניה וביה, און האבען דערויף געהאט א סך באווייזען און ראיות.

אמעריקא איז דאך א צונויפגעלאפען לאנד. אלע זיינען קינדער פון אימיגראנטען, אלע זיינען דא ביז א געוויסען גראד פרעמדע. די אידען זיינען געקומען אהער גלייך מיט אלעמען און אפשר פריהער פאר אלעמען, היינט ווי קאן מען דא גאר זיין געגען אידען?

אויסער דעם, איז דאך אמעריקא א פריי לאנד מיט זעהר ליבעראלע געזעצען, אהן מלכים און קאסטעס, די רעליגיע איז אפגעטיילט פון שטאט, און דאס לאנד איז ברייט און גרויס, און מעגליכקייטען זיינען פאראן לרוב — היינט ווארום זאל מען דא זיין געגען אידען?

אזוי האבען אונזערע אפטימיסטען גע'טענה'ט.

לאגיש זיינען די אפטימיסטען געווען כמעט גערעכט. אלע די דאזיגע טענות זיינען ריכטיגע. על פי דין וואלט דא קיין אנטיסעמיטיזם ניט געדארפט זיין. עס איז דאך א נייע וועלט, וועלכע געהערט צו קיין באשטימטען פאלק. אידען האבען זיכער ביי־געשטייערט זייער חלק צו אמעריקא, פיל מעהר לויט זייער פראצענט. פון ערשטען טאג אן, וואס מען האט אמעריקא אנטדעקט, האבען די אידען זעהר פיל פעהיגקייט און טאלאנט, זעהר פיל פון זייער בלוט און געלט געגעבען פאר אמעריקא.

און דאך איז דער אנטיסעמיטיזם שוין דא אין לאנד א פאקטאר, א וויכטיגער פאקטאר, און עס איז זיכער, ווי מיר זאלען עס ניט וועלען באדויערען, אז וואס מיר האבען דא איז ערשט דער

אנהויב. דאס געדיכטע קומט ערשט, און מיר דארפען דערצו זיין געגרייט.

די געשוואָרענע אָפּטימיסטען אונזערע וועלען ווייטער געווים זוכען צו פאררעדען די צייהן, וועלען אודאי געפינען נייע תירוצים, און וועלען אלץ זוכען מיט דריידלאך מבטל צו מאכען די טרויעריגע ווירקליכקייט.

עס איז אָבער נארישע שטרויס־פּאָליטיק. מיט דעם וואָס מיר וועלען זיך אליין נארען, וועלען מיר דעם אנטיסעמיטיזם אין דעם לאַנד ניט פארקלענערען אויף א האָר אפילו.

דער הסרון מיט פילע פון די אינטעליגענטע אידען איז, וואָס זיי מיינען אָפּט, אז דער אנטיסעמיטיזם איז א פּועל־יוצא פון אונזערע פעהלערען, וואָס זיי זוכען אָפּט די שולד אין אונזער אויפפיהר און זיי גלויבען אז ווען מיר וואָלטען זיך אויפפיהרען לייטיש, מיט שטאַט, וואָלטען אונזערע שכנים אונז לאָזען צורוה.

דאָס איז אָבער א ווילדער טעות.

די משכילים און אינטעליגענטען האָבען שטענדיג געפונען אן אנדער תירוץ פאַר דעם אנטיסעמיטיזם. אין איין פּלאַץ, האָט עס געהייסען, האָט מען אונז פיינד דערפאַר ווייל מיר געהען ניט אין די גוי'אישע שקאָלעס און קענען ניט די שפּראַך פון לאַנד און באטייליגען זיך ניט אין דער לאַנד־פּאָליטיק. וואָלטען מיר זיך געלערענט די שפּראַך, זיך געקליידט ווי די איינוואוינער, וואָלט מען אונז ליב האָבען. אזוי האָבען די אינטעליגענטען גע'טענה'ט. האָבען די אידען זיך איינגעהערט און גענומען געהן אין די גוי־אישע שולען און גענומען רעדען און שרייבען די לאַנד־שפּראַך בעסער ווי די קינדער פון דעם הערשענדען פאָלק. אידען ווען זיי ווילען עפּעס אויסלערנען, קענען זיי. אָבער דאָס האָט די שנאה ניט אָפּגעשטעלט נאָר נאָך פארגרעסערט.

אין אן אנדער פּלאַץ האָבען אונז די אינטעליגענטען פאַר־זיכערט, אז דערפאַר איז פאראַן אידען־שנאה ווייל די אידען זיינען בלויז סוחרים און פּראָפעסיאָנעלע לייט און באשעפטיגען זיך ניט מיט האנד־ארבייט. נו, אָט האָבען אידען די לעצטע

צייט זיך מיט פליים גענומען פאַר ארבייט. טויזענדע זיינען אוועק אין די ווערקשטאַטען, איינגעשפּאַנט זיך און מיט דעם „שוויים פון אנגעזיכט" פאַרדינט זייער שטיקעל ברויט. אָבער אויך דאָס האָט אַ קנאַפּע ווירקונג געהאַט אויף דעם גאַנג פון אַנטי־סעמיטיזם.

אידען האָבען אין אַמעריקאַ אַ גרויסען ארבייטער־קלאַס. הונדערטע טויזענדע אידען זיינען דאָ באַשעפטיגט אין אַלע פאַכען, אידען האָבען גרויסע, שטאַרקע יוניאָנס. אַזוי אַז מען קאָן איצט ניט זאָגען מעהר אַז די אידען לעבען פון ווינד, פון שווינדעל, אַז דער איד אַרבייט קיינמאָל ניט אויף זיין דאָלאַר, ווי די אַנטי־סעמיטען געוועהנליך באַהויפּטען, און עס העלפט דאָך ניט.

אין פּוילען ווייסען מיר פון פאַקטען ווי די גוי'אישע ארביי־טער סטרייקען אַז מען זאָל קיין אידען ניט צולאָזען צו דער אַר־בייט. די חוצפּה געהט אַזוי ווייט, אַז זיי פיהרען אָן אַזעלכע סטרייקס אפילו ביי אידישע בעלי בתים און פאַבריקאַנטען.

אין רוסלאַנד האָבען צו איין צייט משכילים געראַטען די אידען זיך נעהמען פאַר ערד־ארבייט, ווייל די נאַאיווע משכילים האָבען געגלויבט אַז ווען די אידען וועלען זיך צוריקקעהרען צו דער ערד וועלען די גוים נעהמען זיי באַטראַכטען אַלס זייער גליי־כען. האָבען אייניגע אידען געפאָלגט און האָבען זיך גענומען פאַר ערד־אַרבייט, האָבען זיי ניט נאָר דעם פאָלק גאָרניט גע־האָלפען נאָר האָבען אַליין געמוזט ליידען גויים־שנאה. זייערע שכנים, די פּויערים, האָבען זיי פשוט פאַראומערט דאָס לעבען.

אַנדערע משכילים האָבען גערעכענט, אַז די גאַנצע צרה נעהמט זיך דערפון וואָס דער שטאַאַט איז אין דער דינסט פון דער קירך, וועלכע איז, כידוע, געגען אידען, און נוצט אוים די גאַנצע מאַכט פון שטאַאַט געגען אונז. האָט מען אין אייניגע לענדער די צוויי אינגאַנצען פאַנאַנדערגעטיילט, אָבער אויך דאָס האָט דערוייל ווייניג געהאָלפען.

דאָך, אויב עס איז נאָך געווען נויטיג אַ באַווייז, אַז ניט דער אָדער יענער חסרון אונזערער איז שולדיג אין אַנטיסעמיטיזם,

איז געקומען אַמעריקאַ, וואו די אַלע אַנגענומענע סבות פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם פעהלען אין גאַנצען, און דאָך איז דאָ אויך פאַראַן אַנטיסעמיטיזם.

ער איז אייגענטליך דאָ שטענדיג געווען, פון יענעם טאָג אָן וואָס אידען געפינען זיך דאָ אין באַדייטענדע מאַסען, כאָטש ער ענטפּלעקט זיך ערשט די לעצטע צייט.

ניט פאַרד האָט אַהערצו אַריבערגעבראַכט די נגע־צרעת. פאַרד ברענגט נאָר ארוים אין דער עפענטליכקייט דאָס, וואָס לעבט ביי פילע אין האַרץ. פאַרד איז די צונג, וואָס רעדט ארויס דאָס וואָס ליגט ביי אַנדערע אויף דער לונג.

דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָ אין אַמעריקאַ, ווייל עס איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז דאָרט וואו עס זיינען דאָ אַ גרויסע צאָהל אידען מוז אויך זיין אַנטיסעמיטיזם.

עס איז קיינער ניט שולדיג ווען אידען ווילען זיך אַליין אָפּ־נאַרען. די אידען אין אַמעריקאַ האָבען געוואָלט זיך איינרעדען, אַז אין אַמעריקאַ וועט זיין אַנדערש ווי אין דער גאַנצער וועלט, ווייל אַמעריקאַ איז דאָך אַ נייע וועלט. עס איז אָבער געווען אַ נאַרישקייט אזוי צו רעכענען, ווייל אויב אַמעריקאַ איז אַ נייע מדינה זיינען אָבער די גוים די זעלבע און די אידען זיינען אויך די זעלבע, און די שנאה האָט דאַרום געמוזט קומען דאָ ווי זי איז געקומען אין אַנדערע פּלעצער.

אונז האָט מען פיינד ניט דערפאַר ווייל מיר זיינען ערגער נאָר דערפאַר ווייל מיר זיינען אַנדערש. אונז האָט מען פיינד אפילו ווען מיר זיינען בעסער — אמאָל צוליב דעם נאָך מעהר ווי ווען מיר זיינען ערגער פון אונזערע שכנים. און מען איז אין כעס אויף אונז ווען מיר זיינען אַנדערש. מען איז אונצופרידען מיט אונז, מען האָט פאַראיבעל אויף אונזער חוצפה צו זיין אַנדערש, דערפאַר ווייל מען קוקט אויף אונז תמיד ווי אויף פרעמדע. דאָס איז דער הויפּט־טעם און דער טעם ער־קלעהרט וואַרום מען האָט אונז פיינד געהאַט אין אַלע לענדער, אין די פאַרטגעשריטענע און אָפּגעשטאַנענע, און אין אַלע צייטען,

אין דער צייט ווען רעליגיע איז שטארק און אין דער צייט ווען די כפירה נעהמט איין די וועלט.

אין יעדען פלאַץ האָט מען אונז פיינד פאר אן אנדער טעם, צוליב אַן אנדער סיבה, דאָס הייסט—אָפיציעל ווערט אָנגעגעבען אַן אנדער טעם, אַן אנדער אורזאַך פאר דער שנאה. איין טעם ווי־דערשפּרעכט אָפט דעם אנדערען, ווייל אין אמת׳ען איז דער טעם, וועלכער ווערט אָנגעגעבען ניט דער ריכטיגער טעם, ניט די הויפּט־סבה, ניט די ערשטע נאָר שוין אַ פּועל־יוצא פון דער ערשטער.

אין איין פּלאַץ האָט מען אונז פיינד ווייל מיר זיינען צו קאָנסערוואטיוו, צו רעאַקציאָנער, און אין אַן אנדערען דערפאר ווייל מיר זיינען צו ראדיקאל און רעוואָלוציאָנער. אין איין פּלאַץ, ווייל מיר זיינען צו אָרעם, צו פארשלאָפען, און אין אַן אנדערען, ווייל מיר זיינען צו רייך און האָפערדיג. אין איינעם דערפאר ווייל מיר האַלטען זיך צו ווייט פון די שכנים און ווילען זיך ניט באטייליגען אין זייערע אינטערעסען, אין אַן אנדערען דערפאר ווייל מיר מישען זיך צופיל, שטעקען דעם נאָז אומעדום און ווילען צופיל פארזאָרגען די וועלט.

און עס טרעפט אָפט, אז אין דערזעלבער צייט ווערען אידען באשולדיגט אין זיך־ווידערשפּרעכענדע חסרונות. ווי עס איז דער פאל איצט. מען באשולדיגט אונז, אז מיר זיינען די הערשער פון דער וועלט, די פאראייניגטע אַלוועלטליכע קאפּיטאַליסטישע מאַכט און צו דערזעלבער צייט באשולדיגט מען אונז, אז מיר זיינען די אונטערגראָבער פון דער אָרדנונג, אז מיר זיינען די צושטערער און ברעכער פון מאָראל, רעליגיע און פּריוואט־אייגענטום.

עס איז אונזין זיך צו ווערען מיט די אַלע באשולדיגער אויס־טענה׳ן און באווייזען זיי לאָגיש אז זיי זיינען אומגערעכט. לאָגיק העלפט דאָ גאנץ ווייניג. עס איז אַ זעעלען־צושטאַנד, וועלכער האָט זיין ערקלעהרונג אין דער באַדענקלאָזיגקייט פון דעם אידישען פאָלק. אָדער ווי די פּשוטע אידען וואָלטען זאָגען: אונזערע אַלע צרות נעהמען זיך דערפון וואָס מיר זיינען אין גלות. אונזער גרויסע

זינד איז דער גלות, — דאָס וואס מיר האָבען ניט קיין אייגענע היים און מאַכען דאָך דעם פּאַרזוך צו לעבען אַן אייגען לעבען.

די שכנים זיינען גרייט אויף אונז אַלץ צו גלויבען, ווייל אויף דעם פרעמדען גלויבט מען אַלץ, ווייל האַלב פון אונזערע אויפפיהרונגען בלייבען זיי פרעמד און אונפאַרשטענדליך, און ווען עס קומט צו אַן אויסערגעוועהנליכער פּאַסירונג, צו אַ קריזיס, איז דער עולם נוטה אַרויפצוּוואַרפען די שולד אויף דעם פרעמדען, וועמען זיי פאַרשטעהען ניט און אויף וועמען זיי זיינען גרייט אַלץ צו גלויבען.

דערפאַר איז מעגליך, אַז גרויסע געבילדעטע מענשען זאָלען גלויבען אויף אונז, אַז מיר באַנוצען זיך מיט גויאיש בלוט אויף פסח, אַז מיר האָבען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע וואָס זוכט אַריינצוכאַפּען אין איהרע הענד די הערשאַפט פון דער וועלט, אַז מיר פאַר'סמ'ען די ברינעמער, אַז מיר זיינען מכשפים, צושטערער, באָלשעוויקעס און דער טייוועל וויים וואָס.

עס איז גענוג די קלענסטע קלייניגקייט, אַ פינטעלע אמת, אַז די מאַסען זאָלען אויף אונז גלויבען אַ באַרג מיט שקרים. עס איז גענוג איין טראָצקי אַז די וועלט זאָל דאָס גאַנצע פאָלק אָננעהמען פאַר באָלשעוויקעס, ווי עס איז גענוג איין ראָטשילד אַז די וועלט זאָל דאָס גאַנצע פאָלק ערקלעהרען פאַר מיליאָנערען.

דער איד אַלס פרעמדער רייצט און שרעקט די וועלט. ער איז פאַר איהר אַ רעטעניש, טראָץ דעם וואָס זיינע ספרים זיינען איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען, טראָץ דעם וואָס ער אַליין רעדט אַלע שפּראַכען, טראָץ דעם וואָס זיינע קינדער זיינען די געטער און די נביאים פון דער וועלט.

דער פאָראורטייל און דער שרעק לעבט דאָך אין דער נשמה פון די מאַסען. מיר זיינען פאַר דער וועלט אַ לעבעדיגער ווידערשפּרוך, — אַ פאָלק אָהן אַ לאַנד און דאָך לעבט עס אַלס פאָלק.

די אַסימילאַטאָרען, וועלכע האָבען ערקלעהרט אַז דאָס אידישע פאָלק איז קיין פאָלק ניט מעהר נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, האָבען דערמיט באַוויזען אַז זיי האָבען די סבה פון אַנטיסעמיטיזם ריכטיג פאַרשטאַנען. זיי האָבען געוואָלט אונז ערקלעהרען אַלס אויס

פאָלק. עס איז ניטאָ מעהר קיין אידיש פאָלק. אידען זיינען אַמעריקאַנער אין אַמעריקא, דייטשען אין דייטשלאַנד; זיי זיינען מעהר ניט קיין פרעמדע; אידען שיידען זיך אָפּ פון אַנדערע מיט דעם בלויז וואָס זיי האָבען אַן אַנדער רעליגיע. דער אונטערשייד צווישען אונז און די איבעריגע בירגער איז נאָר אַ רעליגיעזער, דערזעלבער אונטערשייד וואָס עס איז פאַראַן צווישען קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען, און די אַלע פאָראורטיילען געגען אונז צוליב אונזער פרעמדקייט זיינען מעהר ניט בארעכטיגט. די לאָגיק דערפון קען קיינער ניט ווידערשפּרעכען.

דער חסרון אָבער איז וואָס קיינער גלויבט ניט אָט די דאָזיגע ערקלעהרונג. מחמת בלינדע קענען זעהן, אַז דער אונטערשייד איז מעהר ווי אַ רעליגיעזער, אַז דער אונטערשייד איז אַ ראַסען־אונטערשייד, אַ טיף־נאַציאָנאַלער אונטערשייד, וועלכער קען נאָר פארשוואונדען ווערען אין אמת'ער אַסימילאַציע, דאָס מיינט אין געמישטע חתונות. אדרבא, יענע אַסימילאַטאָרישע ערקלעהרונג האָט נאָך פיל פארשטארקט געגען אונז דעם פּאָראורטייל. מחמת די וועלט האָט דאָ דערזעהן אַן אויסגעשפּראָכענעם פארזוך עפּעס צו באהאלטען אונטער אַ ליגנערישער באַהויפּטונג.

דער אַסימילאַטאָרישער מיטעל, אַלזאָ, אויסער דעם, וואָס ער ערנידריגט, מחמת ער שטיצט זיך אויף אַ ליגען, העלפט ער אויך נאָר ניט.

דער אמת'ער מיטעל געגען אַנטיסעמיטיזם איז בלויז איינער — מאַכען דאָס אידישע פאָלק אוים גר אויף דער וועלט, אוים אייביגער וואַנדערער, אוים אחשורש, אוים „אַנטי־קריסט". דער מיטעל פאַר אַנטיסעמיטיזם איז ציוניזם. דער וועג איז אַ שווערער און אַ לאַנגער, אָבער דער איינציג מעגליכער און פּראַקטישער.

דער נייער גייסט.

ביז צוריק מיט א דור צוויי האָבען אלע אידען געגלויבט, אז אלע גרויסע וויכטיגע זאכען אין דער וועלט און אין לעבען שטאמען פון דעם אידישען פאָלק און פון זיין תורה.

אידען האָבען זיך געהאלטען פאר דעם „אתה בחרתנו"־פאָלק, פאר דער קרוין פון דער שעפונג און האָבען דארום נאטירליכער־ווייזע געקוקט אויף זיך ווי אויף דעם קוואל פון אלץ וואס איז גרויס, שעהן און חשוב.

עס איז, למשל, באקאנט, אז נאך אין אלכסנדריה מיט טויזענ־דער יאָהרען צוריק, האָבען די אידישע מלומדים און פילאָזאָפען געזוכט צו באווייזען, אז פילע פון די גרויסע אידעען, וועלכע די גרויסע פילאָזאָפען האָבען געלערענט, שטאמען פון דער אידישער תורה. יענע אידישע געלעהרטע האָבען בשום אופן ניט געקענט צולאָזען דעם געדאנק, אז די אידען מוזען זייערע הויכע פילאָזאָ־פישע געדאנקען שעפען פון פרעמדע קוועלען. דאָס האָט ביי זיי אויסגעזעהן ווי א באליידיגונג געגען דעם זשעניע פון אידישען פאָלק, וואס איז דאָס איינציגע הייליגע פאָלק אין דער וועלט.

די מלומדים האָבען דארום מיט פארשיידענע דריידלאך און פשט'לאך געזוכט ארייַנצוטייטשען די גרויסע פילאָזאָפישע גע־דאנקען פון זייער צייט אין דער תורה, און נאָכדעם האָבען זיי ערקלעהרט, אז די גריכישע פילאָזאָפען האָבען געוויס געשעפט זייערע פילאָזאָפישע רעיונות פון דער אידישער ביבעל.

יענע אידישע געלעהרטע האָבען דאָס ניט, חלילה, געטאָן מיט קאלטער אויסרעכענונג אויף דעם אופן: היות מיר זיינען א גרויס פאָלק, און דאָ זעהען מיר אז אנדערע האָבען געשאפען גרויסע

רעיונות, וועלכע מיר דאַרפֿען ביי זיי איבערנעהמען, איז עס דאָך ניט שעהן פֿאַר אונז, לכן מוזען מיר געפֿינען אַ וועג און אויס־פֿשט'לען די געדאַנקען פֿון דער תורה אזוי אַז מיר זאָלען בלייבען ביי אונזער אַלטער גרויסקייט. דאָס איז ניט געווען דער פֿאַל. דער ענין איז צוגעגאַנגען פֿיל פּשוט'ער. יענע אידען האָבען גע־גלויבט אין דער גרויסקייט פֿון זייער פֿאָלק, און זיי האָבען דאַרום געגלויבט, אַז אַלעס גרויסעס קומט פֿון א־הם, און ווען זיי האָבען זיך אָנגעשלאָגען אָן עפּעס, וואָס זיי האָבען באַטראַכט אַלס גרויסעס, זיינען זיי גלייך געווען זיכער, אַז דאָס קומט פֿון זייער פֿאָלק, און גלייך גענומען זוכען אין דעם ספֿר־הספֿרים דעם באַריהמטען גע־דאַנק, און ווען זיי האָבען עס ניט געפֿונען לויט דעם פּראָסטען פּשט, האָבען זיי עס געפֿונען לויט דעם דרך פֿון דרש. דער וואונש איז דער פֿאָטער פֿון געדאַנק. זייער וואונש האָט דאָס מאָל גע־פֿונען געדאַנקען אין פּלעצער וואו זיי זיינען גאָר ניט געווען; זיי האָט זיך אָבער געדוכט, אַז זיי זיינען דאָרט יע פֿאַ־אַן.

די חכמים פֿון אַלכסנדריה זיינען ניט געווען די איינציגע, וואָס האָבען אזוי געגלויבט. די חכמי התלמוד זיינען זיי אין דעם פּרט איבערגעגאַנגען. זיי האָבען, אמת, מיט גרויס רעספּעקט דערמאָנט די „חכמי אתונא", האָבען אָבער ניט געגלויבט, אַז אידען האָבען עפּעס ביי זיי געלערענט אָדער געדאַרפֿט לערנען. פֿאַרקעהרט, אויב לערנען ביי אימיצען, דאַרפֿען די אַנדערע לערנען ביי אונז: „כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני כל העמים" — מיר האָבען די חכמה ביי זיך און אַנדערע דאַרפֿען צו אונז קומען. די חכמי־התלמוד האָבען אין דעמזעלבען זין ערקלעהרט, אַז „ליכא מידי דלא רמיזא באוריתא" — עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז ניט אָנגעוויזען אין דער תורה. אָדער „הפך והפך בה דכולא בה" — לערען און זוך אין דער תורה מחמת אַלץ געפֿינט זיך אין איהר.

שפּעטער, אין דער צייט פֿון אונזער גאָלדענער תקופֿה, געפֿינען מיר אפֿילו, אַז דער רמב"ם און אַנדערע האָבען גרויס יראת הכבוד פֿאַר די צוויי גריכישע פֿילאָזאָפֿען אַריסטו און אַפֿלטון. אָבער אויך זיי האָבען לחלוטין ניט קיין התבטלות פֿאַר יענער פֿילאָזאָפֿיע און

געפינען, אז סוף כל סוף איז אונזער תורה אין איבעראיינשטימיג־קייט מיט יענע הויכע רעיונות, און נאָך מעהר, זיי האָבען פיל מאָל געזוכט צו באווייזען די העכערקייט פון דעם יודענטום איבער דעם גריכענטום. דער גרויסער פילאָזאָף און פּאָעט הלוי האָט, כידוע, די גריכישע פילאָזאָפיע פארגליכען צו בלומען און דאָס יודענטום צו רייפער פרוכט.

וואָס אנבאלאנגט די אידישע מאַסען, האָבען זיי געוויס גע־גלויבט אין דער דערהויבענקייט פון זייער ראַסע. די מאַסע איז אין אַ געוויסען זין נאַציאָנאַלער פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט שוין טועם טעם געווען פון אנדערע קולטורען און געזעהן אנדערע צענטרען פון חכמה.

אין דער שפּראַך פון פאָלק זעהט מען דעם פאָלק'ס מיינונג איבער אנדערע און איבער זיך. דער איד זאָגט זיך גאַנץ תמימות־דיג: „עס האָט קיין אידישען טעם ניט". דאָס מיינט ביי איהם, אז עס איז שלעכט און מען קען עס אין מויל ניט נעהמען. „עס האָט קיין אידישע צורה ניט" מיינט, אז עס איז מיאוס, אז מען קען דארויף ניט קוקען. „עס האָט קיין אידישען חן ניט" מיינט, אז וואָס־וואָס, שעהן איז עס ניט.

אויסער דעם האָבען אידען אַ טבע, אז ווען אימיצער ווערט שטאַרק מפורסם, צו ערקלעהרען צווישען זיך, אז דער באַטרעפענ־דער איז מן הסתם אַ איד. ווי דען קען עס אנדערש זיין? אויב גרויס, באַריהמט און וויכטיג, שטאַמט דער מענש געוויס מזרע היהודים. און ווען מען ווייסט בפירוש, אז דער באַטרעפענדער גרויסער פּערזאָן איז קיין איד ניט, ווערען אידען אויך ניט אראָפּ־געפאַלען ביי זיך. זיי ערקלעהרען, אז דער מאַן האָט אַ אידישען קאָפּ אויף זיך; אויב דער גוף זיינער איז אַ גוי'אישער, איז לכל הפחות דער קאָפּ זיינער אַ אידישער.

אזוי איז געווען ביי אידען ביז ניט לאַנג.

זייט דער השכלה־צייט האָט זיך אָבער די לאַגע ביי אונז אין דעם פּרט שטאַרק געענדערט. עס איז געוואָ־ען פונקט דער היפּך פון פריהער. יעדער גרויסער מענש וואָס איז דאָ אויף גאָט'ס

ערד, איז זיכער ניט קיין איד; יעדער גרויסער געדאַנק איז זיכער ניט אונזערער. די גרויסע שעפער און זשעניען זיינען גוים; די אידען זיינען אין בעסטען פאַל מעקלער פון גייסט און נאָכמאַכער.

אזוי ע־קלעהרען ניט נאָר די גייסטיגע אַנטיסעמיטען פון דעם שניט פון א טשעמבערליין, וועלכער האָט אוועקגעלעגט די הנחה, אז די אידישע ראַסע, — בעסער געזאָגט, די גאַנצע סעמיטישע ראַסע, — האָט קיין גרויסעם און וויכטיגעם ניט געשאַפען, פאַר־מאָגט ניט קיין זשעניען, וועלכע מאַכען געוועהנליך די גרויסע בייטראַגען צו דער קולטור און וועלכע זיינען די אמת'ע פּיאָנערען אין דעם גייסטיגען לעבען; אז דאָס אידישע פאָלק איז א סעקאָנ־דאַרע ראַסע, אז אין דער גאַנצער צייט פון איהר עקזיסטענץ האָט עס בלויס אַרויסגעשטעלט טאַלאַנטען, אָבער ניט קיין שעפער, ניט קיין זשעניען; אז די אידישע גרויסע לייט האָבען בלויז באַארבייט איבערגענומענע געדאַנקען, אָבער קיינמאָל קיין נייעס ניט געשאַ־פען, — אזוי זאָגען ניט נאָר די אַנטיסעמיטען, וועלכע האָבען זייער פאַרשטעהער אין יעדען לאַנד, וועמעס גייסטיגער פאָטער איז געווען דער באַריהמטער פראַנצויזישער היסטאָריקער ערנעסט רע־נאַן, וואָס האָט בלויז איינינע באַמערקונגען געלאָזט וועגען דעם ענין פאַלען, בשעת זיינע תלמידים האָבען עס צוגעבייט אין א גאַנצער סיסטעם, נאָר אפילו אונזערע אייגענע געלעהרטע און פסעוודאָ־געלעהרטע האַלטען מיט זייערע כלומרשטע וויסענ־שאַפטליכע אונטערזוכונגען אונטער אָט די אַנטיסעמיטישע באַ־הויפּטונגען.

עס איז געוואָרען א מאָדע ביי אונזערע דאָקטוירים־פילאָזאָפען צו זוכען צו באַווייזען דעם פרעמדען איינפלוס ביי אונזערע שעפער. דאָס איז אפנים א סימן פון געלעהרזאַמקייט. סיי־ווי־סיי, די אַלע דאָקטוירים אונזערע זיינען טרוד מיט איין זאַך — צו באַווייזען פון וועלכע קוועלען אונזערע גרויסע האָבען געשעפּט אונזערע רעיונות, ווייל שעפען ביי פרעמדע האָבען זיי דאָך געמוזט, וואָרים ווי קומט צו א אידען אייגענס?

איז דאָ, למשל, ביי אונז א ספר איוב, וואָס זעהט אויס ווי א

דראמע, — אמת, ניט ווי די גריכי־שע דראמע, דאָך אַלענפאַלס א דראמע פון אן אייגענאַרטיגען מין — איז דאָך דערפון געדרונגען, אז אידען האָבען אויך געהאַט א דראמע. אזוי וואָלט געזאָגט יעדער בר־דעת. דאָס געפעלט אָבער ניט אונזערע דאָקטוירים. ווי קומט עפּעס צו אידען דראמע? ניט אַנדערש זיי האָבען עס איבערגענומען פון די גריכען, די אמת׳ע שעפער. דאָס איז אפילו שווער צו באווייזען, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך צוצונעהמען ביי אידען קרעדיט איז אַלץ מעגליך, ווערען בערג שוואַנגער און גע־בוירען מייז, ווערען בערג השערות אויף א האָר אויפגעהאַנגען און עס ווערט מיט אומשטיינס־געזאָגט באווייזען ערקלעהרט, אז אידען האָבען ניט געשאַפען קיין דראמע, נאָר אַלץ איבערגענומען פון די גריכען.

איז דאָ ביי אונז א ספר קהלת פול מיט קערניגע פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס ווייזען, אז אונזערע עלטער־ען האָבען געהאַט א שטיקעל ידיעה אין פילאָזאָפיע אויף זייער אייגענעם שטייגער, קענען אָבער אונזערע פילאָזאָפען ניט איינרוהען: היתכן, ווי קומען אידען צו פילאָזאָפיע? פילאָזאָפיע איז דאָך, כידוע, אַן אַרטיקעל אויף וועלכען די גריכען האָבען א מאָנאָפּאָל. איז ניט אַנדערש, אז דער ספר קהלת איז געשריבען געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון די גריכישע פילאָזאָפען.

עס געפינען זיך אין תלמוד פילע פילאָזאָפישע שטעלען, מיט וועלכע דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ וואָלט זיך ניט געשעמט. וואָס־זשע טוען אונזערע פילאָזאָפען? זאָגען זיי ניט: זעהט, אויך אונזערע תלמודיסטען האָבען געקענט פילאָ־זאָפירען לויט דעם נוסח פון א פּלאַטאָ. דאָס וואָלט דאָך געמיינט, אז אידען האָבען אייגענע גרויסע, טויג דאָך ניט. באווייזען אונ־זערע פילאָזאָפען, אז אונזערע תלמודיסטען האָבען דורך פארשיי־דענע „צנורות" ארייגעצאַפּט דעם גריכישען וויין אין זייערע כלים.

איז דאָ ביי אונז א גרויסע פילאָזאָפישע ליטעראַטור, זיצען שוין אונזערע פינטלערס און טינטלערס און ווייזען אויף, אז די אַלע פילאָזאָפען אונזערע האָבען זייער אייגענס גאָר ניט געגעבען, נאָר

האָבען זייער גאַנצען גייסטיגען פאַרמעגען אויסגעבאָרגט ביי די גריכען אָדער ביי די אַראַבער.

די גוי'אישע אַנטיכעמיטען האָבען אונז ניט פאַרגונען אונזער קאָמפּאָנאַניע, אונזער געזעצגעבונג, און עס האָט זיך א לאָז געטאָן א רייהע מ״ט השערות: בבל און ביבעל — די אידען האָבען אַלץ ביי די באַבילאָנער גענומען, משה האָט אַלץ ביי אַמוראַבי'ן גענו־מען; אַנדערע באַהויפּטען, מיר האָבען ביי די עגיפּטער געלערנט, פון זייער גייסטיגען נילוס געטרונקען. נאָך אַנדערע ווילען, אַז מיר האָבען ביי די פּערסיאַנער אַלץ גענאַשט. בקיצור, דער גע־דאַנקען־גאַנג פון די אַנטיסעמיטען איז אונגעפעהר אַזוי: היות עס איז בדוק ומנוסה אַז די אידען אַליין זיינען גאָר ניט פעהיג צו שאַפען, אַז אויף זייער אייגענער ערד קען גאָר ניט וואַקסען און דאָך געפינען מיר תבואה אין זייער שייער און ווײַן אין זייער קעלטער, — איז דאָך א פראַגע: פון וואַנען קומט עס צו זיי? ניט אַנדערש זיי האָבען ערגעץ וואו גענומען. איז דאָך די קשיא: וואו? הויבט זיך אָן א זוכעריי: דער זאָגט — ביי בבל, דער — ביי אַשיר, דער — ביי עגיפּטען, דער — ביי פּערסיען; זאָל זיין וואו איהר ווילט אַליין, אבי נאָר די אידען קיין קרעדיט ניט.

אונזערע אייגענע דאָקטוירים־פילאָזאָפען ט.ען דאָס זעלבע. אַזוי שנעל ווי עס באַוויזט זיך עפּעס א נייער געדאַנק אין אונזער ליטעראַטור, הויבען זיי גלייך אָן נישטערען און זוכען פון וואַנען קומט דער געדאַנק, האַלטענדיג זיך ביי דער הנחה, אַז אידען אַליין קאָנען קיין אָריגינעלען געדאַנק ניט שאַפען. וואָס אַרט אייך, דער אידישער דאָקטאָר־פילאָזאָף וועט שוין אויסגעפינען עפּעס א קוועלע פון וואַנען דער געדאַנק איז געשעפּט געוואָרען. אַלץ הענגט נאַ־טירליך אָפּ, וועלכע אַלטע שפּראַך דער באַטרעפענדער דאָקטאָר קען. איז ער א ספּעציאַליסט אין גריכיש, דאַן איז די קוועלע געוויס א גריכישע; קען ער אַראַביש, איז די קוועלע אַן אַראַבישע; איז ער אַן אַסיריאָלאָג, איז די קוועלע אַן אַסירישע.

ניט לאַנג האָב איך אין איינעם פון די ענגליש־אידישע זשור־נאַלען געטראָפען אַן אַרטיקעל פון א ראַבי, וועלכער ערקלערט מיט

א ברייטקייט, ווי ער וואָלט זיין דער גרעסטער אויטאָריטעט, אז די אידען האָבען אויף דעם געביט פון פילאָזאָפיע, קונסט, וויסענשאפט, קיינע גרויסע ניט אויסגעשטעלט. דער ראבי האָט דאָך צוגעגעבען, אז אידען זיינען א גרויס פאָלק, ווייל צום גליק זיינען זיי גרויס אויף דעם פעלד פון עטיק. גאָט זיי דאַנק דערפאר!

דער גוטער ראבי, וועלכער האָט נאָר איבערגעגעבען אַן אנטי־סעמיטישען געדאנק, האָט אין איין קליינעם ארטיקעל אוועקגעמאכט אונטער דער האנט אזעלכע אָריגינעלע דענקער ווי: גבירול, הלוי, רלב"ג, שפינאָזא, כהן, און בערגסאָן, יעדער איינער פון וועלכע איז גענוג צו געבען א פאָלק דאָס רעכט צו ערקלערען, אז עס האָט געמאכט גרויסע ביַיטראגען צו דער פילאָזאָפיע; מבטל געווען מיט א חנ'עוודיגען שמייכעל אזעלכע קינסטלער ווי הלוי, עזרא'ס, עמנואל הרומי, היינע, בערנע, אווערבאך, דיזראעלי; צו קליינגעלט געמאכט מעדיצינער ווי דער רמב"ם, טוביה הרופא, ביז דעם זשעני פון אונזער דור פראָפעסאָר עהרליך; עקאָנאָמיסטען ווי רעקארדא, מארקס, לאסאל, ביז די היינטיגע אידישע עקאָנאָמיסטען, מיט וועלכע אלע רעכענען זיך; צונישט־געמאכט קאָמפּאָזיטאָרס, ווי מאיר־בער, הלוי, ביזע, רובינשטיין, סען־סען א. ד. גל. — קיינער, קיינער פון זיי איז ניט גרויס גענוג פאר דעם ראבי, וועלכער קוואָקעט גע־ווים אויף דאָקטאָר־פילאָזאָפיע. ניט גרויס גענוג, ווייל די אידישע פילאָזאָפען אליין, אין יוניסאָן מיט זייערע אנטיסעמיטישע חברים, האָבען אוועקגעשטעלט א כלל: די אידען האָבען אלץ ביי פרעמדע גענומען. „די קליינע שפייען וואָס די גרויסע קייען". דער דאָזיגער ארטיקעל איז סימפּטאָמאטיש. די באהויפּטונגען פון דעם סאָרט זיינען דער גרעסטער אומרעכט געגען דעם זשעני פון אונזער פאָלק.

דערצו מוז נעמען א סוף.

איך בין זיך מודה: פון אלע זאכען וואָס ווערט ערוואַרטעט פון דעם אוניווערזיטעט אין ירושלים, אינטערעסירט מיך אם מייסטען די אומאָפּהענגיגע פאָרשונג, וועלכע וועט זיכער אומקערען אונזער גרויסקייט, אָפּגעבען אונז דאָס וואָס אונז קומט על פי דין, לויט אונזערע פארדינסטען.

עס איז שוין צייט פאַר אַ ריכטיגער בוכפיהרונג. אַ גוטען סימן פאַר ארץ־ישראל אין דעם פּרט, זעה איך אין פילע פון די לעצטע שאַפונגען, וואָס קומען פון דאָרט אָן.

עס איז אמת, אַז דאָרט געפינט זיך נאָך איצט אויך אַ גרופּע, וואָס האָט גרויס התבטלות פאַר די גויים, וואָס גלויבט, אַז אַלץ וואָס זיי האָבען געשאַפען איז גרויס, בשעת אידען האָבען נאָר געקאָנט פּלפּול'ען און האַנדלען, זיינען שוין אָבער דאָ אַנדערע, וואָס פאַרשטעהען די זאַך אַנדערש.

אין איין זשורנאַל געפין איך אַן אַרטיקעל פון איינעם, וואָס זוכט צו באַווייזען, אַז די דראַמאַ אַלס יצירה איז גענומען פון די אידען.

פון יענעם אַרטיקעל וועל איך ברענגען בלויז איין ציטאַטע, וועלכע ווייזט אויף דעם נייעם גייסט.

„די דאָזיגע רעטעניש ווערט געלעזט, ווען מיר דערמאָנען זיך די עדות פון דעם נביא, וועלכער איז אויפגעשטאַנען צו די „עולי הגולה" און וועלכער האָט געזאָגט: פון דעם אָרט וואו די זון געהט אויף ביז דעם אָרט וואו זי געהט אונטער, איז גרויס מיין נאָמען צווישען די פעלקער, און עס ווערט גערויכערט און געאָפּפערט צו מיין נאָמען (מלאכי א' י"א). וואָרום ווען דאָס אידישע פאָלק איז פאַרטריבען געוואָרען פון זיין לאַנד, זיינען די שטראַהלען ליכט פון דער נבואה צושפּרייט געוואָרען איבער אַלע עקען פון דער וועלט, און עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע רעליגיעזע באַוועגונג, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט די פעלקער פון אינדיען ביז די גריכישע אינזלען. אין דעם ווייטען מזרח האָט אַן אינדישער בן־מלך דער־הערט דאָס ווידער־קול פון די נביאים און ער האָט געגרינדעט דעם בודהאיזם. אין דעם נאָהענטען מזרח איז די השפעה פון דער נבואה אַזוי גרויס, אַז ביי איהר שיין האָט אויפגעשפּראָצט דער דת פון ליכט און ריינקייט, דער דת פון צאַראַטוסטראַ, וועלכע האָט באַגייסטערט דעם מלך כורש, דער קנעכט פון גאָט, צו הייסען אויפ־בויען אַ הויז צום אידישען גאָט. און „דאָרט וואו די זון געהט אונטער", אין גריכענלאַנד, האָבען די פּאָעטען איינגעזאַפּט דאָס

זיסע ליד פון דעם אידישען גאָט און דאָס איבערגעליידיגט אויף זייערע הארפען און עס איז דורך דער איבערגיסונג ארוים די קלאַסישע טראַגעדיע! און אויב איהר וואונדערט זיך, דעמאָלט דערמאָנט זיך, אז אָן עהנליכע באוועגונג האָט זיך ווידערהאָלט אין דער צייט פון צווייטען גלות — און פון דעמאָלט אָן ביז איצט בעטען און זינגען די פעלקער אויף דער גאַנצער וועלט דאָס ציון ליד, וואָס דאָס יודענטום האָט זיי אין מויל געלעגט"...

דאָס איז דער נייער גייסט, וואָס קומט פון ארץ־ישראל, און אָט דער גייסט וועט אונז ניכער ברענגען צום וויסענשאפטליכען אמת, ווי דער גייסט פון התבטלות און געפאַלענקייט.

פאַר איבערטרייבונג איז ניטאָ וואָס צו מורא האָבען, ווייל קיינער איז ניט אַזוי זעלבסט קריטיש ווי דער איד.

די פלאַסטישע קונסט.

ווען מען רעדט מכח אידישע פעהיגקייטען און מען וויל וועגען זיי אויפשטעלען געוויסע כללים, איז דער בעסטער כלל, אז עס איז בנגע זיי קיין כלל ניט פאַראַן. וואָרום ווי לאַנג אַשטייגער איז עס דען, ווען די מליצי יושר האָבען זיך באמיהט צו פאַרטיידיגען אידען וואָרום זיי צייכענען זיך ניט אויס אויף דעם געביט פון מאַהלעריי און סקולפּטור, און ערקלעהרט אז די אידען זיינען, לויט זייער טבע, ליריקער, נשמה־מענשען, און זיי צייכענען זיך שטאַרק אויס בלויז אויף דעם געביט פון ליריק, אָבער זיי זיינען ניט קיין בריות ווען עס קומט צו פלאַסטישער קונסט? עס איז אפילו דערמאָנט געוואָרען דער פאַרבאָט פון „לא תעשה לך פסל“, וואָס האָט געשטערט די פלאַסטישע פעהיגקייטען, די דאָזיגע באַגאַבונג צו ענטוויקלען, ביז דער סוף איז געווען, אַז די דאָזיגע פעהיגקייטען זיינען אינגאַנצען אַטראָפירט געוואָרען, פאַרדאַרט געוואָרען, און דער איד קען היינט ניט מעהר אָרגאַניש גרויס ווערען אויף דעם פעלד.

ערשט נעכטען האָבען מיט גרויס ערנסט און ישוב־הדעת אונזערע קריטיקער אזוי ערקלעהרט דעם מצב, ביז, נאַטירליך, עס איז געקומען די איצטיגע צייט און לחלוטין אָפּגעלייקענט דעם דאָזיגען פּאָסטולאַט. עס איז ניטאָ אַזאַ פעלד, וואו אידען קענען זיך ניט אויסצייכענען און קענען ניט ארויסשטעלען קיין זשעניען. אֵי ביז איצט האָבען זיי זיך אויף אַ געוויסען געביט ניט אויסגעצייכענט? מעג זיך עס זיין אמת, אָבער אויפשטעלען דערפון אַ כלל איז להבא טאָר מען ניט. היינט ניט, נעכטען ניט, יאָהרהונדערטע זיינען זיי געווען שוואַך אויף אַ געוויסען

געביט, און מאָרגען, פלוצלונג, פון דער העלער הויט, באַווייזען זיך אַ מחנה קינסטלער, אַ מחנה טאַלאַנטען דוקא אויף אָט דעם פאַרנאַכלעסיגטען געביט. ניט ווילענדיג וואונדערט מען זיך: פון וואַנען נעהמט זיך דאָס דאָזיגע רייכטום מיט אַמאָל?

די אידען צייכענען זיך איצט שטאַרק אוים אויף דעם פעלד פון מאַהלעריי און סקולפּטור. זיי האָבען אמת׳ע גדולים אויף די געביטען, וועלכע זיינען געווען „קראָמע יעוורעיעוו“ פאַר הונדערטער יאָהרען. די דאָזיגע אידישע אינטעליגענטען, וואָס האָבען געוועהנליך ליב צו פאַרקלענערען דעם אידישען אויפטו (און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע ווילדע ברואים אויך), שטעלען זיך צופרידען מיט דער תביעה, וואָרום אידען האָבען נאָך ניט קיין ראַפאַעל און קיין אַנדזשעלאָ. דאָס איז ליידער אמת, אָבער אויך די אַנדערע פעלקער האָבען אַזעלכע גדולים ניט ארויסגעשטעלט. אַזאַ ערשיינונג ווי אַן אַנדזשעלאָ אָדער אַ ראַפאַעל באַווייזט זיך ניט אין יעדער תקופה. דער געניוס איז אַ זעלטזאַמע ערשיינונג. ער דאַרף האָבען מזל אויף שריט און טריט ביז ער נעהמט אָן אַ רעאַלע פאָרמע. זעהר זעלטען ווערט דער זשעניע געבוירען. דאָס העננט אָפּ פון טיפע ביאָלאָגישע סודות. נאָר אפילו ווען ער ווערט שוין געבוירען, מוז ער האָבען „סיעתא דלעילא ולתתא“, די הילף פון הימעל און מענשען, כדי ער זאָל זיין ביכולת זיין אמת׳ע גרויסקייט צו באַווייזען. אַמאָל קומט אויף דער וועלט אַ גרויסער קינסטלער, נאָר זיין פאָטער האָט איהם גאָר געמאַכט פאַר אַ שוסטער, און ניט ער און ניט זיינע פריינד ווייסען דעם סוד, בשעת אַ געבאָרענער שוסטער פאַרנעהמט אָפּט דעם פלאַץ פון אַ קינסטלער. קיין גרויסער קינסטלער איז ער טאַקע ניט; שוסטער בלייבט ער. אָבער ער דרעהט זיך צווישען די גרויסע און פאַרנעהמט אַ פלאַץ.

נעהמט, צום ביישפּיל, דעם פאַל פון סער הערשל, דעם גרויסען אַסטראָנאָם. ער איז גאָר אַ לאַנגע צייט געווען אַ מוזיקער, און ער האָט אויף דעם מוזיקאַלישען געביט ארויסגעוויזען געוויסע פעהיגקייטען — ניט קיין געניאַלע, אָבער אַלענ־

פאַלס איז ער געווען אַ פיינער שפּילער און פיינער דיריגענט. ער האָט זיך ערוואָרבען אַ נישקשה'דיגען נאָמען און געמאַכט שעהן פּרנסה — אַ וויכטיגער ענין אין אונזער געזעלשאַפט. צו־ליב דער דאָזיגער אומגליקליכער פּרנסה, איז ער דאָס געפאָהרען קיין ענגלאַנד. ער האָט אָבער געהאַט גרויס ליידענשאַפט פאַר אַסטראָנאָמיע, און דורך אַ רייהע פון גליקליכע אומשטענדען איז ער געוואָרען דער באַריהמטער אַסטראָנאָם.

סער הערשל איז פון אידישער אָפּשטאַמונג. וואָלטען די אומשטענדען ניט געווען גינסטיג, וואָלט ער פאַרבליבען אַ מוזי־קער. און ווען ער וואָלט זיך אפילו אויסגעצייכענט אויף דעם פעלד, וואָס וואָלט געווען דער געוועהנליכער פּסק פון אונזערע קריטיקער, וואָס האָבען געוועהנליך ליב צו באַגרעניצען דאָס פעלד פון אידישער טעטיגקייט? עס וואָלט געהייסען פּשט: דער איד איז נאָר פעהיג אויף איין פעלד — ליריק, היסטריאָ־ניזם א. ד. גל. אָבער וויסענשאַפט, וואו עס פאָדערט זיך עקזאַקטקייט, רוהיגע פאָרשונג, דעטאַלען און גרויס געדולד, דאָרט האָבען אידען קיין גרויסע ניט. הערשל האָט מיט זיין אויס־צייכענען זיך אויף דעם געביט פון אַסטראָנאָמיע און מיט זיין פּינקטליכער באשרייבונג פון דעם, וואָס ער האָט געזעהן אין די הימלען, אָפּגעלייקענט די באַהויפּטונג, אַז עס זיינען אונמעגליך גרויסע אידישע וויסענשאַפטסלייט. אָבער דאָ האָט גראָד מיט־געשפּילט אַ גליקליכער צופאַל. ווען ער פאָהרט ניט קיין ענג־לאַנד, און נעהמט ניט אויס מיט זיין שפּילען און קאָמפּאָזיציעס, וואָלט ער קיינמאָל קיין אַסטראָנאָם ניט געוואָרען.

דער פאַל הערשל באַווייזט ווי ווייט די גליקליכע קאָמ־בינאַציע איז נויטיג כדי דער זשעניע זאָל קומען לידי גלוי, זאָל ארויסווייזען זיינע גרויסע, וואונדערליכע כחות.

דערווייל איז ביי אונז קיין ראַפאַעל ניט פאַראַן. האַלט די אויגען אָפען. ער וועט נאָך קומען. אפשר איז ער שוין געווען און פאַרלוירען געגאַנגען, צוריבען געוואָרען אין די שווערע לעבענס־אומשטענדען. אפשר איז ער געבוירען געוואָרען אין אַ

קליין אידיש שטעדטעל ביי פרומע, אָרימע עלטערען, און ער איז היינט אַ רב'ל אין אַן אנדער פארוואָרפען ווינקעל. מיר האָבען ניט קיין אייגענע אַקאַדעמיעס, און די שולען זיינען ניט אונ־זערע, און עס זיינען פאַראַן אַזוי וועניג אידישע מעצענאַטען, אין טאַלאַנטען ווערען געבוירען און פארגעהען ווייל קיינער העלפט נים. עס פעהלט די טרייע, פריינדליכע האַנד, וואָס פיהרט דעם קינסטלער ארויס פון זיין פינסטערען צימער אין דער פרייער וועלט.

* * *

איך בין לעצטענס געווען אויף דער קינסטלער־אויסשטעלונג פון דער עדיוקיישאָנאַל עלייענס. איך בין אַהין אריין אגב אורחא, ניט געהאַט, ליידער, פיל צייט אַלץ גוט צו באטראַכטען. עס איז ניט געווען קיין אויסשטעלונג פון רייפע קינסטלער, נאָר פון אָנפאַנגער, וועלכע האָבען געלערענט אַ יאָהר אָדער צוויי. די מייסטע בילדער זיינען געווען אין קרעיאָן, אייניגע אין פאַרבען. עס איז געווען צו מערקען אין פילע פון די בילדער פונקען פון טאַלאַנט. אייניגע וועלען געוויס זיין מיט דער צייט גאָר גרויסע קינסטלער ווען זיי וועלען קענען לערנען, שטודירען, האָבען די מעגליכקייט צו זעהן און זאַמלען איינדרוקען. ווי די בלום מוז האָבען זונענשיין, אַזוי מוז טאַלאַנט האָבען גוטען באָדען, פיינע אַטמאָספערע און טוי פון הימעל.

מיר איז געבליבען אין זכרון אייניגע צייכנונגען פון אַ גע־וויסען גראָסמאַן. ער האָט די פעהיגקייט אויסצוטיילען דעם עיקר פון דעם טפל. ער צייכענט די ליניע מיט אַ פעסטער האַנד, אָבער די פעסטקייט שטערט ניט דער נויטיגער ווייכקייט, דעם ליבען חן, וואָס באַגלייט זי. ער קען אין אַ פּאָר שטריכען־פלעקען געבען אַ לעבעדיג בילד. ווייל זיין אויג כאַפּט אויף דעם עיקר, די כאראַקטעריסטיק פון דעם פנים־געשטאַלט, וואָס ער זעהט פאַר זיך. נאָר דאָס איז בדרך אגב.

וואָס מיך האָט פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיגער אויס־שטעלונג איז דער פאַקט, אַז די מייסטע נייע קינסטלער האָבען

זיך דוקא אָפּגעגעבען מיט צייכענען דעם קערפּער, — ניט דאָס פּנים, דאָס אויסזעהן, די נשמה אזוי צו זאָגען, נאָר דוקא דעם גוף, די מוסקולען, די פּלייצע, די אַקסלען, די פּיזישע גבורה, די קאָנטורען און ליניען פון דעם מענשליכען קערפּער אין פארשיי־דענע פּאָזען, שטעהענדיג אָנגעשטרענגט אָדער נאכלעסיג, אָדער ליגענדיג טרוימעריש. ווער וואָלט עס גלויבען אויף אידישע קינסטלער, אַז זיי וועלען אזוי פיל צייט אויסברענגען אויף דעם גראָבען גוף, איך מיין, דעם חציו ולמטה, און ניט לכל הפחות אויף דעם פּנים מיט די נשמה־פענסטער: די אויגען, מיט דעם הויך פאַרהויבענעם שטערען, די צענטראַלע סטאַנציע פון די נערוועז און פון דעם דענקונגס־אפּאַראַט?

אידישע קינסטלער פארנומען דוקא מיט קערפּער־ליניען, ווייל אידען קענען אויף אַלע געביטען זיין פעהיג; די אידען זיינען די פאַראייניגער פון כל׳ערליי קולטור־עסענצען. זיי קענען אַלץ.

אויף יענער אויסשטעלונג האָב איך אויך געזעהן איינגע צייכנונגען און אַ סקולפּטור־בילד פון אַ יונגען, אויף אַ טראַגישען אופן אומגעקומענעם קינסטלער, לעאָ דזשאַקיסאָן. ער האָט זיכער געהאַט פעהיגקייטען אויף אַלע געביטען: סקולפּטור, צייכנונגען, מאַהלעריי, ראַדירונגען און וואַסער־פאַרבען. אין איהם איז בלי ספק פארלוירען געגאַנגען אַ גרויסער טאַלאַנט. ער האָט געהאַט געניאַלע פעהיגקייטען, נאָר דער צופעליגער טויט האָט איהם ניט געגעבען די מעגליכקייט רייף צו ווערען. ער איז אַלט געווען אין גאַנצען צוויי און צוואַנציג יאָהר. דערפאַר איז קיינער ניט שולדיג. אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט דאָך ארויסגעשטעלט אַן עלוי, וואָס האָט אין זיך געהאַט די קערנער פון זשעניע. און ווען ער וואָלט זיין פּלאַץ פארנומען, וואָלט מען אויפ׳ס נייע געדאַרפט רעווידירען דעם חשבון וועגען אידען, לויט וועלכען עס קומט אויס, אַז אידען האָבען ביז איצט אויף די געביטען קיין זשעניען ניט ארויסגעשטעלט, כאָטש אויך דאָס איז ניט

אמת, ווייל לעוויטאַן איז יאָ געווען אַ זשעניע, און דער סקולפּטאָר עפּשטיין איז אַן ערשט־ראַנגיגער קינסטלער.

דאָס סקולפּטור־בילד, אַ ביוסט פון זיך אַליין, פון לעאָ דזשאַקיסאָן, האָט מיר דערמאָנט אָן די סקולפּטור־ווערק פון דעם קינסטלער־סקולפּטאָר ניא פּאַטלאַזשאַן, וואָס איז געקומען פון פּאַריז צו אונז קיין אַמעריקאַ אויף אַ קורץ שטיקעל צייט מיט איינינע פון זיינע קעפּ־שטודיען.

ער איז געווים אַ קינסטלער פון גרויסער וויכטיגקייט. ער איז אויך פילזייטיג. ער איז אויך אַ מאַהלער, אַ באַדייטענדער מאַהלער — אָבער זיין פּאַרטע איז די סקולפּטור. ער איז, אויב איהר ווילט, אַ אידישער קינסטלער, לויט דער באַקאַנטער פּאָר־מולאַ, אז די אידען זיינען מעהר ליריש און היסטריאַניש ווי פּלאַסטיש און סטאַטיש.

פּאַטלאַזשאַן האָט קיין אידישע טעמאַס ניט באַנוצט פאַר זיין קונסט. ער איז דוקא אַלוועלטליך, באַשעפטיגט זיך מיט ריין־מענשליכע פּראָבלעמען, מיט דער פראַגע פון פּאַטאָלאָגיע און פאַרערבונג, מיט דער פראַגע פון דער קאָמיש־טראַגישער מענשליכער ראָלע אין דעם לעבען. ער איז אָבער דאָך, נאָך מיין אויפפאַסונג, אַ אידישער קינסטלער. מחמת אין קונסט איז ניט די טעמאַ דער עיקר, נאָר די פאָרם. און די פאָרם איז אידיש. ווען אחד העם האָט, רעדענדיג וועגען נאַציאָנאַלע קונסט, זיך באַקלאָגט אויף דעם פאַקט, אז אַנטאָקאָלסקי איז געגאַנגען צו דער רוסישער געשיכטע כדי ער זאָל שאַפען זיינע באַריהמטע ווערק „יאָהאַן דער אכזר" און „דער נזיר", בשעת ער האָט געהאַט דעם בעסטען מאַטעריאַל פאַר די צוויי טעמאַס נאָהענט ביי זיך אין דער היים; ווייל אַלס פּראָטאָטאָפּוס פאַר זיין קעניג דעם אכזר האָט ער געמעגט אויסקלייבען הורדוס המלך און פאַר דעם נזיר כאָטש דעם ווילנער גאון, אַ מאַן פון זיין אייגענער געגענד, האָט דאָ אחד העם פאַרביטען די טעמאַ־אויסוואַהל מיט דער תכונה פון נאַציאָנאַלער קונסט. פילע גרויסע קינסטלער האָבען זיך באַנוצט מיט ביבעל־סוזשעטען פאַר

זייערע בילדער און ווערק, זיי זיינען אָבער צוליב דעם ניט גע־וואָרען קיין אידישע קינסטלער. אין די פריהערדיגע צייטען האָבען כמעט אַלע גרויסע קינסטלער געמאָלען דאָס בילד פון דער הייליגער מוטער — א אידישע פרוי, און זיי זיינען דאָך געבליבען נאַציאָנאַל, כאָטש זיי האָבען געוואָלט זיין בלויז רעליגיעז־קריסטליך. אַלע האָבען געמאָלען א אידישע פרוי, אָבער יעדער האָט זי דאָך אַנדערש אויפגעפאַסט. דוכט זיך אידיש, און דאָך האָט יעדער קינסטלער זי ארומגערינגעלט מיט אַן עכט־נאַציאָנאַלער אַטמאָספערע. דער איינציגער קינסטלער, וואָס האָט געמאָלען אידישע טיפּען מיט אַן עכט־אידיש נאַציאָנאַלען גייסט איז דער האָלענדישער מאהלער רעמבראַנדט, וועגען וועמען איך האָב א שטיקעל חשד, אַז ער איז א איד. אי דער נאָמען, אי זיין גרויסע ליבע פאַר אידישע טיפּען, אי זיין טיף פארשטעהן דעם אידישען גייסט, דעם אידישען טיפּ, די גאַנצע אידישע אצילות, די גייסטיגקייט פון דעם אידישען פנים, רופען אין מיר ארויס חשדים וועגען זיין אָפּשטאַם.

אַלענפאַלס, ניט די טעמא באשטימט דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון קינסטלער, נאָר גראַד די אויסערליכע סמנים. דניאל דעראָנדאַ איז אַן ענגלישער ראָמאַן און העבעל׳ס דראַמאַ „יהודית״ איז דייטשע קונסט און סארדזשענט׳ס בילדער פון די נביאים איז אנגלאָ־זאַקסישע קונסט.

* * *

פּאַטלאַזשאַן איז פאַר מיר געווען א אידישער קינסטלער, דערפאַר ווייל זיין פאָרם איז געווען עכט־אידיש. ער איז גייס־טיג אין אַלע זיינע בילדער, ער איז לירישׁ אין שטיין. איך קען דאָ דעם פּונקט בלויז אָנריהרען אָבער ניט אויסשעפען. די גע־וועהנליכע איינטיילונג פלעגט זיין, אַז די מוזיק איז א לירישע קונסט, דאָסזעלבע די ביהנע־קונסט, אָבער די מאהלעריי און די סקולפּטור איז א פּלאַסטישע קונסט. דער אמת איז אָבער, אַז כאָטש אין די גרויסע ליניען איז די קלאַסיפיצירונג ריכטיג איז זי אָבער ווייט ניט ריכטיג אין איהרע פרטים. עס איז מעגליך

אויך אין דער פלאַסטישער קונסט אריינצוטראָגן לירישע שטי־מונגען, און אין די אזוי גערופענע לירישע קונסטען עפּעס פון פלאַסטיק. די קאָמבינאַציע מאַכט עס מעגליך אריינצוברענגען ליריק, ליידענשאַפט, ריהרעוודיגקייט, אזוי צו זאָגן, אין דעם קאַלטען פאַרגליווערטען שטיין. דאָס קען מען ניט דערגרייכען בלויז דורך ריכטיג־געשניטענע ליניען. דאַמאָלס וועט עס זיין גוטע סקולפּטור, וועט געבען עהנליכקייט, עס קען אויך האָבען חן, אָבער עס וועט וועהען אַ קעלט דערפון. עס איז פאַראַן אַ באַשטימטער „אונבאַשטימטער" עפּעס וואָס מען קען ניט דעפּי־נירען, אָבער ער ברענגט אריין באַוועגונג אין דער פאַרגליווערונג, און כאָטש עס איז שטיין, איז אָבער דער אויסדרוק ניט קיין פאַרגליווערטער נאָר אַ באַוועגליכער, ניט געכאַפּט אַ מאָמענט, ווי טרויער, פרייד, ערשטוינונג, שרעק און דאָס גלייכען (די סקולפּטור מוז זיך באַנוגענען מיט אַ מאָמענט) און איהם געלאָזט פאַרגליווערט ווערען, נאָר דער מאָמענט אין זיינע באַוועגונגען, אין זיינע וויבראַציעס, דער „עפּעס" וואָס איז ניט פון אויבען, ניט אויסגעגאָסען אויף דעם פּנים, נאָר אָפּט אונטער דער הויט, אין די אויגען.

די סקולפּטור האָט שוועריגקייט. זי באַנוצט זיך מיט זעהר באַגרענעצטע מיטעל. זי קען ניט אפילו, ווי די מאַהלעריי, געבען אונז אַן אילוזיע פון דאָס לעבעדיגע אויג. דאָס אויג אין דער סקולפּטור איז על פּי רוב דער בית־קבול פון אויג, אין די „בליטה", די מאַהלעריי, קען אויך דורך אַ פאַרבען־שפּיל אָנ־דייטען אויף דעם שפּיל אונטער דער הויט, וואָס די סקולפּטור קען ניט. מיט אַלעם דעם קענען דאָך סקולפּטאָרען אריינברענגען ליריציזם אין דעם שטיין.

פּאַטלאַזשאַן האָט עס געטאָן אין אַ זעהר גרויסער מאָס אין זיין סעריע: „די פּאַיאַצען". ער האָט דריי בילדער פון דעם קאָמיקער. איין בילד פון איהם אין דער צייט, ווען ער איז אַליין ניט באַוואוסט איבער זיין קראַפט און שלים־מזל. אַ צווייט בילד פון דעם זעלבען ווען ער קומט צום באַוואוסטזיין וועגען

זיין געפאַלענקייט, זיין לעבערליכער ראָלע אין לעבען; ער ווערט דעמאָלט טראַגיש און געלייטערט. און אַ בילד פון זיין שוועסטער, וואָס איז אַזוי ענליך צו דעם ברודער, און דאָך געעדעלט און געצערטעלט דורך איהר פרעהליכקייט. זי באַנעהמט מיט איהר אינסטינקט דאָס לעבען, אָבער זי איז קאָנצענטרירט אין איהר פּערזאָן, און דער שרעק פון לעבען ארום און זיין פּוסטקייט ריהרט זי ניט טיף אָן. זי האָט זיך אין זינען. די דאָזיגע גרופּע גיט איבער איהרע ליידען און פריידען דורך די שטיינערנע אויגען. עס איז פאַראַן לעבען אין די אויגען. די שטומפּיגקייט פון ערשטען בילד, דאָס אויפגע־הענגטע ליכט וואָס טראָגט אין זיך אַ טראַגישען אָפּשיין פון צווייטען בילד, און די געמילדערטע טראַגיק געמישט מיט פרעה־ליכער נייגעריגקייט פון דעם דריטען בילד — די אַלע דריי שאַטירונגען האָט איהר געפונען אין דעם הוילען אויג... ווי אַזוי? דאָס איז דער סוד פון קינסטלער. די ליניען פון דעם געזיכט האָבען געגעבען אָנדייטונגען, אַז זיי זיינען בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון עפּעס ברויזענדעס, אונרוהיגעס אונטער דער הויט. עס איז פאַראַן ליריציזם און באַוועגונג אין דעם שטיין. דאָס איז די אידישע פאָרמע. טאַקע פּלאַסטיק, אָבער די פּלאַס־טיק איז בלויז איין זייט פון דעם לעבען. די אידען צוטיילען ניט דאָס לעבען אויף צווייען, זייער גאָט איז דער גאָט וואָס באַשאַפט ליכט און פינסטערניש. די אידישע קונסט איז אויך מאָניסטיש, אין דעם זין וואָס זי איז אַ סינטעז, ווייל די אַנדערע וואָס צוטיילען זיינען דואַליסטיש, זיי האָבען צוויי הערשאַפטען, אין יעדע געוועלטיגט אין איהר אייגענער וועלט. די נבואה איז ניט ריינע ליריק, נאָר אויך פּלאַסטיש. דער טראָפּ ווערט גע־שטעלט שטענדיג אויף דער נשמה, ווייל זי מיינט לעבען. אָהן נשמה — איז טויט, איז ניטאָ קיין פּלאַץ מעהר פאַר קונסט. דאַרום איז די קונסט ליריש־פּלאַסטיש, אפילו אין די ריינע פּלאַסטישע קונסטען.

פּאַטלאַזשאַן איז אין אַלע זיינע בילדער אידיש אין דער

פאָרם. ער מאַכט דאָרום די קאַ אָן איינדרוק אין דער גוי'אישער וועלט, ווייל ער איז געטריי זיין אייגענעם אידישען איך. ער איז מאָניסטיש. ער איז ניט קיין נאָכמאַכער פון דער גריכישער קונסט, וואָס איז געטליך אין דער אַנאַטאָמיע פון דעם מענש־ליכען קערפּער. זי באַפרייט, אויב מען קען אזוי זאָגען, די נאַטור אליין פון איהרע טעות'ן, אָבער איהר קונסט איז אייז־קאַלט און פאַרגליווערט־טויט. פּאַטלאַזשאַן לערענט פיל פון די גוי'אישע גרויסע מייסטער, אָבער ער בלייבט זיך טריי. ער טראָגט אריין זיין אייגענס, דעם בריה פון זיין נשמה, זיין טיפען אידישען צער, זיין ליידענשאַפטליכען גלות אין דעם שטיין, און דער שטיין נעהמט ריידען.

לעאָ דזשאַקיסאָן האָט אין דער איינציגער ביוסט זיינער, וואָס איך האָב געזעהן, אויך געוויזען זיין פעהיגקייט דורכצו־פיהרען מיט אַ מייסטער־האַנד די דאָזיגע סינטעזע אין שטיין. דאָס הייסט — לעבען. עס איז נאָר צו באַדויערען וואָס אַזאַ גרויסע קינסטלער־נשמה איז אזוי טראַגיש אומגעקומען אין דעם סאַמע גרינעם אָנהויב פון איהר לעבען.

איירָאפּא און אַמעריקא.

אַמעריקא האָט גענומען ביי איירָאפּא איהר שפּראַך, איהר געזעצגעבונג, איהר רעליגיע; האָט געליהען איהר געלד, געבאָרגט איהר וויסענשאַפט, איהר קונסט און איהר לעבענס־פיהרונג. עס האָט אויסגעזעהן ווי די אַלטע וועלט האָט פאַר זיך אַ נייע סטאַנציע געבויט, אַ סטאַנציע לויט דעם אַלטען שניט, און דאָך איז די נייע וועלט אין פילע פּונקטען פאַרשיעדען פון דער אַלטער. די נייע וועלט מיט איהרע ברייטע הימעל־אויסשפּריי־טונגען, מיט איהרע ימים, מיט איהרע פילע טייכען, מיט איהר שפע און גליק, מיט איהרע אונבאַגרענעצטע מעגליכקייטען האָט אַ פרייערען בליק אויף דעם לעבען, איז ברייטער, מענשליכער, געזינטער, איז אַלענפאַלס ניט נערוועז־קרענקליך, איז ניט איבער־געשפּיצט־קליגעריש, ניט ראַפינירט־שעלמיש, רעדט ניט איין זאַך און מיינט אַן אַנדערע, איז ניט כלומר׳שט פילאָזאָפיש־מיסטיש געשטימט, איז ניט בלומענדיג אין דער שפּראַך אויסער־ליך און מיט אַ פיינער גיפט־איינשפּריצונג אינהאַלטליך, נעהמט יענעם ניט צו די נשמה בנשיקה. דאָס זיינען אַלע די חכמות און די פיינע שטיקלאַך פון איירָאפּא.

אַמעריקא איז רוי, אָבער אמת. אַמעריקא האָט פיל בלאָף, אָבער עס איז ניט קאָמאָפלאַזש. דער אונטערשייד צווישען די ביידע איז דער אונטערשייד צווישען אַמעריקא און איירָאפּא.

אין איירָאפּא איז קאָמאָפלאַזש, דאָס הייסט, דאָרט איז דער ליגען לויט אַלע פּליטערלאַך פון קונסט — אַ ליגען, וואָס זעהט אויס ווי אַן אמת, וואָס איז אַזוי אויסגעגלעשט אַז ער דער־

קענט זיך אַליין ניט; אַ ליגען, וואָס איז צירליך־מאַנירליך, וואָס טראָגט אַ צילינדער־הוט אויפ׳ן קאָפּ, ווייסע הענטשקעס אויף די הענד און אויף די פיס סאַמעטענע שיך; אַ ליגען, וואָס בויגט זיך גראַציעז, רעדט שטיל און געלאַסען און צעהלט זיינע ווער־טער — מיט איין וואָרט, אַן עכטער דזשענטעלמאַן, און דאָך האָט ער אַ הארץ פון אַ טאָטער, פון אַ קאַלטען גזלן. עס איז קאַמאָפלאַזש. דאָס הייסט — אַ כפול שמונה׳דיגער ליגען, וואָס זעהט אויס ווי אַ שעהן דין פּעדימעל, אַ זייד־שנירעל, כאָטש גיב עס דער כלה אַ מתנה אויפצוהענגען דארויף איהר זייגערעל. קאַמאָפלאַזש איז אַ ליגען, אונטער וועלכען עס באהאַלט זיך אַן אָפענער אָפּגרונד, און ער איז געפעהרליך, ווייל מען נעהמט איהם אָן פאַר אמת. מען מיינט עס איז וויינטרויבען, לסוף איז עס גאָר סם־המות. דער ליגען קומט אין וואַטע געהילט און שעהן געפּאַקט; בעת מען מיינט אַז עס איז באָנבאָנס, איז עס גאָר דינאַמיט.

אין אַמעריקאַ איז דער ליגען בלאָף — אַ ליגען אויף דעם טעלער, וואָס דאָס איז גאָרניט מעהר קיין ליגען, ווייל עס איז אַ ליגען וואָס אַלע ווייסען אַז עס איז אַ ליגען. עס איז אַ ליגען, וואָס איז דאָרום ניט מעהר געפעהרליך. עס איז ווי דער אַמע־ריקאַנער זאָגט, „בלאָף און בלאַסטער”. עס איז ניט קיין ליגען אימיצען אָפּצונאַרען און שעדיגען, נאָר „לתפארת המליצה”. עס איז ווי עס שטעהט „תנא גוזמא קא תני”, צו מאַכען דעם איינ־דרוק, אָבער ניט מעהר.

אַזאַ סאָרט ליגען איז אונשעדליך.

און דער אַמעריקאַנער בלאָף האָט אויך אין זיך פון דעם כאַראַקטער פון דעם לאַנד. עס איז אַן אמת׳ער בלאָף מיט אַן אָפען געזיכט. אין איהם איז קיין אויפּרייסענדער שטאָף ניט פאַראַן; עס איז זיך אַ גוטמוטיגער ליגען.

דער אמת איז, אַז אַמעריקאַ האָט פאַר זיך אויסגעלעגט אַן אייגענעם וועג, אַ נייעם וועג, וואָס איז גאָר פאַרשיעדען פון דעם

אייראָפּעאישען שנים. אמעריקא איז, למשל, אויף אַן אמת גע־גען מלחמה און געגען מיליטאַריזם, און גלויבט אין „פּעיר פּלעי", דאָס הייסט — מעגסט שפּילען, אָבער שפּיל פונדעסטוועגען אנשטענדיג; אַמעריקא גלויבט אין דעם פּרינציפּ פון „לעבען און לעבען לאָזען", אַ דייטש ווערטעל, וואָס די דייטשען האָבען ניט פאַרשטאַנען צו פאַר־ווירקליכען אין לעבען, אָבער וואָס איז אין אמעריקא אַ שטיק רעאַליטעט, אַ לעבענס־מאָס; אַמעריקא גלויבט אַז יעדעס פאָלק האָט אַ רעכט צו לעבען אויף דער וועלט, מעג עס זיין ווי קליין.

אַמעריקא איז גייסטיג שטאַרק געוואַקסען אין די לעצטע יאָהרען. די אַלטע וועלט האָט עס אָבער ניט באמערקט. די אַלטע וועלט האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביי איהר אַלטער איבערצייגונג, אַז די איינציגע זאַך, צו וואס אמעריקא איז פעהיג, איז צו מאַכען געלד און אויפפיהרען זיך אומגעלומפּערט.

די אַלטע וועלט האָט ניט פאַרשטאַנען די אַמעריקאַנער נייע כחות, האָט ניט פאַרשטאַנען אַמעריקאַ'ס ווילען צו גרויסקייט. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז ווען מיר מאַכען אונזערע הימעל־קראַצערס איז עס ניט דערפאַר וויל אַמעריקאַנער פאַרשטעהען ניט קיין סימעטריע און ווייסען ניט וואָס עס הייסט באַשיידענהייט, וואָרים דאָס געזעץ פון סימעטריע הערשט אין גרויסען מאַסשטאַב ווי אין קליינעם. אייניגע פון אונזערע הימעל־קראַצער זיינען גרויסע קונסט־שטיקער, און פילע פון זיי זיינען גראָד צאַרט און ווייך, און האָבען אין זיך עפּעס פעמיניסטישעס און פאַרטרוימטעס. דער הימעל־קראַצער איז אין אמת'ען אַ באַווייז אויף אַמעריקאַ'ס פעהיג־קייט צו באַזיגען די אומשטענדען, אַ באַווייז אַז אַמעריקאַ'ס גייסט ווייס ניט פון קיין באַגרענעצונג; אַז ווען עס איז ניט מעגליך פאַר איהם זיך אויסצושפּרייטען אין דער ברייט דעמאָלט הויבט ער זיך אין דער הויך; אַז אַמעריקא, דער יונגער ריז, איז ניט ענג אין זיינע אויפפאַסונגען, אַז ער האָט גרויסע השגות.

דער דייטש האָט אויך ליב קאָלאָסאַלקייט, אָבער דאָס איז

מעהר א ווילען צו מאַסיווקייט ווי צו גרויסקייט. דער אמעריקאַנער נוצט זעלטען דאָס וואָרט „קאָלאָסאַל", כאָטש ער האָט דאָס וואָרט אין זיין ווערטערבוך, נאָר זאָגט „אַן איי גרייט סקייל" (אויף א גרויסען מאַסשטאַב), ווייל ער האָט צו אַלער ערשט פיינד די קליינליכקייט, מעג זי קומען ווי אויסגעצירט און געפּודערט.

די אַלטע וועלט האָט עס ניט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך געהאַט אין איהר פאַנטאַזיע איהר אייגענע אמעריקא, פון וועלכער זי האָט זיך ערלויבט אָפּצולאַכען און אויף וועלכער זי האָט זיך ערלויבט צו קוקען פון אויבען אַראָפּ. זי האָט דאָס נייע אמעריקא ניט געקענט. ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער וועלט־קריג, האָבען זיך ביידע צדדים דערמאָנט אָן אמעריקא און גענומען זוכען געווינען איהר פריינדשאַפט. ביידע זיינען געקומען מיט ווילדע פאָ־אור־טיילען. דייטשלאַנד האָט גאָר געהאַט א טעות וועגען אמעריקא. זי האָט געאורטיילט די נייע וועלט לויט איינינע ווערטער. זי האָט געהערט, אַז אין אמעריקא הערשט בלאָף, האָט זי געמיינט אַז „כל היוצא מפיה שקר", אַז זי רעדט וועגען קריג און שלום מיינט זי ניט וואָס זי רעדט. זי האָט ניט פאַרשטאַנען דעם אמעריקאַנער בלאָף. דעם אמעריקאַנער בלאָף דאַרף מען קענען לייכט דערקענען. אמעריקא פאַרמאָגט אָבער פיל אמת, און ווען אמעריקא זאָגט עפּעס אויף אַן אמת, איז עס גאַנצע הונדערט פּראָצענט. דייטשלאַנד האָט עס ניט פאַרשטאַנען. זי האָט ניט פאַרשטאַנען די אמעריקאַנער השגות, די אמעריקאַנער ברייטהאַרציגקייט, איהר זין פאַר „פעירנעס", איהר ווילען צו זיין גערעכט. זי האָט געמיינט, אַז אמעריקא בלאָפט אַפילו דאַן ווען זי איז געווען טויט־ערנסט. דאָס איז געווען דייטשלאַנד'ס גרויס׳ער טעות, און זי האָט פאַר איהר טעות טייער באַצאָהלט.

ענגלאַנד, מיט איהר שאַרפען פּסיכאָלאָגישען חוש, האָט, טראָץ איהרע פאָראורטיילען, בעסער תופס געווען דאָס נייע אמעריקא, און האָט זיך פאַ־האַלטען מיט גרויס רעספּעקט צו דעם נייעם כח. זי האָט אָנגעהויבען שטודירען די יונגע נאַציע, וועלכע האָט זיך איהר אייגענעם וועג אויסגעטראָטען.

די ענגלענדער האָבען גענומען א בליק טאָן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, גענומען שטודירען אונזער פּאָליטיק, און זיי האָבען דערזעהן, אַז די אַמעריקאַנער זיינען אונטער זייער כּלומר'שט גראָבען און רויהען אויסזעהן ניט ווענינ פּאַרטרויעט און סענטימענטאַל. זיי האָבען גענומען שטודירען די אויפפיהרונג פון לינקאָלן און זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז אַמעריקא האָט אויפגעשטעלט אַ נייע שטה אין דער דיפּלאָמאַטיע, די שטה פון גערעכטיגקייט, די שטה וואָס דריקט זיך אויס אין דער פראַזע: „גיב מיר פרייהייט אָדער דעם טויט".

די אַלטע וועלט האָט זיך ענדליך גענומען ארומזעהן און אָנגעהויבען פאַרשטעהן: עס איז אויסגעוואַקסען אַ נייער ריזען־כח אין דער מענשהייט מיט זיין אייגענער שטה. און אין נאָמען פון אָט דער נייער שטה האָט דער צווייטער צד גענומען פאָדערען, אַז די אַמעריקאַנער זאָלען זיי קומען העלפען געווינען דעם קאַמף פאַר פרייהייט. און — די אַמעריקאַנער זיינען געקומען.

די נייע וועלט איז געקומען העלפען דער אַלטער וועלט, געקומען מיט איהר אייזערנעם אָרעם און שטאָלענע מוסקולען.

די אַלטע וועלט האָט דערזעהן אַמעריקאַ'ס קראַפט און האָט זיך פאַרוואונדערט. איהר האָט געוואונדערט אונזער איינפאַכקייט, אונזערע מאַך־זיך־קיין־צימעס־ניט האַנדלונגען. כמעט אין אַ הרף־עין איז אַ וועלט באַשאַפען געוואָרען. דאָך האָבען די אַמעריקאַנער זיך געהאַלטען איינפאַך און באַשיידען. זיי זיינען געקומען פון טויזענדער מיילען ווייט אין אַ פרעמדען לאַנד העלפען באַזיגען מיט זייער בלוט אַ שונא און האָבען זיך אין די טויזענדע מקריב געווען פאַר דעם נצחון, און דאָך האָבען זיי איין הויך וואָרט ניט געזאָגט, ניט איין באַריהמעריש וואָרט, גלייך ווי אזוי דאַרף עס זיין, און עס קומט זיי גאָר קיין דאַנק ניט דערפאַר.

די אַלטע וועלט האָט דערזעהן דאָס אַמעריקאַנער ליכט און ביי זיין שיין האָט זי גענומען בודק זיין איהר אייגענע נשמה.

דערווייל איז דער נצחון געקומען, און מיט איהם האָט זיך

ווייטער געעפענט אַ ים פון שנאה און קנאה — דער אַלטער ים. עס בושעוועט ווידער די כוואַליעס פון דעם דאָזיגען ים און עס איז דאָ אַ סכנה אַז זיי זאָלען פארפלייצען אָט די אַלע גוטע זאַכען, פאַר וועלכע אַמעריקאַ איז אריין אין קאַמף, אויב דאָס נייע לאַנד זאָל זיך ווידער ניט אריינמישען און רעטען אייראָפּאַ פון זיך אַליין.

אַמעריקאַ איז די איינציגע וואָס קען רעטען אייראָפּאַ. זי האָט זי געראַטעוועט אין קריג און זי קען זי רעטען אין שלום.

די איסט־סייד.

מיט א שטיקעל צייט צוריק האָב איך אין דער אידישער פּרעסע געלייענט דעם ענטפער, וואָס א גר האָט געגעבען אויף דער פראגע, ווארום ער וויל זיך מגייר זיין? און דער דאָזיגער ענטפער האָט אויף מיר געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק.

ער האָט געענטפערט אונגעפעהר אזוי:

„איך וואוין אויף דער איסט סייד פאר די לעצטע פאָר צעהנדליג יאָהר. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם לעבען פון דער אידישער באפעלקערונג, און איך בין געקומען צום שלוס, אז דאָס איז א הייליג פאָלק. אָרימע, דערשלאָגענע, צודריקטע און צ הויקערטע זיינען זיי געקומען אהער און פאר זיך אויס־געקליבען אן אָפּגעלאָזענע געגענד, וואָס איז געווען באזעצט מיט א האלב־ווילדער באפעלקערונג, און בלויז א פּאָר יאָהר זיינען אוועק, און די צודריקטע אידען האָבען זייערע רוקענס אויסגע־גלייכט, האָבען ווי מוראשקעס געגומען בויען שטילע, רוהיגע, געבענשטע נעסטען, האָבען א נייע לעבען געשאפען, נייע באשעפ־טיגונגען ענטדעקט; האָבען פון דעם ווינקעל, וואָס איז געווען דער שרעק פון שטאָדט, וואו מען האָט מורא געהאט דורכצוגעהן ביינאכט, וואו מען איז קיינמאל מיט דעם לעבען ניט געווען זיכער, געמאכט דאָס זיכערסטע פּלאַץ אין דער וועלט, דאָס לעבעדיגסטע און דאָס גייסטיגסטע; שטענדיג קאָכט דאָ מיט לעבען, עס שוימט און זידט.

און איך האָב זיך געפרעגט: פון וואנען איז דער וואונ־דער? ווי אזוי האָבען זיי דעם דאָזיגען נס אין אזא קורצער צייט געקענט באווייזען? דער לעבעדיגער איד, וואָס האָט גע־

שאפען די איסט־סייד, האט מיך אזוי פאראינטערעסירט, אז איך האב זיך גענומען שטודירען די אידישע ליטעראטור, און דער פועל־יוצא איז געווען, אז איך האב באשלאסען זיך מגייר צו זיין".

אין מיין זכרון האבען זיך איינגעקריצט די צוויי ווערטער: „דער לעבעדיגער איד" און „די איסט סייד". דער פרעמדער, דער ניי־אריינגעקומענער האט דא אנגעריהרט צוויי וויכטיגע פונקטען, וועלכע פילע פון אונזערע בעסטע פארזעהען. עס איז די אלטע געשיכטע: א גאסט קומט אויף א ווײַלע און זעהט מעהר ווי דער אייגענער איינגעזעסענער.

מיר זיינען געוואוינט צו רעדען פיל און מיט גרויס באגייס־טערונג וועגען די נביאים, מאקאבעער, תנאים און אמוראים, גאונים און משוררים פון אמאל, און אויך זעהר פיל וועגען דעם אידען אין דער צוקונפט, דעם אידען וועלכער וועט אויסוואקסען אונטער די נייע אומשטענדען, אין א נייער אטמאספערע. דאס איז אלץ זעהר שעהן און גוט. אבער איז טאקע ווירקליך דער איד פון היינט אזא אונווירדיג אייניקעל פון זיינע שעהנע על־טערען, אז עס איז גאר ניט כדאי אויף איהם זיך אפצושטעלען? לעבט דער איד פון היינט אין גאנצען מיט זכות אבות און אליין איז ער גארנישט ווערט, אליין האט ער גארנישט וואס אויפ־צואווייזען, גארניט וואס זאל בארעכטיגען זיין עקזיסטענץ? אויב ניט, טא ווארום פארשווייגען מיר אזוי דעם אידען פון היינט? דער אמת איז, אז ניט נאר פארשווייגען מיר איהם, נאר פילע און פילע אויך צווישען די נאציאנאלע אידען שעהמען זיך ממש מיט דעם אידען פון היינט. זיי געפינען אויף איהם א זכות, און ווען מען באליידיגט איהם האבען זיי אויך א גוט ווארט פאר איהם צו זאגען אין פארטיידיגונג: ער איז ניט שולדיג, די אומשטענדען זיינען שולדיג אין זיינע חסרונות. איז ער אבער ווירקליך אזוי שלעכט, אז מען מוז זיך מיט איהם שעהמען? דער אמת איז גאנץ אנדערש. דער איד פון היינט מיט אלע זיינע חסרונות און שאטען־זייטען איז נאך אלץ א שעהנע ערשיינונג, איז נאך אלץ „דאס זאלץ פון דער וועלט".

אויך דער איד פון היינט האָט אַ רעקאָרד אויפצואווייזען, מיט וועלכען ער קען שטאָלצירען. ער איז נאָך היינט אויך דער וואונדער פון דער וועלט. וואָס דער איד האָט אויפגעטאָן אין אַמעריקא איז, פשוט, פלאַי־פלאָים׳דיג. אין אזא קורצער צייט אזוי שטייגען! אין אזא קורצער צייט אזא שעהנעם נצחון גע־ווינען איבער די שווערע אומשטענדען! זעהר ווייניג איינגע־וואנדערטע האָבען באוויזען אזוי שנעל זיך קענען צופאַסען צו די אומשטענדען און צו דער זעלבער צייט אויך שאַפען נייע באדינגונגען, און אין פילע פאַלען ממש דיקטירען די אומשטענ־דען אין זיי בויגען לויט׳ן אייגענעם ווילען און שטרעבען. דאָס האָט באוויזען דער איד פון היינט, וועלכער האָט דאָ אין לאַנד גאָר ניט קיין קליינע ווירקונג, און וואָס זיין גייסט לאָזט זיך שטאַרק מערקען אין פילע אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס.

אויך וואָס דער איד פון היינט איז פעהיג, האָבען מיר געזעהן אַם קלאָרסטען אין צייט פון קריג. מיר האָבען דערזעהן, אַז דאָס אידישע פאָלק קען נאָך היינט ארויסשטעלען קדושים און העל־דען. מיר האָבען געהערט אין ענטציקונג און טיפער גייסטיגער פרייד וועגען דער האַלטונג פון די אידען אין רוסלאַנד אין דער צייט ווען דאָס גרויסע אונגליק האָט זיי געטראָפען. גאַנצע קהלות האָבען גענומען דעם וואַנדער־שטאָק און מקדש השם געווען און ניט איבערגעטראָטען דעם פרינציפּ פון אמת׳ער אידישקייט און עכטער מענשליכקייט.

מיר האָבען אַלע געהערט וועגען דער האַלטונג, למשל, פון דער אידישער קהלה אין קאָוונא, וועלכע האָט פאַרגעצויגען צו פאַרלאָזען האָב און גוטס און וואַנדערען איידער צו געבען ערבות, אַז זיי וועלען ניט זיין קיין פאַררעטער, וואָס זיי האָבען מיט רעכט באטראַכט פאַר אַ באַליידיגונג געגען זייער כבוד.

אזוי האָט געהאַנדעלט דער איד פון היינט, וועלכער איז באמת אַ ווירדיגער אייניקעל פון זיינע גרויסע עלטערען, מיט וועמען עס איז זיך לחלוטין ניטאָ וואָס צו שעהמען. פאַרקעהרט, עס איז דאָ גענוג אורזאַכע מיט איהם צו שטאָלצירען.

דאָס זעלבע איז ריכטיג וועגען דער איסט סייד.

מעגען אונזערע יענקים קוקען אויף דער איסט סייד ווי אויף א בייז וואונדער און געהן אהער, ווי זיי רופען עס, „סלאָ־מען“. די איסט סייד איז פאָרט דער שטאָלץ פון דער גרויסער שטאָדט ניו יאָרק. אדרבא, זאָל אימיצער אָנווייזען אַן אינטע־רעסאַנטערען קוואַרטאַל ווי די איסט סייד.

אין דער איסט סייד קאָכט שטענדיג מיט לעבען. זי איז אויסערליך ניט שעהן; עס איז אָנגעוואָרפען און אָנגעשמוצט. דאָס איז אמת. אָבער דאָס האָט דאָך מיט דעם הארץ פון דער איסט סייד ניט צו טאָן. עס לעבען די אידען צו ענג אין דעם קוואַרטאַל און דערפאַר איז דאָ שמוץ. דאָס אָבער קען מען דאָך גאַנץ לייכט אויסרייניגען. אינערליך לעבט אָבער די איסט סייד א רייך און ריין לעבען.

די איסט סייד איז א וועלט פאַר זיך, — א וועלט מיט אינטערעס, מיט גייסטיגען אויפטו, וואָס איז אין שטענדיגען פלוס. עס איז ניט קיין גהעטאָ, ווארים דער דאָזיגער קוואַרטאַל שטעהט אין נעהנטערע פאַרבינדונגען מיט דער גרויסער קולטור־וועלט ווי וועלכע עס איז אַנדערע געגענד אין אַמעריקא. די איסט סייד דענקט און האָט אייגענע מיינונגען, אייגענע איבער־צייגונגען, און האָט ניט מורא זיי אויסצודריקען, האָט ניט מורא מיט זיי שטאָלץ ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט, און איז גרייט צו ארבייטען פאַר איבערצייגונגען און צו ליידען פאַר זיי.

אויף דער איסט סייד ווערען אָפּגעהאַלטען מעהר מיטינגען ווי אין וועלכער אַנדערער געגענד — מיטינגען פון א גייסטיגען כאראַקטער. אין דער איסט סייד ווערט געלעזען מעהר ערנסטע ליטעראַטור ווי אומעדום. וועגען דעם האָבען שוין אַלע ביבליאָ־טעקען עדות געזאָגט. די איסט סייד איז אין אַלץ פאַראינטע־רעסירט — אין ליטעראַטור פון אַלערליי שאַטירונגען, פון אַלערליי פעלקער און לענדער; קיינע איז איהר גייסט ניט פרעמד. די איסט סייד האָט א שוואַכקייט פאַר דאָס סאַמע נייעסטע און מאָדערנסטע. אַלע נייע שולען האָבען אָנהענגער אויף דער

איסט סייד. די נייגירדע פון דער איסט סייד איז שטענדיג גערייצט און איז שטענדיג אויף דער יאגד: זי וויל לערנען, זי וויל וויסען, זי וויל שטודירען; אלץ וואָס איז מענשליך איז איהר נאָהענט צום הארץ. די איסט סייד האָט געזעלשאפטען פאר אלץ אין דער וועלט. זי איז אין אלץ פאראינטערעסירט.

זי שטודירט מוזיק; וואו א הויז, דאָרט א פיאנאָ אָדער אַן אנדער מוזיק־אינסטרומענט. די איסט סייד האָט ליב נגינה און לאָזט דארויף זיך פיל געלד קאָסטען.

אויב די איסט סייד שטעלט ארויס אזוי פיל ווירטואָזען און מוזיקאלישע וואונדער־קינדער איז דאָ א טעם דערביי. אויסער דעם, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז א מוזיקאליש באַגאבט פאָלק, לערענט עס אויך פיל מוזיק, איז עס גרייט צו אָפּפערען פיל פאר דער דאָזיגער קונסט.

די איסט סייד איז באוועגליך און געזעלשאפטליך. זי איז נים גלייכגילטיג צו קיין געזעלשאפטליכער פראגע. ביי איהר איז א קעמפיין א פאסירונג. זי קאָכט זיך וועגען דעם און רעש'ט זיך. עס בילדען זיך צדדים אויסער די אלטע פארטייען. די איסט סייד שטרענגט אָן ביי דער געלעגענהייט איהר געהירן און נעהמט א שטעלונג. זי ארגומענטירט מיט זיך און ארגומענטירט מיט אנדערע. זי קען ארגומענטירען; זי פיהלט זיך אין דעם ווי א פיש אין וואסער.

די איסט סייד איז אין שטענדיגער באוועגונג. האלט שטענדיג דעם אויער צום באָדען און איז גרייט אויף אלעם צו רעאַגירען. די איסט סייד קען זיך אויך באגייסטערען, ווייל זי איז אידעאליסטיש און סענטימענטאל, און ווען זי איז באגייסטערט פאר עפּעס שטעהט זי גרייט מיט דער קעשענע צו העלפען נאָך מעהר ווי זי קען.

דאָך קען מען זעהר ווייניג די איסט סייד פון דער גוטער זייט. אפילו מיר אליין קענען זי זעהר ווייניג.

אונזערע שריפטשטעלער און קינסטלער גיבען אונז נאָר ביל־

דער פון דער אַלטער היים, און אַט די נייע היים באַמערקען זיי גאָרניט.

דער גר האָט זי באַמערקט, און זי האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויף דעם געדאַנק צו ווערען אַן אַנדערער, אַנצושליסען זיך אַלס מיטגליד אָן דעם אידישען פאָלק.

אונזערע קינסטלער זעהען ניט די איסט סייד. איינינגע קינסטלער האָבען אונז געגעבען אַ פּאָר מאָגערע סקיצען וועגען דעם שניידער־לעבען, אַ פּאָר רמזים וועגען איינצעלנע טראַגע־דיעס וואָס שפּילען זיך אָפּ אין די טענעמענט־הייזער. די איסט סייד אָבער מיט איהר גרוים הארץ, מיט איהרע טויזענדע קאָ־לירען, מיט איהרע כל־המינים באַוועגונגען און אינטערעסען האָט אונז נאָך דערווייל קיינער ניט געגעבען. זי וואַרט נאָך אויף איהר קינסטלער.

און דאָך איז זי אפשר די שעהנסטע שאַפונג, וואָס דער איד פון היינט האָט דאָ געשאַפען אין דער נייער וועלט.

די איסט סייד איז אידעאַליסטיש. ווען זי איז פאַר אַן אידעע, איז זי דערפאַר מיט אַלע אברים און מיט דער גאַנצער נשמה. אזוי איז די איסט סייד. זי קען ניט יוצא זיין מיט נאָכקמען פליכטען. זי מוז האַנדלען „לפנים משורת הדין", זי האָט ליב די גאַנצע נשמה אין איהרע איבערציינגונגען אַריינצו־לעגען.

אזוי איז זי, די איסט סייד. זי קען ניט ארבייטען פאַר־מעל, זי מוז זיין איבערציינגט, — אַט די אָפּט פארשפּאָטע און נאָך עפּטער ניט פארשטאַנענע איסט סייד.

דער קוואַל פון יוגענד.

פון אַלע שעהנע קינדער־מעשה׳לאַך, וואָס איך האָב מיין שטיף־פאָטער געהערט דערצעהלען, האָט מיך אַם שטאַרקסטען אינטערעסירט די מעשה מכח דער שטאָדט לוז, וואו מענשען לעבען אייביג, אויב זיי ווילען.

אָבער אַ פּנים ניט אַלע מענשען ווילען עס. עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע, — האָט מיך מיין פעטער פאַרזיכערט, — וועלכע האָבען געלעבט און געלעבט, זאָגען מיר, מתושלח׳ס יאָהרען, זיינען געוואָרען גרוי און אַלט, שוין אַלץ געזעהן און אַלץ געהערט, געזעהן עס טויזענדער מאָל, ביז עס האָט זיך שוין ממש צוגעגעסען: מען לעבט ווייטער, מ׳שטעהט אויף און ווייטער די זעלבע זון און די זעלבע הימלען און די זעלבע שטערען. זיינען זיי מיד פון לעבען. גענוג, וויפיל איז דער שיעור? איז פאַראַן אין לוז ביים טויער אַזא גרויסער שטיין, — דער שטיין פון טויט הייסט ער, — איז אַז איינער וויל שטאַרבען, געהט ער צו צום טויער און שטעלט זיך אַוועק ביים שטיין און בעט ביי גאָט ער זאָל ביי איהם זיין נשמה צוריקנעהמען, און נאכדעם ווען ער זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן שטיין, ווערט ער אנשלאָפען און הויכט אין שלאָף אויס די נשמה. גאָט אַליין נעהמט זי, כביכול צו מיט אַ קוש.

און ניט איין מאָל טרעפט מען אויפ׳ן שטיין זיצען אַ חשוב׳ען לוז׳ער בעל־הבית, וואָס איז מיד געוואָרען פון לעבען און האָט אויף זיך דעם טויט געבעטען און אויף דעם שטיין זיך געזעצט און מיט דעם לעבען זיך געשיידט, אויף אייביג זיך געשיידט.

א לאנגע צייט האב איך ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי עס קען גאר מעגליך זיין, אז א מענש זאל וועלען שטארבען. אז די מעשה איז אמת האב איך איין מינוט ניט געצווייפעלט. איך האב געגלויבט, אז עס איז געווים פאראן אזא שטאדט ווי לוז, וואו מענשען לעבען אייביג. עס זאל דאך כאטש איין שטאדט אזעלכע זיין אויף דער וועלט, וואו מענשען זאלען ניט דארפען ליידען פאר דעם חטא פון אדם הראשון, א זאך וועלכע איז מיר שטענדיג אויסגעקומען פריקרע און אונגערעכט, — האב איך געטראכט. ווען אדם איז געווען א נאשער און האט גענעסען פון די שעהנע פרות, טא וואס זיינען מיר שולדיג? ווארום האט מיין ברודער׳ל שמשון געדארפט שטארבען? עס איז דעריבער גוט וואס גאט האט געלאזט כאטש איין שטאדט, וואו מענשען דארפען ניט מורא האבען פאר דעם מלאך המות. ווער וויים, האב איך געקלערט, מעגליך, אז איך וועל אמאל זיך אליין אריינכאפען אין דער שטאדט לוז. ווארום ניט? איז דאך געווען א מעשה מיט דעם אור החיים, וועלכער האט פאר־בלאנדזשעט און איז געקומען אזש בין דעם נהר סמבטיון, דארט וואו עס וואוינען די רויטע אידלאך. איז געקומען א רויט אידעל, וועלכער איז געווען גרויס ווי א ריז, אלע רויטע אידלאך זיינען ווי די ריזען, און האט גענומען דעם אור החיים, ווי ער שטעהט און געהט און איהם אריינגעלייגט אין א קעשענע און איהם אריבערגעבראכט אויף יענער זייט סמבטיון און איהם מיטגענו־מען אין שוהל פון די רויטע אידלאך, וואו מען האט איהם, דעם אור החיים, הייסט עס, ארויפגעשטעלט אויף דעם פענסטער און אלע זיינען געקומען איהם זעהן אויף וואונדער. אויב אזוי, איז עס דאך גאנץ מעגליך, אז איך זאל זיך פארשלעפען אמאל צו דער שטאדט לוז, אנקומען צום טויער, און מיך זאל דערזעהן א לוז׳ער איד, און אויסשטרעקען זיין לאנגע האנד — לוזער אידען זיינען געווים ריזען -- און מיך אריינגעהמען אין לוז און איך וועל דארט אייביג לעבען. עס קען געווים זיין. אבער איין זאך האט מיך זעהר באאונרוהיגט : ווארום זאלען מענשען פלוצלונג

צוגעהן צו דעם שטיין און נאָך בעטען גאָט, אז ער זאָל ביי זיי צונעהמען די נשמה? ווי קען מען עס מיד ווערען פון לעבען?

עס איז אמאָליגע קינדערשע מעשיות, אָבער זיי הערען ניט אויף אינטערעסירען דעם מענשען, אפילו ווען ער ווערט אוים קינד. פארקעהרט, וואָס עלטער, אלץ מעהר פאראינטערעסירט זיך דער מענש אין געשיכטעס פון דעם מין. איך פארשטעה אָבער איצט בעסער ווי אזוי מענשען קענען מיד ווערען פון לעבען. ווען מען איז אַלט, פארלירט מען דעם גאנצען טעם אין לעבען. ווייל ווען מען איז אַלט, שטארק אַלט, לעבט מען באמת ניט מעהר. אַלט איז קאַלט. מען דרעהט זיך ארום אויף א פרעמדער וועלט. די טונקעלע אויגען זעהען צו ווי יונגע מענשען לעבען אין דאָס הארץ ווערט צוריסען אויף שטיקער פון קנאה. מען זעהט ווי מענשען ברענען אין דעם אַלקאָהאָל פון ליידענשאפט, ווי עס זינגט צוהיצטער ווייִן אין זייערע אָדערען, און דער זכרון פּלאָגט. עס געדענקט דער אַלטער וואָס פאר א תענוג עס איז געווען דאָס לעבען אין דער יוגענד און עס בענקט זיך איהם נאָך אָט דער צייט ווען די פיס האָבען געטאנצט פון זיך, ווען אַלע מוסקולען האָבען זיך שטיל אָנגעצויגען צום אויסשיסען, ווען א ליד האָט זיך ארויסגעריסען פון זיך פון א פרעהליך הארץ, ווען די זון האָט איהם אקעגען געלאכט און עס איז איהם געווען ענג אין ברוסט פון אָן איבערפלוס פון געפיהלען און די לבנה האָט איהם פאר'כשופ'ט און ער האָט פאר זיך און פאר זיין געליבטער ערגעץ־וואו א שטיל פּלאַץ געזוכט צו קענען הערען די שטימע פון דעם רוישענדען בלוט. וואָס טוט דער אַלטער מענש אויף דער חתונה? פאָרלאָך טאנצען, אויגען בליצען, האנד צו האנד, באַק צו באַק, די מוזיק בארוישט, עס איז ווארים אין יעדען גליד, און ער דרעהט זיך ארום ווי א שאָטען, א זעקעל ביינער מיט הויט צונויפגעצויגען, אָן איבער־ריגער. וואָס טויג דען דאָס לעבען? ניט אייביג לעבען וויל דער מענש, נאָר יונג זיין.

איך געדענק אין דעם הויז וואו איך האָב געוואוינט אין מיין

קינדהייט האָט זיך געפּינען אַן אַלטע אידענע. זי האָט געוואוי־
גען אפשר גאַנצע פופציג פונט — אַ סקעלעט. ווען זי האָט
גערעדט, האָט זיך אויסגעוויזען ווי זי זעגט די ווערטער מיט
איהר שאַרפען, שפּיציגען קיהן־באַק. די הענד — צוויי ביינער,
באַבא־יאַגאַ׳דיגע. זי האָט אַנגעוואָרפען אַ פּחד ווען זי איז נאָר
אריין אין הויז. אַ מת פון קבר. זי פלעגט ניט געהן נאָר
שלייכען זיך ווי אַ שאָטען. פילע מאָל פלעגט זי אויף אונז
יונגע אַ קוק טאָן, ווען מיר האָבען געלאַכט און געשטיפּט און
הנאה געהאַט פון אונזערע אייגענע נארישקייטען, פלעגט אונז
קאַלט ווערען אין יעדען אבר. אין דעם בליק איז געווען קעלט,
פּאַרדרוס, גרינע קנאה און קאָמפּלאַזיגקייט. זי האָט ניט איין
מאָל געזאָגט, אַז זי וואָלט בעסער ווען שטאַרבען, כאָטש זי איז
ניט געווען קראַנק. אָבער דאָס לעבענס־פייער איז מעהר ניט
געווען. עס האָט געפעהלט דער כח און די לוסט הנאה צו
האָבען פון דעם לעבען.

עס איז, אַלזאָ, ניט וויכטיג צו לעבען לאַנג. פיל וויכטיגער
איז צו לעבען יונג. מעהר ווי דעם עץ החיים זוכט דער מענש
דעם קוואַל פון יוגענד. עס ווילט זיך שטענדיג יונג בלייבען.
די צווייטע יוגענד וואָלט נאָך זיין אינטערעסאַנטער ווי די
ערשטע. אין דער ערשטער שפּילט מען זיך מיט פייער און ניט
האָבענדיג קיין ערפאַהרונג בריהט מען זיך אויף אָפּ. אין דער
צווייטער שפּילט מען זיך מיט פייער און מען בריהט זיך ניט
אָפּ. אין דער צווייטער יוגענד, וועלכע וואָלט אריינגעגן מען אין
זיך די ערפאַהרונג פון דער ערשטער, וואָלט דער מענש פיל מעהר
געקענט הנאה האָבען אפילו ווי אין דער ערשטער. דער ברען,
די קראַפט און די ליידענשאַפט וואָלטען געווען די זעלבע, אָבער
דער זכרון וואָלט געווען אַן אַנדערער, דער הינטער־גרונד אַ
רייכערער, די ערפאַהרונג אַ פיל גרעסערע.

ווען מען לעבט לאַנג יונג, דעמאָלט וואָלט דאָס לעבען דאָך
לאַנג ניט געווען. די יוגענד עסט זיך ניט צו. ווען מען איז
יונג איז לעבען אַ שפּיל. עס קומט אַלץ ספּאָנטאַן, קוועלט פון

זיך, פריי און שפּילענדיג, און עס ווילט זיך לעבען.

דאָס וויכטיגסטע פּראָבלעם דאַרף דאָרום זיין: געפינען דעם קוואַל פון יוגענד. אָבער עס איז גוט צו וויסען, אַז אונזערע וויסענשאַפטסלייט זיינען באַלד אויף דעם שפּור פון דעם קוואַל.

יוגענד און פריהלינג, זון און ליידענשאַפט. אַ סוף צום ווינטער און שנעע, וועלקונג און מוטלאָזיגקייט. אַ סוף צו אַלטקייטס־קנאה. עס וועלען זיין אויף דער וועלט ערפאַהרענע און ניט ערפאַהרענע מענשען, עס וועלען זיין יונגע און עלטערע אָבער ניט קיין אַלטע. וויפיל דעם מענשען איז באַשערט צו לעבען זאָל ער לעבען, אָבער ער זאָל קיין מאָל ניט אַלט זיין. קיין מאָל זאָל ער ניט דאַרפען לעבען בלויז אויף דעם בית־עולם פון זיינע אַלטע פאַרגעניגענס און ניט בכח זיין מעהר הנאה צו האָבען פון דער שעהנקייט און דעם רייכען טיש פון לעבען. ביז אַ יף דעם לעצטען טאָג זאָל דער מענש יונג זיין אין אַלע זיינע חושים און געניסען דאָס לעבען, איינזויגען אין זיך אַלע זיינע זאַפטען, ביז דעם לעצטען אָטעמציה.

ווערטער און זייער באַדייטונג.

יעדער דור מיט זיינע ווערטלאך, מיט זיינע ספּעציפישע אויסדרוקען. די ערפינדונגען, די וויכטיגע געשעהענישען און נים ווענינער די וויכטיגע פילאָזאָפישע טעאָריעס פון יעדער צייט לאָזען זייער רושם אויף דער שפּראַך, וועבען אין איהר געוועב אריין זייערע ווערטער־שפּריכלאך און מימרות, וועלכע זיינען עדות פאַר די שפּעטערדיגע דורות וואָס מענשען האָבען צו איין צייט איבערגעלעבט, איבערגעלימען, דורכגעבלוטעט, דערגרייכט, דערטראַכט זיך; עדות אויף זייערע נצחונות און מפּלות, אויף זייערע חלומות און פּתרון, זייער אָנשטרענגונג צו עפענען די פאַרמאַכטע טויערען צום הימעל, אַרונטערצורייסען דעם דיקען סוד־שלייער, וואָס הילט איין דאָס לעבען.

דער גרויסער עולם, וואָס באַנוצט זיך מיט די דאָזיגע ווערטלאך, איז געהנליך צו יענעם העלד ביי מאָליער. יענער ווייס נים, אַז ער האָט אַ גאַנץ לעבען גערעדט פּראָזאַ, און דער עולם ווייס נים, אַז ער רעדט ריינע פילאָסאָפיע און וויסענשאַפט, אָבער ער רעדט עס סיי ווי סיי.

די גרויסע ווירקונג פון וויכטיגע ווערק און טעאָריען איז באמת פיל גרעסער ווי מען איז געוואוינט צו מיינען. זייער ווירקונג איז נים באַגרענעצט צו דעם קליינעם קרייז, וואָס לייענט די ספרים אָדער שטודירט די טעאָריען. עס געהט פיל ווייטער. די עסענציע פון יעדער טעאָריע דערגרייכט די ברייטע מאַסען דורך די געוועהנליכע שפּראַך־קאַנאַלען, דורך די ווערטלאך און אויסדרוקען, מימרות און לאָזונגען. די ברייטע מאַסען דערפיהלען, ווען אפילו זיי פאַרשטעהען נים גאַנץ קלאָר, דעם גאַנצען אינהאַלט פון אַ טעאָריע, פון אַ פילאָזאָפיע דורך די

דאָזיגע ווערטלאַך און באַנוצען זיך נאָכדעם מיט די אמת'ען אין זייער לעבען א נבאמערקט פאר זיך אליין. וואָס רייכער אַ פאָלק איז אין ערפאהרונגען, אין איבערלעבונגען, אין זכרונות, וואָס רייכער עס איז אין געניאַלע כחות און כשרונות, אַלץ רייכער איז זיין שפּראַך, אַלץ מעהר געפינט מען אין איהר אויס־דרוקען, וועלכע טראָגען פאר'חתמ'עט אין זיך הויכע קולטורעלע אמת'ן, וועלכע ווידער־קול'ען דעם מענשליכען קאַמף צו דער־קענען זיין שעפער, זיך אליין; אַלץ רייכער זיינען זיינע שפּראַך־אוצרות, וועלכע האַלטען אין זיך פארבאָרגען גרויסע מענשליכע ווערטען, צו וועלכע ער איז געקומען נאָך שווערער אָנשטרענגונג און זוכען.

אין דער צייט ווען באָקל'ס ווערק זיינען ערשינען, האָט דער עולם פיעל גערעדט וועגען דער סביבה, און שפּעטער, ווען טאַנ'ס ווערק האָבען זיך באוויזען — פון מיליע.

צו ערשט האָט מען יעדע ערשיינונג געזוכט צו ערקלערען מיט דער סביבה, אין וועלכער דאָס פאָלק אָדער דער מענש לעבט. אויב דאָס פאָלק האָט געהאַנדעלט אַזוי און ניט אַנדערש, איז עס דערפאַר ווייל עס לעבט אין אַזאַ סביבה און ניט אין קיין אַנדערע. דער מענש איז אַ קינד פון זיין סביבה. זי, די סביבה, פאָרמירט זיין מענטאַליטעט; זי אַרבייט אויס זיינע חושים, זיין וועלט־אַנשויאונג; זי היצט זיין בלוט, זי ציהט אָן זיינע נערוועז. די מענשען אין וואַרימע לענדער האַנדלען אַנ־דערש ווי די אין די קאַלטע. די וואָס שפּייזען זיך מיט רייז האָבען אַן אַנדער פּסיכאָלאָגיע ווי די וואָס עסען קאָרן־ברויט אָדער פיל פלייש. די פעלקער, וועלכע זיינען געבוירען געוואָרען אין מדבר, אָדער אויפ'ן ראַנד פון מדבר, האָבען אין זייער שכל אַ טייל פון יענער איינטאָניגקייט, מיט וועלכער די וויסטע צייכענט זיך אויס. יענע פעלקער קוקען מעהר אריין אין זיך ווי ארום זיך, שטודירען מעהר זייער אייגענע נאַטור איידער די נאַטור אויסער זיך, זיינען מעהר ליריש איידער פּלאַסטיש אין דער קונסט, זוכען דעם גאָט אויסער דער נאַטור

איידער ווי אין איהר, זיינען מעהר פאַראינטערעסירט אין דעם מענשען, אין זיין פסיכיק, איידער ווי אין די געזעצען פון דער נאַטור, און זיי שאַפען דאַרום על פי רוב אויף דעם געביט פון נבואה, מוזיק און פילאָזאָפיע, וואָס זוכט צו פאַרטייטשען די וועלט און איהרע ערשיינונגען לויט דעם אינערליכען ליכט, און שאַפען זעהר ווייניג אויף דעם געביט פון וויסענשאַפט און פלאַסטישע קונסט, וואָס איז באַגרינדעט אויף גענויער באָאַבאַכטונג פון די געזעצען פון דער נאַטור און איהרע ערשיינונגען. אַלץ הענגט, בכן, אָפּ פון דער סביבה.

פון אָנפאַנג האָט מען מיט דעם וואָרט סביבה געמיינט פּראָסט ממש — די שטומע נאַטור, אָבער ניט די געזעלשאַפט און איהרע נאָרמען, ניט די עקאָנאָמיק, וועלכע דער מענש האָט אין זיין קאַמף מיט דער נאַטור געשאַפען, וואָס איז געוואָרען אַ כח פאַר זיך און וואָס האָט איהר השפּעה אויף דעם מענשען צו גוטען אָדער צו שלעכטען. נאַכדעם איז צום וואָרט „סביבה" צוגעקומען דאָס וואָרט „מיליע". דאָס וואָרט „מיליע" האָט שוין געמיינט פיעל מעהר ווי די געאָגראַפיע — די בערג און די טאָלען, די פרוכטבאַרקייט און אונפרוכטבאַרקייט פון אַ געוויסער געגענד אָדער מדינה; פיל מעהר ווי דער קלימאַט, היץ אָדער קעלט, רעגען אָדער שנעע, צו עס וואַקסען הויכע טענענבוימער, הויכע פּאַלמעס אָדער דינע סאָסנעס און דיקע דעמבעס. „מיליע" האָט שוין געהאַט מעהר צו טאָן מיט דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָנגעקליבען געוויסע טראַדיציעס, וועלכע פיהרט זיך אויף אַ געוויסער אַרט, וועלכע לעבט אונטער אַ געוויסען עקאָנאָמישען רעזשים.

דער אונטערשייד פון דעם ערשטען וואָרט ביז דעם צווייטען איז אין אמת'ן אַן אונטערשייד אין אויפפאַסונג, אַן אַנדער לעבענס־אַנשויאונג. „סביבה" האָט געצאָהלט צינז צו דער טויטער נאַטור. „מיליע" האָט שוין דערמאָנט אָן דער לעבעדיגער נאַטור פון דעם מענשען, וועלכער פון זיין זייט ענטפערט

אויף זיין לעבעדיגען שטייגער צו דעם רוף פון דער טויטער נאַטור.

מיליע האָט ניט אָפּגעלייקענט די וואַרהייט וועלכע איז איינגעשלאָסען אין דעם וואָרט סביבה, זי איז עס גרייט אנצו־ערקענען, אָבער איז נאָך דאַצו עפּעס מוסיף.

נעמען מיר, צום ביישפּיעל, אָן אַז די מדבר־סביבה האָט ארויסגערופען דעם חשק פון מענשען צו מוזיק, כדי צו פאַר־ווייַלען זיין איינזאמקייט, כדי אויסצודריקען זיין הייליגען פּחד פאַר די מדבר שרעקען, פאַר די מורא'דיגע הימלען, דאַרף מען אָבער אויך נעהמען אין אנבעטראַכט אַז נאכדעם ווי ער האָט זיינע מוזיק אינסטרומענטען ערפונדען, און אויף זיי גענומען שפּילען, האָבען זיי גענומען פון זייער זייט אויסאיבען אַן איינפלוס אויף איהם, דעם מדבר־מענשען. פאַרבריינגענדיג מיט דעם פייפעל אָדער פידעל קען זיין, אַז זיין אומעט און איינזאַמ־קייט געפיל איז דורכדעם פיל אָפּגעשוואַכט געוואָרען און ער האָט אין דער ניי געשאַפענער אומעטיגער שטימונג געקענט מעהר זעהן אָדער אַנדערש זעהן ווי פריהער.

ווען באָקעל האָט גערעדט פון דער סביבה האָט ער דעם אמת ניט געזעהן בשעת היפּאָליט טאַן, וועלכער האָט גערעדט פון דער מיליע, האָט עס שוין יאָ געזעהן.

דער גרויסער ברייטער עולם, וועלכער האָט צוערשט גערעט סביבה — און רעדט נאָך עד היום פון סביבה — און שפּעטער פון מיליע, האָט אויפגענומען אין זיין שפּראַך ביידע אמת'ן, ניט געגעבען קיין פאָרצוג צו איינעם פון זיי, ווייל עס ליגט אין יעדער פון זיי בלויז אַ שטיק אמת, אָבער ניט דער גאַנצער.

שפּעטער האָט דער עולם גענומען רעדען פון עקאָנאָמישע געזעצען און פון סטיכישען פּראָצעס און היינט אויך, ווען איהר קומט זיך צונויף מיט די סאַמע פּש ט'סטע מענשען, ועט איהר הערען ווי אַזוי זיי נעמען ערקלערען דעם אונטערשייד אין די האַנדלונגען פון געוויסע קלאַסען און גרופּען מיט די עקאָנאָמישע געזעצען. זיי האָבען קאַרל מאַרקס אין די אויגען

ניט אַנגעקוקט, און זיי ווייסען ניט אז זיי רעדען בלשון מאַרקס. אָבער זיי רעדען דאָך אין זיין גייסט.

עס איז קיין ספק ניט, אז אויך אין דער טעאָריע איז פאַראַן אַ שטיק אמת. די מאַשין וועלכע דער מענש האָט געשאַפען, ווירקט שפעטער ניט ווייניג אויף דעמזעלבען מענשען און באַאיינפלוסט ביז אַ געוויסען גראַד זיין אַרט דענקען און פיהלען.

אָבער נאָר ביז אַ געוויסען גראַד. ביי קאַרל מאַרקס'ען איז עס אָבער דער עיקר. דאָס איז דער שוואַכסטער פונקט פון זיין טעאָריע. זי פירט צו אַ סך ווי־ערשפּרוכען, וועלכע ווערען פאַרענטפערט בלויז דורך דיאַלעקטישע דריידלאַך.

ווען איך בין לעצטענס געווען אין אייראָפּא האָב איך, למשל, באַמערקט ווי אַפּט דער עולם באַנוצט זיך מיט די ווערטער „מענטאַליטעט" און „רעאַקציע". ניט ווילענדיג וואַרפען זיך אייך די ווערטער אין די אויערען, ווייל זיי ווערען געברויכט זעהר אָפט, אָביסעל צו אָפט. איהר זעהט ווי מענשען זוכען צו ערקלעהרען פילע פאַרשיידענע ערשיינונגען מיט די דאָזיגע ווערטער, ניט אָפּגעבענדיג זיך מעהר קיין חשבון וועגען זייער אינהאַלט. און אייך ווערט גלייך קלאָר אז די ווערטער זיינען געוואָרען דאָס גייסטיגע אייגענטום פון אייראָפּא, זיינען אריין אין איהר בלוט און פלייש. וואָס דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אז אונזער דור, טראָץ די אַלע עקאָנאָמישע טעאָריען, וועלכע פאַרנעהמען כלומרשט דעם אויבען־אָן פון זיין לעבען און שטרעבען, שטעהט באמת אונטער דעם צייכען פון נייע פּסיכאָלאָגישע תורות, וועלכע זיינען אונז געגעבען געוואָרען דורך די אידען בערגסאָן און פרויד, יעדערער אויף זיין אופן.

עס הייסט אזוי: אויב איהר פאַרשטעהט ניט אַ געוויסע שטה, אויב איהר קענט ניט מסכים זיין מיט אַ געוויסער טענדענץ, מיט אַ געוויסער פּאָליטיק, איז עס דערפאַר ווייל אייער מענטאַליטעט איז אַנדערש. אויב דייטשלאַנד, למשל, איז אין מחלקת מיט פראַנקרייך, אויב אַמעריקע קען ניט אין אַלעם נאָכגעהן אייראָפּא, איז עס ניט הויפּטזעכליך דערפאַר ווייל יעדע

פון זיי לעבט אין אַ באַזונדער עקאָנאָמישער סביבה, ווייל יעדע פון זיי האָט פאַרשיידענע עקאָנאָמישע אינטערעסען, נאָר ניט ווייניג דערפאַר ווייל יעדע פון זיי האָט איהר אייגענע מענטאַליטעט, און האָבענדיג אַן אַנדער סאָרט תפיסה און אַן אַנדער אופן ווי צוצוטרעטען צו יעדער פראַגע, איז די רעאַקציע ביי יעדער פון זיי אַ פאַרשיידענע. די זעלבע ערשיינונג ווערט פון יעדער פון זיי אַנדערש אויפגענומען, ווייל די זעלבע ערשיינונג זעהט אַנדערש אויס, לויט דעם פּריזם, דורך וועלכער מ'זעהט איהר. אַ וואַסער־כוואַליע אין שאָטען פון בוימער איז אַנדערש פון דער כוואַליע, וועלכע ברעכט זיך אין דעם ליכט פון דער זון. איינע זעהט אויס דונקעל־גרין און די אַנדערע לייכט מיט זיבען קאָלירען פון רעגענבויגען. די זעלבע כוואַליע, אָבער אין אַן אַנדער ליכט, און עס איז שוין ממילא אויך אַן אַנדער כוואַליע. די ווירקונג פון איינער אויף דעם מענשען איז ממילא ניט גלייך צו דער ווירקונג פון דער אַנדערער. בשעת איינע רופט ארויס פרייד און דערמאָנט אייך אַן קאַמף און לעבען, רופט אין אייך די אַנדערע ארויס טרויעריגע געדאַנקען און דערמאָנט אייך ניט ווילענדיג אַן עפּעס שטעהענדיגעס, פאַרגליווערטעס, פאַר'חלום'ט־א נבאַוועגליכעס, עפּעס עהנליך צו דער נירוואַנאַ. די רעאַקציע איז געווען אַן אַנדערע. דאָסזעלבע אין לעבען. די רעאַקציע העננגט אָפּ פון דער מענטאַליטעט, וואָס איז דער פּריזם, אונטער וועלכער יעדע ערשיינונג ווערט אויפגענומען, די כלי, אין וועלכער יעדער געשעהעניש ווערט אריינגעגאָסען.

די מאַסע, נאַטירליך, ווייס ניט דאָס אַלעס אויף קלאָר. ווען די ביהן, וואָס כאַפּט דעם נעקטאַר ווי זי געפינט איהם און ארבייט אויס איהר אייגענעם האָניג, אַזוי נעהמט די מאַסע אויף אַלע אמת'ען און באַנוצט זיך מיט זיי פריי אין איהר שפּראַך.

נסים.

עס איז די טענדענץ פון דער היינטיגער צייט ניט צו ווע־לען צוגעבען אז עס געשעהען נסים. „ניטא היינט מעהר קיין נסים", הערט איהר באמערקען מיט דעם טראפ אויף דעם היינט. דער היינט, הייסט עס, איז אנדערש פון דעם נעכטען, אמאל זיינען אפשר די הימלען געווען אפען, איז דער ליבער פאטער געווען אינטימער מיט זיינע קינדער אויף דער וועלט, און האט אמאל עפעס געטאן פאר זיי שלא כדרך הטבע, געוויזען זיי נסים, אבער ניט איצט מעהר. דער הימעל איז פעסט פארמאכט אויף שלאס און ריגעל, און די וועלט דרעהט זיך אויף איהר אקס טאג איין טאג אויס, אין די זון שיינט אויף און די זון פארגעהט און קיין נייע זאך געשעהט ניט.

„אלע סמנים זיינען אוועק, נאר דער סימן דלות איז גע־בליבען". דאס איז אויך א פארשפרייט ווערטעל, וואס וויזט ווייטער דאס אייגענע. דער היינט איז אנדערש. ניטא היינט מעהר קיין סמנים, קיין איבערנאטירליכע געשעהענישען, עס זיי־נען איבערגעהאקט געווארען די פארבינדונגען צווישען די העכערע וועלטען און אונזער וועלט, צווישען די גייסטער און דעם מענשען. די שכינה וואס פלעגט אמאל שוועבען אויף א הייליג ארט, רוהען אויף א צדיק, האט פארלאזט די זינדיגע ערד, זיך הויך אין די הימלען אויפגעהויבען און זיך דארט פארבארגען, און וויל גאר ניט האבען צו טאן מיט די היינטיגע אפיקורסים, מיט די קטני אמונה, וואס צעהלען אלץ און מעסטען, אין וואס ווען אפילו זיי זעהען א גייסט, גלויבען זיי זייערע אויגען ניט, און נעהמען פון

איהם בילדער אראָפּ און שטעלען אויף איהם אַן מיקראָסקאָפּען און טאַפּען איהם ביים דפק.

עס איז א ניכטערע וועלט, אלץ געהט זיך כדרך הטבע, ניטאָ קיין נסים, קיין אַנצוהערענישען, קיין סמנים, קיין רמזים, אלץ איז ט"ב און שטום ארום, און דאָך, ווען א מענש וואָלט ארום זיך אביסעל מעהר קוקען, וואָלט ער באמערקען פיעלע נסים וואָס טרעפען מיט איהם אליין, וואָס טרעפען מיט זיינע נעהענטע, מיט זיינע קינדער.

בלויז די מוטערס זאָגען נאָך איצט היינט, אז מלאכים היטען אויס זייערע קינדער פון די אלע סכנות אין וועלכע זיי געפינען זיך יעדען טאָג, יעדע שעה אין טאָג. אפנים אז די מאַמעס, וואָס האָבען ליעב זייערע קינדער און וואכען איבער זיי מיט זיעבען אויגען, זעהען על פי הכרח וויפיעל נסים עס געשעהען מיט זייערע ליעבע און טייערע און זיי רעדען דארום פון מלאכים. ווארום, אָט פאלט א קינד, ראפּטאָם, מיט אמאָל, וואָלט עס, חלילה פאלען אויף דעם קאָפּ, וואָלט עס געטויטעט געוואָרען גלייך אויף דעם שטעל אָדער לכל הפחות זיך שטארק געשעדיגט, אין אפילו ווען ניט אויף דעם קאָפּ, וואָלט דער קלאָפּ געדארפט לאָזען דעם קינד אַן ערנסטען מום, און דאָך, ווען די מאַמע לויפט צו אָהן אַן אָטהעם צום פּלאץ, וואו דאָס קינד איז געפאלען און האָט אפילו מורא א קוק צו טאָן דערויף פאר שרעק, הויבט זיך גאָר דאָס קינד אליין אויף, קוקט ארום זיך רוהיג ווי ניט דאָס מיינט מען איהם, אין עס איז גאנץ מיט אלע אברים, גלייך ווי עס האָט גאָר ניט געטראָפען.

די מאַמע קאָן די געשעהעניש על פי דרך הטבע ניט ער־קלערען: כטייטש אזא קלאָפּ, אזא פאל! ניט אנדערש אז א מלאך האָט אונטערגעשטעלט זיינע הענט און דאָס קינד דערכאַפּט אין צייט און עס מציל געוועז פון א גרייטען אינגליק.

אָדער עס טרעפט אזוי אָפּט און דאָס אינגעל גיט א שפּרונג, נאָך איין האָר בלויז און עס וואָלט אריינגעפאלען אין קעלער, אין גרוב, און געקענט קריגען רסוק אברים. די מאַמע, וואָס זעהט עס,

גיט אַ געשריי ניט מיט איהר קול, די אַנדערע הויז־מענשען בלייבען שטעהן פארגליווערט: וואָס וועט דאָ זיין? אַ האָר צווישען איהם און אַ זיכערען טויט, לסוף שפּרינגט דאָס אינגעל אריבער בשלום און ווייס גאָרניט אַז עס איז געווען אין סכנה.

די מאַמע, וואָס זעהט עס צו, קומט צום שלום, אַז נאָר אַ גוטער מלאך האָט דאָס קינד געראַטעוועט, איז מיט איהם אריבערגע־שפּרונגען. די מאַמע וואָס זעהט די פאַלען אַזוי אָפט, וויל ניט אָננעהמען די געוויינליכע ערקלערונג, אַז עס איז אַ גליקליכער צופאַל, אַ מאָדנער צוזאַמענטרעף. עפּעס טרעפען די גליקען שוין צו אָפט און עפּעס איז עס שוין אביסעל צו מאָדנע.

אַזוי ווייט די מוטער. וואָלט יעדער מענש מעהר געפיהרט חשבון וואָס עס טרעפט מיט איהם, קומט מיט איהם פּאָר יעדען טאָג, וואָלט ער אפשר אויך אָפט זאָגען: אַ נס האָט מיט מיר געטראָפען! על פי רוב איז אָבער דער היינטיגער מענש אַזוי טרוד, אַזוי מבולבל, אַז ער ווייס פאַקטיש ניט, וואָס מיט איהם טוט זיך. ער איז אויף דעם עולם התועה, הו־האַ, און ער זעהט זעלטען קלאָר. אַזוי ווייס אויך ניט דער נאַכטוואַנדלער וואָס הויבט זיך אויף פון בעט, געהט אַרום אויף דער גאַס, קלעטערט אויף דעכער, אויף בריקען, איז פיעל מאָל אין לעבענס געפאַהר, נאָר ער ווייס ניט, ער קומט צוריק אַהיים און אויסגעמאַטערטער, דאָס פּנים אָפּגעצעהרט, דאָס לייב מיט שוויים באַדעקט, לייגט זיך צוריק אין בעט גלייך ווי קיין זאַך איז געשעהן, און ווען מען זאָגט איהם אין דער פריה, אַז ער האָט די נאַכט געוואַנדעלט און געשפּאַצירט אויף אַ דאַך, געקראָכען אויף לייטערס, ציהט ער מיט ספק די אַקסלען און גלויבט ניט. די פאַקטען ענדערען זיך אָבער ניט צוליב דעם וואָס דער בעל־דבר גלויבט אָדער גלויבט ניט.

עס קאָן זיין, אַז אין אמת'ן איז ניט די צייט שולדיג. די צייט איז נאָך אַלעמען אַ לייזיגער באַגריף, וואָס די מענשען פילען אָן מיט אינהאַלט. נאָר די מענשען אַליין זיינען שולדיג. גאָט האָט באמת די מענשען ניט פאַרלאָזען, ער איז איצט אויך מיט אונז אויף דער זינדיגער וועלט, ער ווייזט איצט אויך זיינע נסים,

גיט זיינע אָנצוהערענישען, ענטפּלעקט זיך צו זיי און עס איז ניט זיין שולד וואָס מיר זעהען ניט און הערען ניט. עס איז ניט זיין שולד וואָס מיר האָבען די אויגען מיט א טיכעל פארבונדען און די אויערען אָנגעשטאָפּט מיט וואטע.

ווי האָט איינער טרעפליך באַמערקט: דאָס קלוגע וואָרט שלאָפט אין נאַר'ס מח, און עס איז זיכער ניט דעם חכם'ס שולד.

ווי עס שיינט, שטעהען מיר אויך, וואָס עס איז נוגע נסים, אויף דער שוועל פון ענדערונג. די נייע פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונגען, די פאַרצייכענונגען פון טויזענדע איינצעלנע פּאַסירונגען און טרעפונגען, וועלכע זיינען אונטערגעומען געוואָרען פון גרויסע וויסענשאפטסלייט, האָבען אויפ'ס ניי געבראכט צום געדאנק אז אין לעבען הערשען איבערנאַטירליכע כחות, וואָרום אייגענטליך איז דאָך אויך דאָס, וואָס מיר רופען נאַטירליך, איבערנאַטירליך, אז דעם מענשען באַגלייטען... ווי זאָלען מיר דאָס רופען? עס איז שווער צו זאָגען וואָס, אפשר גייסטער, און אפשר זיין גורל, זיין פאטום, דער זכות אבות אָדער דאָס וואַכעדיגע אויג פון דעם ליבען פאָטער אין הימעל.

אלענפאלס איז קלאָר, אז פיעלע פון די גרויסע און אפשר די גרעסטע דענקער זיינען גרייט צו רעווידירען זייער אלטען „אני־מאמין", וואָס איז באַשטאַנען אין ניט גלויבען אין איבערנאַטירליכע זאַכען, עס איז פאַרשוואונדען דער „בטול היש'דיגער שמייכעל", זיי זיינען איצט גרייט מסכים צו זיין, אַז די אַלע נסים וועגען וועלכע מיר האָבען געהערט און מיט וועלכע אַמאָליגע ספרים זיינען פול, זיינען ניט אינגאַנצען אויסער דער גרעניץ פון מעגליכקייט.

ס'איז שוין איצט פון איהר מאַיעסטעט, דער וויסענשאַפט, אנערקענט דער גרויסער כח פון היפּנאָטיזם. א מענש, וואָס באַזיצט דעם כח, קאָן צווינגען אַן אַנדערען אָהן זיין באַוואוסטזיין שקלאַפיש אויסצופיהרען זיינע, דעם היפּנאָטיקער'ס באַפעהלען, וואָס דאָס איז געוויס אַן איבערנאַטירליכע ערשיינונג. קיינער לייקענט ניט מעהר אין טעלעפּאַטיע, די גייסטיגע דראָטלאָזע טעלעגראַפּיע, און

מען רעדט איצט אין די געבילדעטסטע קרייזען מכח אינספּיראַציע און אינטואיציע, פּאַרגעפיהל, אַ דונקעל אהנען, נייע ווערטער פאר אַן אַלטען אינהאַלט. דאָס זיינען די אַמאָליגע באַגריפען פון רוח הקדש און שכינה און נבואה. נאָר איינער זעהט דורך אַ ליכטיג גלאָז, „אספּקלריא המאירה", און איינער דורך אַ דונקעל גלאָז, איינער זעהט בהקיץ אויף דער וואך און איינער אין אַ חלום, אין אַ „טראַנס", אַט ווי עס ווערט דערציילט מכח בלעם: „נופל וגלוי־עינים".

עס ווערט איצט פון אַלע זייטען צוגעגעבען, אַז דער מענש קאָן דורך „אויטאָ־סוגגעסציע" זיך קורירען פון פילע קראַנקהייטען, ווירקען אויף זיך און איינלאַדען כחות, וואָס קאָנען ווירקען אויף אַנדערע. דער גייסט איז גרעסער, שטאַרקער פון דעם פלייש, פון דעם חומר.

דאָס זיינען אַלץ צייכען, אַז די שופען, וואָס האָבען פאַר־שטעלט דעם היינטיגען מענשען'ס ראיה, נעהמען אַרונטערפאַלען, און ער נעהמט דערזעהען אַז ער איז באמת אויף אַ וועלט וואָס איז פול מיט וואונדער, אַז יעדע מינוט געשעהט עפּעס אַזעלכעס, וואָס לאָזט זיך, נאַטירליך, אויב עס איז פאַראַן אַזאַ באַגריף, ניט דערקלעהרען.

עס איז אויסגעוואַקסען אַן ערנסטע באַציהונג צום חלום, דעם קינעמאַטאָגראַף, וואָס דער מענש טראָגט מיט זיך אין זיין מח. אויב אַלע האָבען נאָך ניט אַנערקענט, אַז דער חלום זאָגט אַמאָל דעם מענשען עתידות, כאָטש עס זיינען פאַרצייכענט געוואָרען טויזענדע פאַלען וואָס באַשטעטיגען עס, איז שוין לכל הפּחות איינס אַנערקענט געוואָרען פון אַלעמען, אַז דער חלום אַנטפּלעקט אָפט דעם מענשען זיין אייגענעם מהות, זיינע אייגענע פאַרבאָר־גענע כחות, זיינע פאַרבאָרגענע ווינשען און ליידענשאַפטען. דער חלום געהערט סאַי ווי סאַי צו דעם קעניגרייך פון סוד.

* * *

איך האָב די דאָזיגע באַמערקונגען אויפגעצייכענט צוליב אַ

מעשה שהיה, צוליב אַ פּאַסירונג, וואָס האָט מיט מיר אַליין גע־טראָפן ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק.

איך בין איינמאָל אויף דער נאַכט אַהיים געקומען פון אַ פאַר־זאַמלונג זעהר שפּעט, און בין דארום געשלאָפן אויף דעם טאָג. איך האָב דאַן געוואוינט אין אַ נייע הויז, וואָס איז ערשט צו־רעכט געמאַכט געוואָרען און געבראַכט געוואָרען אין דער בעסטער אָרדנונג.

האָט זיך געמאַכט, אַז טראָץ דער גוטער אָרדנונג — אמערי־קאַנער הייזער! — האָט אַ גרויס שטיק סופיט זיך אָפּגעריסען פּונקט איבער מיין קאָפּ. איין שטיק דערפון וואָלט געווען גענוג מיך גלייך אויף דעם שטעל צו הרג'ענען, דעם קאָפּ צופּלעטען.

איך בין ניצול געוואָרען, געבליבען אומבאַשעדיגט, ווייל פּונקט אין דער סעקונדע, ממש אין דעם הרף עין, וואָס דער שטיק סופיט איז אַרונטער און באַדעקט מיין בעט מיט האַרטען שטיין, און פאַרוואַנדעלט עס איז אַ חורבה, פּונקט דעמאָלט האָב איך זיך געגעבען אַ כאַפּ אויף און זיך אויפגעזעצט אויף דעם בעט, צומישט, מיינענדיג אַז דאָס גאַנצע הויז פאַלט איין, אָדער קעהרט זיך איבער, און איין געדאַנק האָט דעמאָלט דורכגעצויגען מיין מח: וואו זיינען מיינע אייגענע?

ווען דאָס בני בית האָט דערהערט דעם קלאַפּ, זיינען זיי זיך אַלע צונויפגעלאָפען, און צו זייער איבערראַשונג האָבען זיי מיך געטראָפען זיצען צומישט צווישען די חורבות, מיט שטיקער צעמענט, שטיין זאַמד און שטויב.

די פראַגע איז געווען: ווי אַזוי האָב איך זיך גלייך, פּונקט אַ רגע פאַר דעם אַרונטערפאַלען פון דעם סופיט, זיך אויפגעכאַפּט? איין רגע שפּעטער און איך וואָלט געווען אַ טויטער. ווער האָט עס מיך דאָ אין דער ריכטיגער צייט אויפגעוועקט?

אַ קליינע אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט דעם פאָל־גענדען פאַקט:

איבער מיין צימער וואוינט אַ שכנה, איז פּונקט פאַר דעם

ארונטערפאלען פון סופיט, איין רגע פריהער, האָט זיך איהר מאַן צובריה'ט און געעפענט דעם „אייז־באקס“, און צוויי טעלער זיי־נען מיט אַמאָל ארויסגעפאלען אין זיך צובראָכען. דער קלאַפּ האָט מיך אויפגעוועקט, און איך האָב זיך אינסטינקטיוו אויפגע־זעצט, און גלייך אין דעם הרף עין איז דער סופיט ארונטערגעפאַ־לען און איך בין ניצל געוואָרען.

איך קען ניט עד היום דעם מאַן, וועמען איך בין שולדיג מיין לעבען. ער קען מיך אויך ניט. ער האָט בשעת מעשה, ווען ער האָט די טעלער צובראָכען, גאָרניט מַכּה מיר געטראַכט. איהם האָט זיכער זעהר פאַרדראָסען די צובראָכענע טעלערס. זיין לעפּיש־קייט, אָבער די צובראָכענע טעלער האָבען מיך פון אַ זיכערען טויט געראַטעוועט.

מיין פרומע מאמע, ווען זי האָט דערפון געהערט, האָט גע־זאָגט: דאַרפסט בענשען גומל, מיין זוהן.

אַן אויפגעקלערטער פריינד מיינער, אזוי צו זאָגען, האָט גע־זאָגט: אַ מאָדנער צוזאַמענטרעף!

מאָדנע! געוויס. נאָר שוין אַביסעל צו מאָדנע.
וואָרום ניט זאָגען אַ נס?

ספּיריטואַליזם.

האָט איהר געהערט קענאָן דאָיל'ס פאָרטראַג איבער גייס־טער, איבער עולם הבא און אומשטערבליכקייט? איך האָב ניט געהאַט די צייט און די געלעגענהייט, אָבער מיר טהוט עס ערנסט באַנג.

עס ווילט זיך אַמאָל הערען אַ רעדע אויף איבער עולם הבא, איבער גייסט, איבער עפּעס אַנאַנדער טהעמא ווי איבער געוויינליכע טהעמאס, מיט וועלכע מען שטאָפּט אונז טאָג־טעגליך.

די מייסטע רעדעס זיינען געוויינליך איבער געזעלשאפט־ליכע רעפאָרמעס, ריינע גאַסען, שעהנע פּארקס, ניכטערקייט, עהרליכע אַדמיניסטראציע, לייכטע ארבייט פאר פרויען און קינדער, מעהר פּוטער אויף דעם ברויט, מעהר ברויט צו דעם ביסעל פּוטער, מעהר פענסטער אין די הייזער, און אַ נר תמיד אויף די שטיגען ביינאַכט, א. ד. גל. די גאָר גרויסע וועלט־פאַרזאָרגער זיינען נאַטירליך מיט די קליינינקע רעפאָרמען ניט צופרידען. זיי ווילען אז ברויט און פּוטער זאָלען זיין פריי פאַר יעדען, אַ פרייע רייזע אויף אַ שטאָדטישען אויטאָמאָביל, און אַביסעל מעהר ליידיגע צייט. צוליעב אָט די פארבעסע־רונגען ווערט אויף אָנגעפיהרט אַ שווערער קאַמף, אַ פּאָליטי־שער, אַ געזעלשאפטליכער, און עס רוישט און עס קאָכט זיך וועגען דעם אָהן אַן אויפהער אין די צייטונגען, אויף די מי־טינגען, עס ווערען פאררופען קאָנפערענצען, און עס קליגען זיך די שטאַאטסלייט און פּאָליטיקער, איינער שטייגט איבער דעם אנדערען אין חכמה און אין נארישקייט, און זייערע

חכמות, אַזוי גוט ווי די נאַרישקייטען, ווערען צוטראָגען אויף אַלע טעלערלאַך. און פיעלע מענשען ווערען באַריהמט, זיינען עולה לגדולה, ווייל זיי איז געלונגען דורכצופיהרען אַ קליינע אָדער אַ גרעסערע רעפאָרמע, ווייל זיי האָבען געשטרעבט צו פאַרקלענערען אויף אַ האָר דאָס עלענד אין אונזער לעבען. דער המון, די פעלקער, נעהמען אויף אָט די שטאַאַטסלייט מיט פּאַראַד, מיט יובעל און גרויס כבוד: ככה יעשה לאיש... וועלכער האָט אָפּגעשניטען, אויסגעבערענט אַ בראָדעווקע, אָדער כאָטש אויסגעריסען די האָר פון אַ בראָדעווקע, פון די פיעלע בראָדעווקעס און צרעת'ן, וואָס באַדעקען דאָס פּנים פון דער וועלט.

אָפּט איז מען מיט דעם אַליין ניט יוצא, ניט נאָר גיט מען דעם דיפּלאָמאַט, רעפאָרמער, עסקן אָפּ כבוד ביים לעבען, נאָר אויך ניט ווייניג נאָך דעם טויט; עס ווערען געשריבען ביאָגראַפיען, אויפגעשטעלט מאָנומענטען, געזאַמעלט פאָנדען מיט דעם צוועק זייער נאָמען צו פאַראייביגען. און פאַרוואָס? מחמת זיי האָבען דאָס אָרימע לעבען באַרייכערט אויף אַ האָר.

איז אָבער ניט צייט צו פרעגען זיך: וויפיעל לעבט דען דער מענש? אין גאַנצען ניט מעהר ווי דעם באַריהמטען „מענשליכען שפּאַן" — זיבעציג יאָהר. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבען די קורצע, נישטיגע פאַר יאָהר מיט דער אייביגקייט? עס איז געוועזען לעבען פריהער, דורות און דורות, מיליאָנען און מיליאָנען יאָהרען איידער דו מענש ביזט געקומען אויף דער וועלט, און עס וועלען איבערגעהן מיליאָנען, מיליאָנען יאָהרען, דורות און דורות אָהן אַ שיעור, נאָכדעם ווי דו וועסט מעהר אויף דער וועלט ניט זיין. נאָך ביליאָנען מענשען וועלען ווערען געבוירען און פאַרלוירען ווי דו, און די וועלט וועט נאָך אַלץ בלייבן שטעהן אויף איהר פּלאַנעט, און מענשען וועלען וויי־טער לעבען און וויימער שטאַרבען.

אייביגקייט איז גראָד איינס פון די ווערטער, וואָס מיר זאָגען זיי אַזוי לייכט אַרויס, אָבער פּרובירען זעלטען עס פאַר־

שטעהן, דערגרונטעוועז ביז'ן סוף. ווי קאָן מען דען ביז צום סוף, ווען עס האָט ניט קיין סוף? דער מענש קאָן קוים תופס זיין מיט זיין שכל די אייביגקייט, ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף. טאָ וואָס זשע איז געווען פריהער? בראשית, איז אַנהויב, וואָס איז אָבער געווען פאר דעם אָנהויב, פאר בראשית? און וואָס איז דער תכלית? און איז פאראַן א תכלית? אייביגקייט מיינט, אַז עס איז ניטאָ קיין תכלית. ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף. עס איז קיילעכיג, ספעריש, א פאר'כישוף'טער קנויל, וואָס ווען דו געהסט אריין, קענסטו ניט ארויס, א נעץ, פון וועלכער דו קענסט זיך ניט אויס־פּלאָנטערען; דיינע חושים ווערען צומישט, דו פארלירסט דעם אנלעהן־פונקט און הויבסט אָן שוועבען אין דער לופטען. דער מענש פיהלט, אַז עס איז דאָ א זאך ווי אייביגקייט, די אייביגקייט איז דער קיילעכדיגער ענטפער אויף די פיער־קאַנטיגע פראגען: מה לפנים ומה לאחור — וואָס איז געווען פריהער און וואָס וועט זיין שפּעטער? די אייביגקייט און די גאָטהייט, דער מענש פיהלט זייער זיין, באַטש ער קען מיט דעם שכל ניט שטענדיג עס פארשטעהן, אויך ניט מיט דעם ריינעם שכל, מיט דער „ריינער פארנונפט". עס איז א צו עדעלע מאַטעריע, מען זאָל זי קאָנען ארויפוואַרפען אויף דעם וואָגשאָל פון שכל. מאַטעריע איז אויך קיין וואָרט ניט צו קאָנען דערמיט באלייכטען דעם מהות פון אייביגקייט. אייביגקייט איז ניט קיין מאַטעריע, נאָר א באַגריף, וועלכער לעבט דאָך אַזוי קלאָר אין אונזער באַ־וואוסטזיין.

הייסט שטעלט זיך פאָר פאר איין רגע אויב עס איז טאַקע אַזוי, אַז דער מענש לעבט אייביג. דאָס הייסט, אַז זיין שטאַרבען איז א העכערע פאָרמע פון לעבען, פון אייביגען לעבען, הייסט וואָס לוינט זיך באמת אַזוי פיעל האָוועז און טאַראַראַם צו מאַכען אויף דער וועלט, אין דעם משך פון די פאָר יאָהר, וואָס מען געפינט זיך דאָ?

לעבען אייביג אין א וועלט, וואו עס איז גאָר קיין טויט

ניטאָ, אין אַ העכערער ספערע, וואָס פאַר אַ שעהנע ענדע צו דעם ניט שעהנעם אָנהויב פון מענשליכען לעבען אויף דער וועלט! מען קומט אויף דער וועלט אַזוי אומבאַהאָלפען, אַ שטיק חומר אָהן אַ פונק גייסט, אַ שטיק שרייענדיגם רויט פלייש, אַ גולם אָהן אַ שם המפורש, וואָס איז די השגה פון דעם צוקונפטיגען מענש און שפּעטערדיגען קעניג? אַביסעל מילך, אַ ביסעל וואַסער. עסען, ניט עס וויל עסען, ניט עס וויים וואָס עס וויל; די קישקעלאַך ווילען, פאָדערען, פאַרלאַנגען. קיין מיאוס'ערע פאָרמע פאַר אַן אָנהויב פון דעם מענשליכען לעבען האָט די אַל-קלוגשאַפט און די אַל-שעהנקייט ניט געקענט אויסקלייבען. בלויז אין די אויגען בליס-טשעט אַ וואונס, אַן אָנצוהערעניש אויף די גייסטיגע מעלות, וואָס וועלען מיט דער שפּעטערדיגער ענטוויקלונג קומען צום ליכט. ס'טרעפט זעהר אָפט, אַז נאָך אין די ערשטע טעג פון זיין לעבען גיט דאָס קינד אַ קוק מיט אַזוי פיעל תהום-טיפקייט און אָפענעם פאַרשטאַנד, אַז איהר דערשרעקט זיך ממש. עס איז אין דער מינוט ניט קיין קינד מעהר, נאָר אַן אַלטער חכם, אַ דערוויש, וואָס האָט אַלץ געזעהן און אַלץ געהערט און פיעל דורכגעלעבט. די קנייטשען אויף דעם שטערען און די רינצלען אויף דעם פנימ'ל און דאָס ביסעלע אָנגעשראָקענע האַר אויף דעם קעפעל האַרמאָ-נירען זעהר שטאַרק דעמאָלט מיט דעם קלוגען בליק אין אויג.

דער אָנהויב פון מענשליכען לעבען איז, אַלענפאַלס, אַ באַ-ליידיגונג פאַר דעם מענשען, וואָס רעגירט איבער ימים און לענ-דער, איז הערשער איבער דער לופט און דעקט אויף מיט זיין פאַרשטאַנד פיעלע סודות פון דעם לעבען און דער נאַטור.

ניט קיין שעהנער אָנהויב, און דער סוף איז אויך ניט זעהר אָנציהענד. דאָס קלוגע אידישע ווערטעל זאָגט, אַז ווען אַ מענש וואָלט ניט פאַרגעסען אין טויט, וואָלט איהם ניט איינגעהן דאָס לעבען.

אַ גליק וואָס ער פאַרגעסט אין טויט.

עס איז ניט נאָר דאָס וואָס מען הערט אויף לעבען, וואָס איז שרעקליך, נאָר איז דער טויט אַליין אויך אַ מיאוס'ע זאַך. די

פּאָרמע, אין וועלכער ער קומט, איז באַליידיגענד פאַר דעם מענ־שען'ס עסטעטישע געפיהלען, קיין מיאוס'ערע פּאָרמע האָט דער אַלמעכטיגער ניט געקענט אויסקלייבען. אַט לעבט דער מענש, אַלץ איז אין באַוועגונג, לעבען... די הויט אפילו לעבט, די האָר לעבט; עס זינגט פון יעדען אבר. לעבען... ווער האָט דעם סוד פארשטאַנען? פּלוצלונג אַ כאָרכעל, אַ קרעכץ, און שוין. וואָס איז געשעהן? אַ מיאוס שטיק חומר ליגט פאַר אייך. די הויט איז ווי פון אַ פארפוילטען עפּעל, אויגען איבערגעדרעהטע, אויסגעקעהרטע, בעלעכעס צומישטע, טריעבע, קוקען און זעהען ניט, און ווען איהר גיט אַ קוק אין זיי, ווערט אייך ניט גוט. די האָר אויסגעלאָשען, אָהן קאָליר. טרוקענע היי האָט מעהר כח המושך. דאָס איז דער מענש נאָך דעם טויט.

איז זיך דאָ מיט וואָס איבערצונעמען? ווען אַ מענש זאָל דעם טויט ניט פארגעסען, אפשר וואָלט ער ניט אַזוי בלוטדורשטיג געווען, אַזוי געלדגייציג, אַזוי קאַפּעריש, אַזוי פרעסעריש. צו וועל־כען צוועק דאָס אַלץ?

בין געווען מיט עטליכע יאָהר צוריק אין דעם מוזעאום אין קאַירא. עגיפּטען, און האָט נאַטירליך אָפּגעשטאַטעט אַ וויזיט אין דער אָפּטיילונג פון די מומיעס, וואו עס געפינט זיך אויך די מומיע פון פרעה רעמסס, וועלכער האָט פארשקלאַפט די אידען.

זיין בילד האָט מיך מורא'דיג צורודערט. דאָס איז, הייסט עס, דער מלך פרעה, וואָס האָט איבערגעקערט וועלטען און גע־בויט פּיראַמידען. אַ שוואַרצער נמאס'ער קערפּער, פארפוילטע האָר, אַן אומריינע, אומווירדיגע זאַך. דאָס איז דער מענש נאָך דעם טויט, ווען אפילו איהם עסען ניט קיין ווערים, ווען אפילו ער איז באַלזאַמירט און געפינט זיך אונטער אַ גלאָז.

עס איז אַ מורא'דיגער סוף, וואָס איז אַזוי פּוסט ווי זיינע שוואַ צע אויגען־לעכער. מעגליך ווען פרעה וואָלט ניט געווען פאַר־געסען אין זיין בילד, ווי ער וועט אויסזעהן נאָך דעם לעבען, וואָלט ער זיך אַנדערש באַנעהמען ביי זיין לעבען.

עס זיינען געווען צייטען אין דער מענשליכער געשיכטע, ווען

די פראגע פון לעבען און טויט האט באשעפטיגט די מחות פון די בעסטע דענקער, זעהער און גייסט־מענשען.

פון יענע צייטען זיינען אונז געבליבען בירושה ווערטלאך, באמערקונגען, פסוקים, וואס ווייזען ווי טיעף די מענשען האבען פארשטאנען דאס פראבלעם פון לעבען און טויט. פנים אל פנים מיט דער פראגע פון טויט, ביי זיין פינסטערען ליכט, האט פאר זיי דאס לעבען אנגענומען א טראגישע געשטאלט. פון וואנען קומט דער מענש, אויב ניט פון א „טפה סרוחה”? און וואוהין געהט ער, אויב ניט אין דעם קבר אויפגעגעסען צו ווערען פון ווערים? דאס לעבען אויף דער וועלט איז ניט פיעל ווערטה, סיי־דען ווען עס איז בלויז דאס פיהר־הייזעל, וואס פיהרט צום פאלאץ.

עס מוז זיין ערגעץ א פאלאץ, וואס ווארט אויף דעם מענשען נאך דעם טויט. א פאלאץ פון עלפאנד־ביין, וואו מענשען מוזען ניט דורכמאכען מעהר דעם פראצעס פון געבוירען ווערען און שטארבען. דער פאלאץ וואו מען לעבט אייביג, אבער אויף א גאנץ אנדערען אופן ווי מען לעבט דא.

די אידעע פון גלגול איז אפשר געווען די בעסטע ערקלערונג אויף דעם אנהויב פון מענשליכען לעבען. עס איז דא א קוואל פון לעבען, וואס ווערט באנייט, אבער שעפט זיך ניט אויס, דאס לעבען באווייזט זיך אין פארשיידענע פארמען, אבער עס איז ניט עפעס ניי. דער מענש, וואס מיר זעהען היינט, איז אויך דער־זעלבער מענש, וואס איז געווען נעכטען. דער גוף איז טויט, אבער די נשמה לעבט, שוועבט אין די ספערען, קומט צוריק אויף א ווייטע אין אנאנדער גוף. אבער עס איז דיזעלבע נשמה. יוען א מענש וויל, קאן ער ענטדעקען זיין אייגענע נשמה, וויסען איהר שורש און מקור. די פארמען בייטען זיך, דער שורש אבער בלייבט דערזעלבער.

אמאל האבען מענשען געטראכט וועגען לעבען און טויט און זיך צו עפעס דערטראכט. האבען אויסגע׳חלום׳ט שעהנע מעג־ליכקייטען אויף נאך דעם לעבען. מען האט געדארפט האבען א רייכע פאנטאזיע כדי זיך קאנען פארשטעלען א גן־עדן.

אַמאָל האָבען מענשען געטראַכט וועגען די פראַגען, נאָר היינט זיינען מיר געוואָרען עולם הזה'ניקעס. מען לויפט און מען פליהט, און מען רוישט און מען פאַררוישט זיך. די מענשען זיינען ווי באַטויבט, ווי פאַר'שיכור'ט. דער איצטיגער מאָמענט שלינגט איין דעם גאַנצען מח און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. מען מאַכט נייע ערפינדונגען, מען שאַפט אָפּ ווייטקייטען און מען נעהמט איין די צייט, אָבער ניט כדי נעהנטער צו ווערען צום אמת, ניט כדי צו פאַרשטעהן דעם סוד פון דעם מענשליכען לעבען און טויט, דעם אָנהויב און סוף, כדי צו ווערען נאָהענט צו דעם „אין סוף".

דער מענש פליהט אין דער הויך, אָבער איז מיט זיין נאָפּעל צוגעקניפּט צו דעם שפל המדרגה. ער האָט די הויך דערנידעריגט, און צובראָכען די פליגעל פון זיין גייסט. די מיקראָסקאָפּען און טעלעסקאָפּען, וואָס האָבען אויפגעדעקט נייע וועלטען, נייע שטערען און נייע זונען, האָבען דאָך ניט אויפגעדעקט זיין אייגענע קליינע וועלט. עס הערשט איצט דאָרט מעהר חשך ווי פריהער.

דערפאַר טוט מיר אַזוי באַנג וואָס איך האָב ניט געהערט קאָנאַן דאָיל'ס פאָרטראַג.

דאָס ענגלישע פאָלק, ביי זיין גאַנצען חומר'דיגען לעבען, האָט עס דאָך צייט פאַר גייסט און פאַר העכערע פראַגען, ווי דער מאָגען. עס איז ניט צופרידען מיט דעם קליינעם שוועלבעלע אין דער האַנט, נאָר עס יאָגט זיך אויך נאָך דעם אָדלער, וואָס פליהט אין די ווייטע הימלען.

דניאל דערונדא.

ווען מען לייענט דעם ראָמאַן „דניאל דערונדא“, אין וועל־כען עס ווערען אין אַזעלכע העלע פאַרבען געשילדערט דער ערשטער העלד, דער איד מרדכי, וועמעס איינציגער טרוים איז אויפצובויען אַ יודענשטאַט אין ארץ ישראל, און דער צווייטער העלד, דניאל, וועלכער קעהרט זיך אום צוריק צו זיין פאָלק אַזוי שנעל ווי ער געפינט אויס זיין ריכטיגען אָפּשטאַם, און איז דער ערשטער צו פאָהרען צו דעם לאַנד פון די אָבות כדי צו לעגען דעם פונדאַמענט פאַר דעם דאָזיגען יודענשטאַאַט, — ווען מען לייענט דאָס און מען דערמאָנט זיך, אַז דער דאָזיגער ראָמאַן איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין אַ צייט ווען קיינער האָט נאָך ניט גע׳חלומ׳ט אַפילו, אַז אַזאַ באַוועגונג ווי דער ציוניזם וועט ווען עס איז ענטשטעהן, מוז מען קומען צום שלוס, אַז נאָר אַ רוח־נבואה האָט גערעדט אויס דעם מויל פון דער פאַרפאַסערין פון דעם דאָזיגען ראָמאַן, דזשאָרדזש עליאָט.

אין אַ געוויסען זין איז די דאָזיגע ניט־אידישע שריפט־שטעלערין געוועזען אַ פּראָפעטין, אויב נבואה מיינט פאָראויס־זעהן די צוקונפט. זי האָט אין איהר ראָמאַן געשילדערט טיפען, וועלכע האָבען ערשט פיל שפּעטער זיך באַוויזען אין דעם אידי־שען לעבען, און זי האָט געגעבען אויסדרוק צו געדאַנקען, וועלכע אַפילו איצט איז ניט יעדער זיי תופס.

די דאָזיגע נבואה, וואונדערבאַר ווי זי איז, דאַרף דאָך ניט האָבען קיין ערקלעהרונגען למעלה מדרך הטבע, נאָר לאָזט זיך פאַרטייטשען איינפאַך און פשוט.

צו אַלער ערשט דאַרף מען געדענקען, אַז דזשאָרדזש

עליאָט, וועלכע איז געווען ניט נאָר אויסערגעוועהנליך באַגאַבט נאָר אויך אויסערגעוועהנליך געלערענט, האָט פון דער יוגענד אָן געוויזען אַ נטיה צו שטודירען די אידישע געשיכטע. זי איז געווען בעה״בנ׳ט אין דער היסטאָריע פון דעם אידישען פאָלק, ווי נאָר וועניגע קענען זיין. די אידישע געשיכטע, אויב מען לייענט זי נאָר אויפמערקזאַם און מען פארלירט ניט איהר פאָדים, וועלכער ציהט זיך איבער דורות און דורות און שלעפּט זיך דורך אַלערליי לענדער און פעלקער, ווייזט אויף איין אונ־באַשטרייטבאַרען פאַקט און, דאָס איז אַז די אידען האָבען קיינ־מאָל ניט אויפגעגעבען די האָפנונג נאָך ווען עס איז אויפצו־לעבען דאָס אייגענע לאַנד און צוריק צו געווינען די אוּנאָפּ־הענגיגקייט. אייגענטליך איז דאָס דער הויפּט־געדאַנק אין דעם מח פון פאָלק.

עליאָט, וועלכע האָט געקענט ניט נאָר די אידען אַרום זיך נאָר אויך די אידען פון דורות, האָט דאַרום קלאָר געזעהן, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט דערזועלביגער געדאַנק, וואָס האָט שטענדיג באַגייסטערט דאָס אידישע פאָלק, נאָך אמאָל דאָס פאָלק באַהערשען, און אויב ניט דאָס פאָלק, דאַן לכל הפּחות זיינע בעסטע קינדער.

זי איז געווען געבילדעט גענוג צו וויסען, אַז מען טאָר ניט אורטיילען אַ פאָלק לויט זיין אויפפיהר אין דער צייט פון איין דור, נאָר מען דאַרף עס באַטראַכטען אַלס גאַנצעס, און דעם אורטייל אַרויסטראָגען לויט זיין באַנעהמען־זיך אין פאַר־לויף פון זיין גרויסער געשיכטע.

עליאָט האָט גאַנץ גוט געקענט די אידען אַרום זיך און האָט געוואוסט זייערע אַסימילאַטאָרישע נייגונגען. דאָס האָט זי אָבער גאַנץ וועניג באַאונרוהיגט, מחמת זי האָט געוואוסט אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַן איבערגעהענדע ערשיינונג. אי־דען וועלען מסתמא פריהער אָדער שפּעטער צו זיך קומען און וועלען דאַן מיט דעם גאַנצען ברען פון זייער גייסט און מיט דעם פייער פון זייער נשמה זיך נעהמען פאַר דער אַרבייט פון

דער אויפלעבונג פון זייער לאנד, און אויסנוצען די נייע מעג־ליכקייטען, וואָס די צייט האָט געשאפען.

אין איהר ארטיקעל: „דער מאָדערנער העפּ! העפּ! העפּ!“, וועלכער איז אפילו אונזערע נאציאָנאַליסטען גאנץ וועניג באקאנט, וואו עליאָט נעהמט אויף א קאמף געגען דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם און ווייזט אָן אויף ציוניזם אַלס דער בעסטער אויסוועג פאר אידען, זעהט מען קלאָר איהר היס־טאָרישע אויפפאסונג פון דעם אידישען פאָלקס־לעבען, וועלכע האָט איהר געדינט אַלס הינטערגרונד פון דער שילדערונג פון איהר ראָמאָן.

אויף איין פלאץ אין דעם אויבען־דערמאָנטען ארטיקעל זאָגט זי אזוי:

„די אייראָפּעאישע וועלט האָט זיך זייט לאנג צוגעוואוינט צו באטראכטען די אידען אַלס אַן אויסנאהמע, און דערפון איז געקומען דער נאטירליכער פועל יוצא אז מען האָט זיי אויס־געשלאָסען פון די כללים פון גערעכטיגקייט און רחמנות, וועלכע זיינען באגרינדעט אויף מענשליכער עהרליכקייט. דאָך צו באטראכטען א פאָלק, וועמעס אידעען האָבען באשטימט די רעליגיע פון א האלבער וועלט, און דערצו פון דער קולטוריר־טער האלב, און וואָס האָט געפיהרט דעם באריהמטעסטען קאמף געגען רוים'ס מאכט, בלויז אַלס אַן אויסנאהמס־פאָלק, איז א דעמאָראליזירענדע באליידיגונג געגען דעם ראציאָנעלען וויסען, א וואהנזיניגער ווידערשפרוך אין דער היסטאָרישער פארטייי־טשונג. יעדעס פאָלק פון א שטארקען כאראקטער, דאָס הייסט פון שטארק־אָנגעזעהענע כאראקטער־ציגען, איז אזוי ווייט אויס־נאהמליך... צוגעגעבען, אז די אידען באזיצען אין א גרויסער מאָס באזונדערהייטען, ווערט אונזער עהנליכקייט מיט זיי מעהר שיינבאר ווען די יסודות פון זייער פארשיידענהייט ווערט אנערקענט“.

עליאָט ווייזט דאן אָן אויף דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, וואָס, פארשיידען ווי זי איז פון דער געשיכטע פון אַנ־

דערע פעלקער, איז זי, אָבער אין עצם מענשליך און ווערט גע־טראָגען פון די זעלבע טענדענצען ווי די פון די גרויסע קולטור־פעלקער. דאָ קעמפט אַ פאָלק פאַר זיין עקזיסטענץ; אַ פאָלק, וואָס גרייזט אמאָל, געהט ארונטער פון ריכטיגען וועג, זינדיגט געגען זיין אייגענעם גייסט, בלייבט אָבער, אין גאנצען גענומען, זיך געטריי, דאָס הייסט געטריי דאָס מענשליכע אין איהם.

עליאָט ווייזט דאן אָן אויף דעם מערקווירדיגען פאקט, אז כאָטש די אידען האָבען געליטען אזוי פיל פארפאָלגונגען, זיינען זיי דאָך ניט מיזאַנטראָפיש און מענשען־פיינדליך, ווי מען וואָלט עס געדארפט ערוואַרטען. דאָס, רעכענט עליאָט, איז געקומען דערפון, וואָס די אידען האָבען שטענדיג געדענקט זייער אָפּשטאַם און געווען שטאָלץ אויף איהם, און דארום האָבן זיי ניט געקענט זינקען מאָראליש. זי ווייזט דאן אָן אויך אויף דעם פאקט, אז די אידען האָבען זיך אויך פיזיש ניט וואָס צו שעהמען פאר אנדערע פעלקער; אז זיי פארמאָגען, טראָץ אַלע פארפאָלגונגען, שעהנע טיפּען, וואונדערבארע קעֶרפּערליך־גע־בויטע מענשען.

דאן שטעלט זי די פראגע קלאָר בזה האופן: „אויב מיר ווילען איבערהויפּט באטראכטען די צוקונפט פון אידען, שיינט עס שכל'דיג צוערשט זיך צו שטעלען די פראגע: זיינען די אידען באשטימט זיך צונויפצוגיסען גענצליך מיט די פעלקער צווישען וועלכע זיי זיינען צושפּרייט, פארלירענדיג יעדען איבערבלייב פון באשטימטען באוואוסטזיין אלס אידען, אָדער איז פאראן אין דער ברייטקייט און טיפקייט פון דער אידישער אָפּגעזונדערטקייט, אָט דאָס וואָס מיר מעגען רופען דער אָרגאַניזיר־טער זכרון פון אַ נאַציאָנאַלען באוואוסטזיין, וואָס עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט אין די וועלט־ברייטע אידישע קהלות — צווישען די זיבען מיליאָן פון מזרח צו מערב — און ווידער זיינען שוין פאראן אָדער האלטען זיך אין שאפען די באדינ־גונגען אין די פּאָליטישע באציהונגען פון דער וועלט, וואָס זיינען נויטיג פאר דעם צוריקבאשאפען פון אַ אידישען שטאַאט

פארפלאנצט אויף דער אַלטער ערד אַלס אַ צענטער פון נאציאָ־נאַלען געפיהל, אַ קוואַל פון עהרענהאַפטער פּארטיידיגינג, אַ ספּעציעלער קאנאַל פאַר באזונדערע ענערגיען, וועלכע הענעןביישטייערען אַ נייע פאָרמע פון נאַציאָנאלען זשעניע און נאָך אַ שטימע אין די ראַט־געבענדע קערפּערשאַפטען פון דער וועלט?

עליאַט פרעגט די פראגע און ענטפערט זיך אַליין.ביידע, סיי די פראגע, סיי דער ענטפער, באווייזען ווי טיף זי האָט פארשטאנען דעם גאנצען מאָדערנעם ציוניזם, אפילו אויך זיין פּאָליטישע זייט. אין דער ציטירטער שטעלע רעדט זי קלאָר וועגען די פּאָליטישע באדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר דעם שאפען פון אַ יודענשטאאט.

אין איהר ענטפער לאָזט זי אויך ניט פארבייגעהן אָהן אַ תשובה די איינוועגדונג פון אייניגע, אַז דארום קען מען קיין יודענשטאאט ניט מאכען מחמת די רייכע אידען וועלען באַ־שטימט וועלען בעסער בלייבען אין גלות אין זייערע רייכע פּאַלאצען איידער ווי געהן קיין ירושלים. איהר קומט ווייטער צו־הילף איהר קענטשאפט פון דער אידישער געשיכטע. זי זאָגט:

„ביי אַ צוריקקעהר פון גלות, ביי דער שאפונג פון אַ פּאָלק, איז ניט די פראגע אויב געוויסע רייכע אידען וועלען באשליסען בלייבען פון הינטען, נאָר צו עס וועלען זיך געפינען ווירדיגע מענשען וואָס וועלען נעהמען אויף זיך די ראָל צו פיהרען דעם צוריקקעהר. פילע רייכע אידען זיינען געבליבען אין בבל ווען עזרא האָט מוסטירט זיין מחנה פון פערציג טויזענד און האָט אָנגעהויבען אַ נייע גלענצענדע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון זיין ראַסע, מאכענדיג פאָרברייטונגען פאַר יענער תקופה אין דער געשיכטע אין דער וועלט, וועלכע ווערט באטראכט אַלס גלענצענד גענוג אַז מען צעהלט לויט איהר די יאָהרען".

עליאַט האָט וועגען יענער בבל־עפּאָכע זעהר שטארק און פיל געטראכט. זי האָט געדענקט וועגען עזרא און נחמיה. און ווען זי האָט איהר ראָמאַן געשריבען האָט זי אויך געזוכט

אונז צו שילדערען אַ מאָדערנעם עזרא'ן אין דעם געשטאַלט פון מרדכי און אַ מאָדערנעם זרובבל אָדער נחמיה אין דער געשטאַלט פון דניאל.

עליאָט דענקט, אַז עס וואָלט זיין אַ גרויסער פארלוסט פאַר דער וועלט, ווען די אידען זאָלען זיך אויסמישען, און רעכענט אַז וואָס עס איז נויטיג פאַר דער פארווירקליכונג פון דער אידעע איז, אַז די וועלט זאָל אַנערקענען די נויטיגקייט פון דער עקזיסטענץ פון דער אידישער ראַסע און עס זאָלען זיך געפינען אַ פּאָר נייע עזרא'ס אָדער נייע מאַקאַבעער, וועלכע זאָלען מיט זייער ביישפּיל באַזיגען די גלייכגילטיגקייט פון זייערע אייגענע אידען, און די שנאה פון זייערע פיינד און זאָלען טראָץ אַלע דורכפאַלען ניט אויפגעבען דעם ענטשלוס צו מאַכען פון די אידען נאָך אַ מאָל אַ נאַציע צווישען די נאַציעס פון דער וועלט.

עליאָט גלויבט, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך אַ מיסיע אין דער וועלט, ווייל זי גלויבט אין דעם כח פון דער געשיכטע, אין דעם כח פון די איבערלעבונגען אויף די האַנדלונגען פון אַ פאָלק. איהר פילאָזאָפיע איז די פון דעם היינטיגען מאָדערנעם אידישען פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן. זכרון איז פערזענליכקייט. אין דעם מענשען פון היינט לעבען די האַנדלונגען פון טויזענ־דער פאַרגאַנגענע דורות. דער מענש פון היינט איז אַ המשך, אַ בריק פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט. דער איד, וועלכער האָט דורכגעלעבט אַזאַ גלענצענדע געשיכטע, וואָס האָט געגעבען דער וועלט נביאים, איז געבונדען דורך יענע זעהונגען. וואָרים, זאָגט דזשאָרדזש עליאָט, „דער ווירקענדער בונד פון מענשליכער טעטיגקייט איז געפיהל, און דאָס ווירדיגע קינד פון אַ פאָלק, וואָס טראָגט דעם דרייפאַכען נאָמען העברעער, איזראַעליט און איד, פיהלט זיין קרובה'שאַפט מיט די נצחונות און ליידען, מיט דער ערנידריגונג און מעגליכער באַנייאונג פון זיין נאַציאָנאַלער פאַמיליע".

דזשאָרדזש עליאָט קומט דאָרום פון דער אידישער גע־

שיכטע צו איהר ראָמאַן „דניאל דערונדא“, צו דעם טרוים, וועלכער איז זיכערער פון דער ווירקליכקייט, ווייל ער איז באַגרינדעט אויף דער געשיכטע פון פאָלק.

לויט עליאָט, איז ניט דער אידענשטאַאט א טרוים, נאָר א טרוים איז יעדע אַנדער לייזונג פון דער אידען־פראַגע און אַן אבערגלויבען — „דער אבערגלויבען, אַז א טעאָריע פון מענשליכען גליק קען געבויט ווערען ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם איינפלוס וואָס האָט געמאַכט דאָס מענשליכע“.

דאָס הייסט, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם איינפלוס פון דער געשיכטע. מחמת געשיכטליך, — ניט קוקענדיג אויף אַלע אָפּווייכונגען, — זיינען די אידען א פאָלק, און מוזען אַלס פאָלק ווי אַלע פעלקער פאַר זיך נאַציאָנאַלע לעבענס־באַדינגונגען שאַפען. דאָס הייסט, זיי מוזען פאַר זיך א שטאַאט אין זייער לאַנד בויען.

צו אָט דער פילאָזאָפיע האָט זי געזוכט אַן אויסדרוק צו געבען אין דעם ראָמאַן „דניאל דערונדא“.

בערד.

מיר דאָ, אין דער געבענשטער אַמעריקאַ, האָבען שוין באַלד גאָר ווי פאַרגעסען, אַז ביי די אידישע מענער פּלעגט זיין אַ מנהג צו לאָזען וואַקסען בערד. שטעלט זיך אַוועק אויף וועלכען גאַס־ווינקעל איהר ווילט, אין וועלכער אידישער געגענד איהר ווילט, און איהר וועט זעהן אַ געגאָלטע אידישע יוגענד, אָהן אַ סימן פון אַ „חתימת־זקן", און די אידען פון מיטעלען עלטער אויך דאָס זעלבע — גלאַטע מאָרדעס. אמאָל טרעפט איהר אַ פּאָר וואָנצעס באַצירען די ליפּ, אַ „שריד הפּלטה", און אָפּט דאָס אויך ניט. בלויז איינינע עלטערע אידען, ווענינע אין צאָהל, טראָגען נאָך זייערע בערד; און אַ דאָקטאָר דאָ און דאָרט לויפט דורך מיט זיין רענצעלע און שאָקעלט מיט זיין „באַלאַנזשע", וועלכע איז אַ סימן פון דאָקטאָריע, אַ מין שילד. לעצטענס האָבען אויך די דאָקטוירים גענומען אָרונטערנעהמען די שטיקלאַך בערדלאַך — כל יזכר וכל יפּקד. מיר זיינען איצט ווי די אַנגלאָ־זאַקסישע פעלקער, אַ פאָלק וועמעס מענער גאָלען די בערד.

אַזוי איז אין אַמעריקאַ. אין דער אַלטער היים, זעהט אויס, איז נאָך גאַנץ אַנדערש. די באַריכטען, וואָס קומען אָן פון דאָרט, דערמאָנען, אַז די מיאוס'ע פּוילישע בויאַנעס האָבען אויסגעטראַכט אַ שענדליכען, אַ טייפלישען שפּיל — צופּען אידישע בערד. דאָס איז פאַר זיי דער גרעסטער תענוג.

די שעהנע אידישע בערד!

אונזערע שונאים האָבען שטענדיג ליב פאַרצושטעלען דעם אידען מיט אַ ציגען בערדעל, אַ שיטערס, אַן אויסגעקראַכענס.

די כונה איז קלאָר: מאַכען דעם אידען לעכערליך. מען מוז צוגעבען, אַז אַזאַ בערדעל איז לעכערליך. דער אמת איז אָבער, אַז גראַד דאָס מין בערדעל איז ביי אידען כמעט ניט בנמצא. די אידישע בערד זיינען שעהנע; זיי רופען ארויס אַ יראת־הכבוד און דריקען אויס גבורה, נאָביליטעט און כאַראַקטער.

דורך מיין זכרון לויפען איצט דורך די אידען מיט די בערד אין מיין קליין שטעדטעל. וואָסערע שעהנע אידען, וואָסערע מאַנארכען! איך דערמאָן זיך אָן דער באָרד פון יוסף־נטע — אַ ברוגז׳ע באָרד, אַ פארשפּיצטע. ער האָט ניט געדאַרפט צו אייך רעדען, אַז איהר זאָלט זעהן, אַז איהר האָט דאָ צו טאָן מיט אַ אידען, וועלכער קוקט ערנסט אויף דעם לעבען און וואָס איז כלו גערעכטיגקייט; זיין באָרד האָט עס אייך דערצעהלט. איהר האָט אין זיין אַנוועזענהייט ניט געוואגט רעדען הויך; זיין באָרד האָט אייך געזאָגט: דרך ארץ, יונגער מאַן, זעהסט דו ניט ווער עלטער איז?

די באָרד פון משה פּינעס, וועלכע פלעגט זיך אויסשפּריי־טען ברייט און בהרחבה׳דיג איבער זיין ברוסט! אַ הויכער מענש און אַ גרויסע באָרד. די באָרד איז אפילו געווען אַ רויטע, און פונדעסטוועגען אַזאַ נאָבעלע. איהר האָט פון דער באָרד געקענט אָפּלערנען, אַז דער מענש איז אַ גוטער, אַ ליב־ליכער. די באָרד איז געווען אַ מילדע, האָט פון זיך אַליין הנאה געהאַט.

די באָרד פון משה סופר — די מעשענע באָרד, ווי מען פלעגט זי רופען. אמת׳ע מעש. אַן אָנגעצונדענע באָרד, אין וועלכער דער פייער פון כעס האָט שטענדיג געברענט און איז ניט אויסגעברענט געוואָרען, ווי דער „סנה“ אויף וועלכען גאָט האָט זיך באוויזען צו משה׳ן.

משה סופר — אין זיין מויל זאָלסטו ניט אריינפאַלען! אַזוי האָט געזאָגט זיין באָרד.

די דאָזיגע דערמאָנטע בערד זיינען געווען לאַנגע, יוצאים מן הכלל. דער כלל איז נאַטירליך געווען מיטעלע בערד. בערד

אַלערליי, איינציגע וועלכע פלעגען ווי אַ זיידענע עטרה ארומ־נעהמען די באַקען, איינציגע קיילעכדיגע בערד, איינציגע שפּיציגע. דאָס רוב בערד זיינען געווען שווארצע, אָבער עס האָבען אויך ניט געפעהלט קיין רויטע, פלאַקסענע און מעשענע בערד.

איך דערמאָן זיך אָן שכנא יודאָס׳ס בערדעל, אַ פלאַקסענע, אַ זיידענע, פון וועלכער עס האָט ארויסגעשיינט אַ מין פאַר־שעהמטקייט, אַ צוריקגעצויגענקייט. ער איז געווען דער אמת׳ער זיידענער יונגערמאַן; די באָרד איז געווען כולו זייד.

אַ רוחניות׳דיגע באָרד, האָר וואָס האָבען דערמאָנט אָן די הימלען, איז געווען די באָרד פון דעם קאָרניצער רב. ניט קיין געדיכטע באָרד, דאָך אַ יש׳דיגע; נאָך ניט אינגאנצען גרוי, אָבער גרוילאָך. יעדע האָר האָט מען געקענט צעהלען. די באָרד איז געווען ווי באוואוסט איבער איהר זיין, איז געווען ווי פארקלעהרט, ווי זי וואָלט זוכען אַ פּתרון אויף דער רעטעניש פון דער וועלט.

עס זיינען געווען אַלערליי בערד. אידען מיט שעהנע בערד, וואָס מאַכען זיי דאָרט?

עס זיינען פון אונזערע אור־עלטערען זעהר ווניג בילדער געבליבען. אָבער פון די, וואָס זיינען געבליבען, איז צו זעהן, אז אויך אונזערע אור־עלטערען האָבען ניט נאָר געטראָגען בערד, נאָר אויך געהאַט שעהנע בערד.

דאָס בילד פון רמב״ם. שווער צו זאָגען אויב דאָס איז אַ ריכטיג בילד. אַלענפאַלס, וואָס פאַר אַ שעהנע באָרד. זי איז אַן עדות אויף זיין שכל הישר; אַ געוויסען ריטם איז אין איהר צו באמערקען.

דערפאַר איז פיל ווילדער די באָרד פון מרש״א — אַ לאַנג־צעוואוואקסענע באָרד, אַ פאַר׳פּלפּול׳טע, אליין אַ מין שווע־רע סוגיא, אַ טיפער שקלא וטריא. איהר האָט דאָך געוויס געזעהן זיין בילד? אַלענפאַלס אַ שעהנע באָרד, וועלכע פּאַסט פאַר דעם מהר״שא.

וואָרים, באמת, האָט איהר דען ווען עס איז זיך געקענט

פאַרשטעלען דעם מר״שא אָהן א באָרד, אָדער דעם רמב״ם אָהן א באָרד? עס איז פּשוט א געלעכטער.

ווען מיכל אַנדזשעלאָ האָט אין שטיין אויסגעהאקט א בילד פון משה, האָט ער איהם באצירט מיט א גרויסער באָרד, א באָרד א לאַנגע, א קעניגליכע, בבחינת הוד שבהוד. ווי אַנדערש? משה אָהן א באָרד, אָדער משה רבנו מיט א קליין בערדעל? דער מאן, וואָס האָט ארויסגערופען אזוי פיל רעס־פעקט צו זיך; דער מאן, וואָס איז געווען אַן אריינגעהער ביי גאָט, כביכול, זאָל האָבען א קליין בערדעל? דאָס איז געגען דעם שכל און געגען גוטען געשמאַק.

דערפאר געפעלט מיר ניט דאָס בילד פון די נביאים, וואָס דער גרויסער מאהלער סארדזשענט האָט געמאָלען. ער האָט דאָרט אין דער גרופּע אייניגע נביאים אָהן בערד. דער שכל וויל עס ניט תופס זיין. עס איז מעגליך, אָבער ניט וואהר־שיינליך. אידישע נביאים אָהן בערד איז א סתירה מיניה וביה, א פּשוט׳ע נאָנסענס. אידישע פיהרער האָבען שטענדיג געהאַט שעהנע בערד.

איצט נאַטירליך ווערט עס אַנדערש. איצט, ווען דער אידישער צענטער האָט זיך איבערגעטראָגען אין אַנגלאָ־זאַק־סישע לענדער, וועט עס, ווי עס זעהט אויס, נעהמען א סוף צו דער אידישער באָרד, צום עדות אויף דער קולטור־רייפקייט פון אונזער פאָלק.

ביז איצט איז נאָך געווען אַנדערש. דער גרויסער ציוניס־טישער פיהרער, דר. הערצל, האָט ניט נאָר געהאַט א באָרד, נאָר אויך זעהר א שעהנע באָרד, א קעניגליכע.

הערמאַן באַר, דער באריהמטער עסטרייכישער שריפט־שטעלער און הערצל׳ס פערזענליכער פריינד, האָט נאָך הערצל׳ס טויט געשריבען א פעליעטאָן איבער הערצל׳ס באָרד, אין וועל־כען ער האָט אָנגעוויזען אויף איהר מאַיעסטעטישקייט און פאַר־טרוימטקייט צו דער זעלבער צייט. הערצל אָהן דער באָרד איז אַן אונמעגליכקייט — איז באַר געקומען צום שלוס.

עס ווילט זיך צוזעצען, אַז אַ גרויסער ציוניסטישער פיה־רער אָהן אַ באָרד איז אין אָנהויב געווען זעלטען.

ווייל זעהט: ניט נאָר הערצל האָט געהאַט אַ שעהנע באָרד, נאָר אויך זיינע ביי זייט זייט שטעהענדע ארויסהעלפער זיינען אויך געווען באקרוינט מיט שעהנע בערד. וואָלפסאָן מיט זיין שטרענגער, פעסטער באָרד, און נאָרדוי מיט זיין גלייכער סימעטרישער ווי שניי ווייסער באָרד, וואָס אויף איהר איז געלעגען אויסגעגאָסען אזוי פיל ליכטיגקייט.

אוסישקין, פון דעם אנדערען לאגער, האָט אַ לאָגישע, זיכערע באָרד, וועלכע אפילו אַ „רוח שאינה מצויה" וואָלט פון אָרט ניט באוועגען. ליליענבלום, דער הויפּט־טעאָרעטיקער פון חבת ציון — ווייטער אַ איד מיט אַ גרויסער אהרן־באָרד.

אפילו עדמונד ראָטשילד פארמאָגט אַ שעהנע באָרד. באַראָן הירש, פארקעהרט, האָט קיין באָרד ניט געהאַט — איז ער געווען נעגען ציוניזם. בדרך אגב, זיין בילד איז געווען דאָס ערשטע אידישע בילד פון אַ מאַן אָהן אַ באָרד, וואָס האָט געהאנגען אין אידישע הייזער.

מיט וואָלפסאָן'ס ארונטערגעהן פון שטול איז דער ציוניזם אריבער אין די הענד פון אָהן בערדיגע פיהרער — ווארבורג, האנטקע און רופין זיינען שוין אידען אָהן בערד.

אין אַמעריקא איז צו איין צייט דער ציוניזם געווען אין די הענד פון אידען מיט בערד — פריהער גאָטהייל, נאָכדעם פרידענוואַלד. איצט איז ער אין די הענד פון אידען אָהן בערד. איז עס אַ סימן פון אויפשטייג אָדער פארקעהרט?

סיי ווי סיי, בעסער־ערגער, עס איז זיכער, אַז די צייט פון די בערד איז אריבער.

צווישען אונזערע שריפטשטעלער פארנעהמען היינט די אידען מיט די בערד אַלץ וואָס ווייניגער פּלאַץ, כאָטש ערשט ניט לאנג צוריק איז עס געווען דאָס סאַמע נאַטירליכסטע, אַז אַ אידישער שריפטשטעלער זאָל טראָגען אַ באָרד.

ליליענבלום'ען האָב איך שוין דערמאָנט. לעווינסקי האָט

אויף געהאַט אַ גאַנץ היבשליכע באָרד. אונזער ברייניןֿ, צו אריכת ימים, טראָגט נאָך אויך אַ באָרד. אחד העם דאָסזעלבע, קלויזנער אויך. דערפאַר האָבען די גרויסע העברעאישע דיכטער ביאַליק און טשערניכאָווסקי מעהר ניט קיין בערד. קיין סימן דערפון. בלויז שניאור טראָגט נאָך אַ שעהנע באָרד און איז אַ מסלסל בזקנו. פרישמאַן איז געווען גלאַט געגאָלט. פון די איינגערע איז ניטאָ וואָס צו רעדען — כמעט אַלע אָהן בערד.

זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, ווען מען לייענט וואָס די פּאָליאַקען טוען צו אידישע בערד, הויבט אָן פאַרדריסען וואָרום די אידען האָבען אָנגעהויבען אָרונטערנעהמען די בערד.

מיר זאָלען דאָך בערד טראָגען שוין צוליב דעם אַליין, ווייל די פּוילישע בויאַנעס טראָגען עס ניט. עס זאָל דאָך אָן אונטערשייד זיין צווישען מענשען און חיות אין מענשען־געשטאַלט.

צו הערצל׳ס טאָג־בוך

עס איז זיך שווער אפילו פאָרצושטעלען ווי אונזער לעבען אין דעם לעצטען פערטעל יאָהרהונדערט וואָלט אויסגעזעהן, ווען טעאָדאָר הערצל וואָלט מיט אונז ניט געלעבט.

ער איז דאָך געווען דער אָנהויב פון אַלעם שעהנעם, אַלעם גראַנדיעזען, ערהאבענעם און הייליגען אין אונזער איצטיגען נאַציאָנאַלען לעבען. עס רוישט איצט ביי אונז, און עס קאָכט מיט אַלערליי פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. עס ציהט זיך אַ גרויסער לעבענס־שטראָם און קליינע שטראָמעלאַך. עס האָט זיך פאָרמירט אַ פּאָליטיש לעבען, מיט קאַמפּען, נצחונות און מפּלות. עס זיינען געגרינדעט געוואָרען שולען אַלערליי, וואָס זוכען צו דערהאַלטען די אידישע נשמה ביים לעבען. עס קלינגט אין דער לופט דאָס אידישע ליד, דער אידישער לייט־מאָטיוו, דאָס פרייריגע האָפנונגס־געזאַנג. עס הערען זיך אויף די גאַסען די העלע, זוניגע, שטאָלצע טענער פון אַן אַלטער אריסטאָקראַטישער שפּראַך. אַ נס איז געשעהן: אַ האַלב־טויט לשון, וואָס כאָטש עס איז הייליג, איז דאָך, ווי די „שמות” אויף דעם שוהל־הויף, אוועקגעשטעלט געוואָרען מחוץ פון דעם אַלטעגליכען גאַנג פון אידישען לעבען, — דאָס דאָזיגע האַלב־טויטע לשון איז צוריק לעבעדיג געוואָרען, און עלטערען און קינדער, מענער און פרויען רעדען די שפּראַך פריי, מיט חן און טעם; עס זיינען אויפגעשטאַנען זינגער, דיכטער, פּאַקעל־טרעגער, וועג־ברעכער, מאַהלער מיט דער פעדער און מיט דעם פּענזעל, פּאָליטיקער, פיהרער, רעדנער, מטיפים און דרשנים — אַלע רופען צו אַ נייעם לעבען, גיבען אַ נייעם אינהאַלט צו אַלטע פאָרמען, גיסען

נייעם וויין אין די אַלטע פעסער, וועקען דעם באוואוסטזיין, היילען וואונדען, שטארקען דעם גייסט, שטייפען דעם רוקען, שטאַלען די פויסט, ברענגען צוריק צום לעבען די אידישע גבורה, דעם אידישען מוט.

עס איז אויפגעשטאנען א נייער דור, מיט פעסטער ברוסט, מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט מוט און זיכערקייט אין אויג, מיט אונגעבראָכענעם אייזערנעם ווילען, גרייט אויף די גרעסטע קרבנות, ווען נאָר זיי זיינען נויטיג פאר דעם גליק פון זייער פאָלק, און עס פלאַטערט אין דער לופט ווייס און בלוי דער סימבאָל פון אידישער אויפלעבונג — די אידישע פאָהן!

און דאָרט אין מזרח, אויף דער היליגער ערד, זיינען גע־שאפען געוואָרען אָנהויבען פון א ניי, פריי לעבען, מיט דעם בלוט און שוויים פון אן ערוואכטער יוגענד. דאָס פאר אכצעהן הונדערט יאָהר פארלאָזענע לאַנד האָט אויפ'ס־ניי אין זיך אויפ־גענומען א נייעם שטראָם אידיש בלוט, און איז צוריק צום לעבען אויפגעשטאַנען. און עס האָבען דאָרט אויפגעבליהט פילע ליכטיגע, זוניגע פונקטען; נאקעטע בערג האָבען זיך אין גרינע יום־טוב־מלבושים אויסגעפוצט, די געלע זאמד־בערג, געזעטיגט פון אידישען שוויים, האָבען זיך אין אָאזיסען פארוואנדעלט, זיינען א ברכה פאר דעם לאַנד און איהר באפעלקערונג געוואָרען.

און עס ציהט זיך פון אַלע עקען וועלט אהין א יוגענד מיט א העלדען־ליד אין מויל, גרייט מיט איהר מאַרך די וויסטעם פעט צו מאכען און אן אייגען לאַנד פאר איהר פאָלק צו שאפען.

ווי האָט אויסגעזעהן אונזער לעבען פריהער מיט פינף און צוואנציג יאָהר, און וואָס איז עס איצט? וואָס איז געווען איידער הערצל איז ווי א זון איבער אונזער יאָמער־טאָל און טרעהרען־אינזעל אויפגעגאנגען, און שפעטער, ווען ער האָט מיט אונז א צעהנדליג יאָהר געלעבט און געווירקט?

לאָזען די טעאָרעטיקער זיך האמפּערען מכח דעם, צו די אומשטענדען באשאפען, רופען ארויס די גרויסע מענשען, אָדער, פארקעהרט, די גרויסע מענשען שאפען די אומשטענדען; זאָלען

יונגע לייט שרייבען דיסערטאַציעס מכח דער פראַגע צו די סביבה רופט ארויס דעם זשעניע אָדער דער זשעניע איז אונאָפּהענגיג פון דער סביבה ארום, פון זיין מיליע, און ער קומט און נעהמט דעם סצעפּטער אין זיין האַנד און רעגירט איבער זיין פאָלק, איבער זיינע מיטמענשען און צווינגט זיי אויסצופאָלגען זיינע באַפעהלען. זאָלען יונגע לייט זיך באַמיהען אויפפלאָנטערען דעם קנויל און קריגען דאָקטאָר-טיטולען פאַר זייערע בייטראַגען, פאַר אויפקניפּען אַ קניפּעל אין דעם פראַגען-פלאָנטער. זאָלען זיי — מיר זיינען עדות אויף דער גרויסער ערשיינונג, וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין דער געשיכטע! פון יענער זייט פון אידישען לעבען איז געקומען אַ מאַן, הויך און שטאָלץ, אַ קעניג-פיגור מיט כישוף אויף זיינע ליפּען; אַן אַנדערער, פון אַן אַנדער וועלט; און ער האָט מיט דעם בליק פון זיין אויג דעם חושך צוריסען, און ער האָט מיט דעם בליק פון זיין אויג דעם תוהו ובוהו פון אונזער לעבען אָפּגעשאַפט; און ער האָט געצוואונגען אַ צורודערט, אַן אָפּגעלאָזט פאָלק זיך צוצוהערען צו זיינע ווער-טער און נעהמען די היסטאָרישע טאַרבע און דעם וואַנדער-שטעקען און פון זיי אַ שטאָלצע פאָהן מאַכען, די נויט און די וואַנדערונג אין פרייהייטס-פאַקטאָרען צו פאַרוואַנדלען.

ווער איז דער מאַן געווען? זעלטען ווען איז וועגען אַ מענשען אַזוי פיל געשריבען געוואָרען ווי וועגען טעאָדאָר הערצל. גלייך מיט זיין ערשיינען האָט ער באַצוואונגען אַלע הערצער און באַזיגט די פאַנטאַזיע פון אַ פאָלק. מיליאָנען אויגען זיינען צו איהם געווענדעט; ער איז געווען דער סימבאָל פון אידישער איינינקייט, דער נייער איד, דאָס געוויסען און דער שטאָלץ פון פאָלק; יעדען שריט זיינעם האָט מען באַשריבען; -עפּאָרטערס האָבען איהם ארומגערינגעלט, זיינען איהם ווי אַ שאָטען נאָכגעגאַנגען; מכח יעדער קליינינקייט, וואָס איז איהם נוגע געווען, האָט מען דער אידישער וועלט גלייך געלאָזט וויסען, און זי, די אידישע וועלט, האָט די ידיעות מיט דער גרעסטער דורשט געשלונגען. און דאָך איז ער געבליבען דער ברייטער

וועלט אומבאַקאַנט. ער איז געקומען צו אונז אויף אַ לעגענ־דאַרישען אופן, און מיט יעדען יאָהר איז די לעגענדע געוואַקסען. ער איז געקומען צו אונז איינגעהילט אין איין סוד־שלייער און געשטאָרבען אין זיבען סוד־שלייערן.

ער איז געקומען פּלוצלונג און געשטאָרבען פּלוצלונג. דער ריז, אין סאַמע בליהונג פון זיין לעבען, איז אין איינציגע טעג פאַרברענט געוואָרען אויף זיין בעט. דאָס הייסע אידישע האַרץ איז געבליבען שטעהן באַלאַדען מיט אייז־פּאַכירען. די נייעס מכח זיין טויט איז געקומען צו דער וועלט פּלוצלונג. ער איז געפאַלען ווי אַ דעמב. ווען האָט ער אָנגעהויבען קראַנק ווערען? דאָס איז געווען אַ סוד.

שפּעטער ערשט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער הער־קולעס איז אַ קראַנקער געקומען צו דעם לעצטען קאָנגרעס, אויף וועלכען ער האָט זיין הייליגע שבועה צו ציון מיט אַ ציטערענ־דער שטימע באַנייט: „אם אשכחך"; אַז אויף זיין בלענדענד אויג האָט אַ שאָטען געשוועבט; אַז דעמאָלט האָט זיין האַרץ שוין געברענט אין אַ פייער ווי אַ ליכט פון צוויי עקען.

די וועלט האָט דערפון ניט געוואוסט — אַלץ, דאַכט זיך, געוואוסט, און דאָך דעם עיקר ניט געוואוסט.

ער איז נאָך אַ מאָל געבליבען אַ סוד. די וועלט האָט גע־וואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַן אינטערוויו מיט באַראָן הירש. ער אַליין האָט פאַרצייכענט פאַר דער עפענטליכקייט דעם גע־שפּרעך, וועלכען ער האָט מיט איהם געפיהרט. צוויי וועלטען האָבען זיך צונויפגעשטויסען, צוויי טרוימער: דער מאַגנאַט פון גאָלד, און דער מאַן פון אייזערנעם ווילען. וואָס הערצל האָט געזאָגט צו באַראָן הירש — דאָס האָבען מיר געלייענט; וואָס הערצל האָט געטראַכט מכח דעמזעלבען באַראָן, צו וועמען ער האָט אַזוי שאַרף און אַזוי שטאָלץ גערעדט — דאָס איז גע־בליבען פאַרהוילען. און גראָד דאָס לעצטע ווילט זיך דאָך אַזוי גערן וויסען.

שפּעטער איז מען על פּי צופאַל געוואָהר געוואָרען, אַז טראָץ

דעם צוזאַמענשטויס צווישען די ביידע, האָט דאָך הערצל זיין האָפנונג צו געווינען דעם מאַגנאַט־טרוימער, — וועלכער איז ניט געווען קיין פשוט'ער געלד־מענש, נאָר אַ מענש פון אידעען, פון הויכע און שעהנע שטרעבונגען, — ניט אויפגעגעבען, און האָט מיט וועהטאָג אין זיין טאָג־בוך פאַרצייכענט דעם טאָג ווען דער באַראָן איז געשטאָרבען, אָלס טרויער־טאָג אין ציוניס־טישען לוח. דער באַראָן איז געשטאָרבען פונקט ווען דער „יודענשטאַאַט" איז ארויס פון דרוק.

אין זיין טאָג־בוך . . . דורך וואונקען און סוד'ען זיך פון מקורבים איז עס באַקאַנט געוואָרען, אַז הערצל פיהרט אַ טאָג־בוך, אַז ער האָט אַן אינטימען פריינד, וועמען ער פאַרטרויט זיינע אַלע סודות, זיינע ספקות און זיינע ענטוישונגען, זיין צער און וועהטאָג, זיינע טרעהרען און זיפצען, זיינע אמת'ע מיינונגען איבער מענשען און פאַסירונגען, זיינע נביאות, זיין פרייד און האָפנונג.

ביי יעדער געלעגענהייט פאַרצייכענט ער אין זיין טאָג־בוך אין דעם הערצל'שען סטיל, וואָס איז אזוי קרישטאַל־קלאָר, אָפּ־געטאָקט, אָביעקטיוו, אזוי דורכזיכטיג, אזוי פשטות'דיג, אַז דו פאַרשטעהסט אָהן מיה, און ווערסט געפּאַקט פון זיין פלאַס־טישער שעהנקייט, און קענסט די אויגען ניט אָפּרייסען פון די ווערטער, וואָס לויפען אזוי רוהיג, וואָס שפּילען זיך אזוי פּערעלדיג, און יעדעס וואָרט איז מיט ליכט באַגאָסען. עס איז ליכט, אָבער עס איז ניט דאָס שאַרפע זונען־ליכט פון חודש תמוז, נאָר דאָס ליכט פון שקיעת החמה, ריינע, זילבערנע וואָלקענדלאַך, באַזוימט מיט ציטערנדיגען גאָלד־קאָליר; עפּעס סודות'דיגס, ווי אַ וואַסער־רויש, הערט זיך אין די ווער־טער. עס איז רוהיג, און דאָך שיינט די ליידענשאַפט ארויס פון די שורות ווי די רויטע יאַגעדעס פון צווישען גראָז. עפּעס איז דאָס פּאַפּיר ווי פאַרפּיומירט און עס נעהמט אייך ארום אַן ערדעלער ריח און דאָס הארץ נעהמט אויף שנעלער קלאַפּען.

וועלען מיר אמאָל זוכה זיין צו לייענען דעם טאָג־בוך כדי

צו כאַפּען כאָטש איין דורכדרינגענדען בליק אין זיין נשמה?
מיר קענען הערצל דעם קעניג, דעם אונגעקרוינטען, הערצל דעם עסטעט, הערצל דעם טראָהן־רעדנער, דעם מאַן פון געצעהלטע ווערטער, הערצל דעם דיפּלאָמאַט, דעם נביא. וואָס איז אָבער מכח הערצל דעם מענש, דעם פּאָטער, דעם מאַן ניט פון דער עפענטליכקייט נאָר דער מענש מיט זיך אַליין, וואָס זיצט ביי זיין שרייב־טיש און אַ ליכט־פלאַם ציטערט און באַלייכט אַ באַ׳צער׳ט פּנים, וואָס איז אַ תפילה: גאָט מיינער, אַ שווערען יאָך האָסטו אויף מיינע פּלייצעס ארויפגעלעגט. גיב מיר כחות איהם צו דערטראָגען!

מיר ווייסען, אַז הערצל איז דורכגעפאָהרען ווילנא און אידען האָבען איהם באַגעגענט ווי אַ מלך — צעהנדליגע טויזענדע אין די גאַסען. אָבער די צאַרישע קנוטע האָט גראַד אין יענעם טאָג פון זיין גליק, וואָס ער איז נאָהענט צו די מאַסען פון זיין ליב פאָלק געקומען, געבושעוועט און געשניטען רעכטס און לינקס און צוטריבען מיט דעם ווילדען רוסישען „ראַזאַיטיס!" דעם עולם פון די גאַסען, וואָס איז געקומען כאַפּען כאָטש איין בליק אויף זייער ליבען, שטאָלצען פיהרער. הערצל האָט די שרעק־ליכע סצענע געזעהן, און מקורבים האָבען שפּעטער דערצעהלט, אַז ער האָט טרעהרען דערויף פאַרגאָסען און זיך מיט צער און פאַרדרוס געפרעגט: גאָט, ווי אַזוי לעבען זיי? עד מתי?

האָט הערצל מכח זיינע עדלע געפיהלען עפּעס פאַרציי־כענט אין זיין טאָג־בוך? ווי עס וואָלט זיך וועלען דורכלעבען מיט איהם זיין צער. וועלכער האָט פּילייכט דורך איין וואָרט זיינס געפונען אַ תיקון!

ווען וועלען מיר דאָך זוכה זיין צו קענען געפינען דעם קוואַל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך פאַר׳חתמ׳עט אַלס ירושה פאַר דער אייביגקייט? ווען? ווען?

ניט איינמאָל האָב איך זיך די פראַגע געשטעלט, ווען נאָר כ׳האָב מכח דער וואונדער־פּערזענליכקייט געטראַכט — איך און אַנדערע טויזענדע אידען, וואָס זיינען באַקאַנט מיט דעם רייכען,

פילפאַרביגען לעבען פון הערצל. זיי האָבען דעם טאָג־בוך גע־וואָלט זעהן, כדי צו זעהן ענטפּלעקט א ביסעל די גרויסע נשמה, וועלכע איז צו אונז געקומען בהיסח הדעת.

עס איז באַקאַנט דער וועלט, אז הערצל האָט געהאַט אוי־דיענצען מיט קעניגע און דעם סולטאַן. עפּעס האָט מען געהערט וועגען דעם אָנבאָט פון סולטאַן איהם צו געבען א טשאַרטער אויף דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד פאַר אַזוי פיל און אזוי פיל געלד. און ער, הערצל, האָט זיך געווענדט צו די אידישע רייכע און האָט דאָרט באַגעגענט טויבע אויערען און פאַרשטאָפּטע הערצער; און הערצל, דער טאַקטפולער, עדעלער מענש, איבער וועמעס ליפּען עס איז ניט אַריבערגעקומען קיין איין ניט שעהן וואָרט, האָט אין זיין גרויסען הארצוועהטאָג און הייליגען פאַר־דראָס די האַרצלאָזע גרופּען „א פּאַק מיט הינט". איז עפּעס מכח אָט דעם פאַרצייכענט אין זיין טאָג־בוך? וואָס האָט הערצל געדענקט מכח דעם שלויען סולטאַן אבדול האמיד, מיט וועמען ער האָט פאַרהאַנדלונגען געפיהרט? דער סולטאַן, וועל־כער האָט געשפּילט אינטריגעס מיט קעניגע, דער דורכגעטריבע־נער פּאָליטיקער, איז אזוי ענטציקט געוואָרען פון הערצל, אז ער האָט איהם איינינע אָרדענס געגעבען, — מיט וואָס האָט די שעהנע הערצל־נאַטור באַצויבערט אָט די דונקעלע, אויסגעריבענע אונריינע סולטאַן־פּערזענליכקייט? דער סולטאַן איז דעמאָלט געוועזען אונבאַגרענעצטער הערשער; האָט ער אויף עמיצען פון זיינע אונטערטאַנען א בייזען קוק געגעבען, האָט עס געמיינט מיתה משונה. הערצל דער טרוימער, וואָס האָט פאַרטראָטען זיך און א גרופּע פון בעלי חלומות, — מיט וועלכען כח האָט ער געווירקט אויף דעם סולטאַן? וועט מען אפשר א שטיקעל ער־קלעהרונג דאַרויף געפינען אין זיין טאָג־בוך?

עס קומען אויף דעם קאָפּ פילע אַנדערע עפּיזאָדען, דער ערשטער און גרעסטער — דער „יודענשטאַאַט" אליין. אין זיין קליינער אויטאָביאָגראַפיע דערצעהלט הערצל, אז בעת ער האָט איהם געשריבען, האָט ער געהערט פליגעל־פלאַטערען איבער זיין

קאָפּ — שכינה־פליגעל. ווי אזוי איז ער אָבער געקומען צו דעם רעיון איבערהויפּט? זיינען די געדאַנקען רייף געוואָרען מיט אַמאָל, זיינען זיי ווי מינערוואַ גלייך ארויסגעשפּרונגען, אָדער האָבען זיי זיך ענטוויקעלט ביסלאַכווייז, ווי דאָס קליינע קערנדעל, וואָס וואַקסט אויס ווען עס פאַלט אויף דעם ריכטיגען באָדען צו אַ גרויסען פאַרצווייגטען בוים?

אויף די אַלע זאַכען ווילט זיך געפינען אַן ענטפער — אויב ניט קיין גאַנצען ענטפער, איז אַ רמז אויף אַן ענטפער, עפּעס אַן אָנצוהערעניש, וואָס די אָפיציעלע באַריכטען האָבען ניט געגעבען. איז עפּעס מכח דעם פאַראַן אין זיין טאָג־בוך?

הערצל איז געשטאָרבען און עס איז באַקאַנט געוואָרען, אַז אין זיין צוואה האָט ער אָנגעזאָגט ניט צו פאַרעפענטליכען זיין טאָג־בוך, ביז עס וועלען ניט אַוועקגעהן אַ געוויסע צאָהל יאָהרען. און איבערגעלאָזען האָט ער זיינע אינטימע פאַרצייכנונגען אין דעם רשות פון דער ציוניסטישען אָרגאַניזאַציע און האָט אָנגעזאָגט, אַז בלויז דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט דאָס רעכט די פּאַפּירען דורכצוקוקען און געבען זיין הסכמה וואָס עס זאָל און וואָס עס זאָל ניט געדרוקט ווערען.

יאָהרען קריכען, יאָהרען געהען, יאָהרען פליהען — עס ווענדט זיך אָן דעם ציל וואָס איינער שטעלט זיך. מיר האָבען זיך דערוואַרט די באַלפור־דעקלאַראַציע, די רעזאָלוציעס אין אַמעריקאַנער סענאַט און רעפּרעזענטאַנטען־הויז, און די אָפּשטימונג אין „האוז אָוו קאָמאָנס". דער אָנהויב פון דעם אַלעם איז דאָך געווען הערצל. ער האָט פאַר דעם נצחון דעם יסוד געלעגט. און מיר האָבען זיך אויך דערוואַרט, אַז הערצל׳ס טאָג־בוך דערזעהט דאָס ליכט.

מיט אַ ציטער פון פרייד און ענטציקונג וועלען מיר אַלע צוטרעטען צו דעם קדשי קדשים פון דעם נביא און כהן הערצל. אַן אינערע שטים זאָגט אונז: „שעל נעלך!" — טו אויס די וואָכעדיגקייט און עפען דיין הארץ, און זאָלען הערצל׳ס גרויסע, הייליגע געדאַנקען דיך באַהערשען!

עס איז אַ זכיה צו קענען לייענען דעם טאָג־בוך פון דעם גרעסטען איד פון אַ דור. עס בעט זיך אַ „שהחינו“ מיט כונה, און מע דערמאָנט זיך גלייכצייטיג די פילע און פילע פון אונזערע חברים און זיינע באוואונדערער, וואָס האָבען מיט אונז גלייך אָנגעהויבען די הייליגע ארבייט און געשטאָרבען און ניט זוכה געווען די פראכטפולע ווערטער צו לייענען.

דאָס בוך נאָך ביים שער רופט ארויס פרייד און טרויער.

חיים נחמן ביאַליק.

בשעת דער גרויסער השכלה־דיכטער י. ל. גאָרדאָן, זעהענדיג ווי מען לויפט פון יודענטום דורך טיר און דורך פענסטער, ווי פון פייער, ווי פון א זינקענדער שיף, האָט אין פארצווייפלונג געשטעלט די פראַגע: „פאַר וואָס באמיה איך זיך?“ (למה אני עמל?) און „ווער ווייס, אויב איך בין שוין ניט דער לעצטער צווישען די דיכטער?“, — אין יענער צייט האָט שוין ערגעץ־וואו געקליבען כחות דער גרויסער נייער דיכטער, וועלכער האָט זוכה געווען צו שאַפען א נייע תקופה אין דער העברעאישער פאָעזיע.

ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטעהן, מוזטו ניט נאָר אין זיין לאַנד געהן נאָר אויך זיין תקופה שטודירען. דער גרויסער פאָעט לעבט טאַקע איבער זיין צייט — ער איז אונשטערבליך — און געהט ארויס פון די גרעניצען פון זיין לאַנד — ער איז אוני־ווערסאַל — ער איז אָבער פונדעסטוועגען פאָרט א קינד פון זיין צייט און אָרט, און שפּורען דערפון מערקען זיך שטענדיג אין זיינע לידער.

דער גרויסער ביאַליק איז אין דעם קיין אויסנאַהם ניט.

אויף דער גרענעץ פון צוויי תקופות, און אפשר גאָר דריי, איז ביאַליק דיכטער געוואָרען. ער איז דאָס קינד פון כאָאָס. דאָס ליכט פון חסידיזם, וואָס האָט ערשט מיט א דור צוויי צוריק געברענט אזוי פריש, האָט זיך שוין געהאַלטען אין לעשען און אין רויכערען. וואָס ביאַליק האָט פארכאַפּט איז שוין ניט געווען קיין חסידיזם נאָר צדיקיזם — א מעלקענדע לוה פאַר קליינקעפּעלדיגע אידען באוואָפענט מיט זכות אָבות און זיל־

בערנע עטרות. די השכלה איז אין זיין יוגענד נאָך געווען אין איהר גאַנצען גלאַנץ, און זי האָט באמת אויף איהם אַ גרויסען איינדרוק געמאַכט, פון וועלכען ער האָט אין גאַנצען זיך ניט געקענט באפרייען עד היום הזה. איהם איז אָבער באשערט געווען צו זעהן אויך איהר גרויסען באנקראָט. די השכלה האָט ניט ערפילט איהר הבטחה. זי האָט ניט באפרייט דאָס פאָלק, נאָר, פארקעהרט, האָט ביי איהם אָפּגעצאַפּט פיל בלוט. דאָס בית המדרש, פון וועלכען ער האָט מיטגענומען מיט זיך ווען ער האָט עס פארלאָזען „אַ פּרוכטבאַרע מחשבה, אַ בליהענד פרישע לאָגיק און אַ גאַנץ הארץ, וואָס האָפט אויך ווען די קניע גליטשט זיך אויס", דאָס דאָזיגע בית-המדרש, וואָס איז אין זיין יוגענד פארקלונגען געוואָרען מיט הייליגע נגונים, מיט פלאַמענדע קולות וואָס האָבען די נשמה ביז צום הימעל אויפ־געהויבען, דאָס דאָזיגע מקלט-פלאַץ פון אידישען גייסט איז געבליבען לעדיג: איינציגוויז איז מען זיך דערפון צולאָפען, און עס איז געבליבען ווי אַ נעסט אום ווינטער נאָכדעם ווי די פויגעל האָבען זי פארלאָזען. און גלייך דארויף האָט אַ שלאַג געגעבען די פרישע כוואַליע פון ציוניזם, וואָס איז אויך געווען אַ פּראָדוקט פון דער פארצווייפלונג און ענטוישונג.

אין אָט דער דאָזיגער צייט האָט ביאַליק אָנגעשטימט זיין לירע. אָט ווי דער דיכטער אַליין שילדערט עס אין איין ליד:

„און די צייט איז געווען אַ צייט פון תהו־ובהו, פון צו־מישטע גרענעצען, פון סוף און אָנהויב, פון צושטערונג און בויאונג, פון עלטער און יוגענד. און מיר, די קינדער פון דער צווישען־צייט, האָבען, באוואוסט און אונבאוואוסט, פאר די ביידערליי געטער זיך געבויגען און זיי אָנערקענט . . ."

* * *

ביאַליק, וואָס האָט די צווישען־צייט דורכגעלעבט, האָט דארום ניט געקענט ווערען דער דיכטער פון דער אידישער אויפ־לעבונג. דארויף פעהלט איהם דער גלויבען. ער האָט מיט זיינע אויגען דעם חורבן געזעהן, וועלכער האָט זיין נשמה אין טיפע

שאַטענס פון יאוש איינגעהילט, און ער קען זיך פון דעם יאוש ניט ארויסרייסען. ער איז אָבער פאַרט דער נאַציאָנאַלער פּאָעט פון דעם אידישען פאָלק.

ער באַפרייט זיך אין גאַנצען פון דעם איינפלוס פון דער השכלה, וועלכע האָט געמיינט, אַז די אידישע ערלעזונג קען קומען דורך דעם יחיד. ביאַליק פאַרשטעהט, אַז אַנזער אונגליק איז ניט דער אונגליק פון פרט נאָר פון כלל. דער פרט ליידט דורך דעם כלל און, אויב ער וויל ניט זיין באַפרייאונג זוכען דורך איבערלויפען צום שונא'ס לאַגער, מוז ער צוזאַמען מיט דעם כלל זוכען אַ תרופה.

און ביאַליק נעהמט באַקלאָגען דעם ביטערען גורל פון כלל, פון דער אידישער אומה. ער שלאָגט־אויף אַן ערשיטערענד ליד, וואָס שפּאַלט די הימלען. ער געהט אָבער אין גיכען איבער פון קלאָגען אויף שטראָפען. דאָס פאָלק ליידט פון גלות, דער גלות איז פיל שולדיג אין פאָלק'ס אונגליק, אָבער דאָס פאָלק אליין איז שולדיג וואָרום עס איז אין גלות.

אַ ביטערער רעיון פאַרזעצט זיך ווי אַ פּיאַווקע אין פּאָעט'ס ברוסט און זויגט זיין בלוט אָהן אַן אויפהער: דאָס פאָלק איז אין גלות, ווייל עס וויל דאָרט זיין. דאָס פאָלק איז אַ שקלאַף, עס איז בלינד ווי דער מוילוואורף און צופרידען ווי דער וואָרעם וואָס ליגט אין כריין.

ווערט ער אין כעס אויף זיין פאָלק, — וועלכען ער האָט דאָך אַזוי האַרציג, אַזוי טיף ליב, — און נעהמט אויף זיך די האָר רייסען, די פינגער בייסען, מיט דעם כעס פון אַ שמשון, וואָס מע האָט אין אַן אייזערנער שטייג איינגעזעצט און פאַר זיינע אויגען זיין געליבטע געשענדט, און ער לאָזט ארויס אַ ברום ווי אַ צורייצטער טיגער און הייבט אָן שטראָפען, און אין די שטראָף־רייד גיסט דער פּאָעט אריין די שטראָמען גיפט, וואָס האָבען אין זיין האַרץ זיך אָנגעזאַמעלט, און דאַן פּלאַצט ער ארויס אין אַ געוויין מיט טרעהרען אין וועלכע ער האָט

„דעם תמצית פון זיינע וועהטאָגען ארייגגעגאָסען און מיט

וועמעס יעדען טראָפּען זיינע אַ שטיק נשמה ווערט אָפּגע־שטאָרבען".

עס טרעפט אמאָל, אַז ער ווערט אין כעס אויף דער וועלט, וואָס איז אזוי גרויזאַם געגענאיבער זיין פאָלק, און ער גיסט דאַן אויס אויף איהר זיין כעס און זאָגט איהר דעם גאַנצען ביטערען אמת, אַז איהר באריהמען זיך און גרויסען זיך מיט איהר פאָרטשריט און ליכט איז אַ גרויסער ליגען.

און אַ שטערן צו אַ שטערן וועט ציטערען:

אָט איז דער שרעקליכער ליגען!
אָט איז דער גרויסער טרויער!

און דער גאָט פון נקמה, זיין הארץ פארוואונדעט, וועט אויפשטעהן און שרייען און מיט זיין גרויסער שווערד וועט ער ארויסגעהן...

אָבער מעהר ווי ער גיסט זיין צאָרן אויס אויף אַ הארצלאָזער וועלט, וואָס פייניגט אַ פאָלק שוין אזוי פיל דורות, גיסט ער זיין צאָרן אויס אויף דעם פאָלק אליין.

אפילו ווען עס ברעכט אויס דער שרעקליכער קישענעווער פאָגראָם און ער פאָהרט אויף דעם „פלאַץ פון דער הריגה", ווערט ער ניט אזוי פיל גערירט פון די ערלים וואָס האָבען באַ־פאַלען אונשולדיגע מענשען אין מיטען העלען טאָג און פון זיי ווי ווילדע חיות לעבעדיגערהייד די אברים געריסען, ווי פון דער געפאַלענקייט פון זיין אייגען פאָלק. ער פאַלט אָן אויף זיין פאָלק מיט דעם גאַנצען גלות און וואוט פון זיין נשמה, פלעכט אויס אַ בייטש פון שלאַנגען און שמייסט זיין פארוואונדעט לייב.

אין אַ פלאַסטיש־רוהיגען טאָן דערצעהלט ער וועגען די הימעל־שרייענדע גרויזאַמקייטען פון די ערלים. ער ציטערט אָבער קאָנוואולסיוו אויף מיט'ן גאַנצען לייב, זיינע אויגען קעהרען זיך ווילד איבער און שיסען מיט בליצען, ווען ער נעהמט דערצעהלען ווי זיין פאָלק האָט זיך אויפגעפיהרט. דער פאָגראָם איז גאָר ניט אזא אונגליק ווי דאָס „וואָס זייער גייסט איז טויט . . .

און גאָט האָט זיי פאַרלאָזען". אָט דאַרויף קלאָגט ביאַליק מיט אַ געוויין וואָס קען שטיינער ריהרען.

ער וויל ניט איינזעהן אַז אַ פאָלק, וואָס איז צוויי טויזענד יאָהר אין גלות, האָט געמוזט זיך צום שווערען שיקזאַל צוגע־וואוינען, און אַז אין זיין געפאַלענקייט איז ניט דאָס פאָלק שולדיג נאָר דער גלות. ער וויל דאָס ניט איינזעהן. ער נעהמט ניט אָן דעם תירוץ פון באַדינגונגען. ער מאָנט ביים פאָלק נייע באַדינגונגען.

אין זיין פאַרצווייפלונג, רופט ביאַליק זיך אַמאָל אָן „נביא האחרית" — דער נביא פון דער ענדע. ער איז אָבער אין דעם פונקט אַזוי אונגערעכט, ווי עס איז געווען גאָרדאָן, וואָס האָט מורא געהאַט, אַז מיט איהם וועט זיך די שורה פון אידישע פּאָעטען ענדיגען, און ער וועט זיין דער לעצטער פון די דיכטער.

ביאַליק איז ניט דער „נביא האחרית", נאָר דער שאַפער פון אַ נייער תקופה אין דער העברעאישער פּאָעזיע, דער פאַקעל־טרעגער פאַר אַ כנופיא דיכטער, וועלכע געהען אין זיין וועג און וועלכע האָבען אויך אָנגעשלאָגען גאַנץ פרעהליכע טענער. עס איז איצט דאָ אַ גרופּע חשוב'ע פּאָעטען אין העברעאיש. און אַ פאָלק, וואָס קען נאָך אַזוי פיל זינגער ארויסשטעלען, איז נאָך ווייט פון סוף...

* * *

ווען אַ דור איז זוכה, שטעהט אין איהם אויף אַ נאַציאָ־נאַלער דיכטער. ער איז אַנדערש פון דעם פאָלקס־דיכטער, מחמת דער פאָלקס־דיכטער איז דוקא פאַרבונדען בלויז מיט זיין תקופה און מיט דעם עקזיסטירענדען לעבענס־מצב. אַ נאַציאָ־נאַלער דיכטער איז אָבער דער דיכטער פון דער פאָלק'ס נשמה, פון איהר תמצית, פון איהר שורש. די תקופה איז נאָר די ראַהם ארום בילד, אָבער דאָס בילד איז דאָס פאָלק אין אַלע דורות. אין די לידער פון דעם נאַציאָנאַלען דיכטער קלינגט אָפּ דאָס ווידערקול פון דעם פאָלק'ס רעגונגען אין אַלע צייטען, דאָס אייביגע, דאָס באַשטענדיגע. צוליב דעם נאַציאָנאַלען דיכטער

ווערט די תקופה באריהמט, מחמת אויך די שפּעטערע דורות וועלען זיך צו דעם קוואַל ווענדען נאָך דערפרישונג.

אונזער דור האָט זוכה געווען ווייל אין איהם איז אין זיין גאַנצער גרויס ערשינען פאַר אונז דער נאַציאָנאַלער דיכטער ביאַליק.

אזוי ווי די אמאָליגע נביאים איז ער נאָך פון קינדהייט באשטימט געוואָרען צו זיין דער דיכטער פון דער אומה. און אין איהם אַליין איז סימבאָליזירט געוואָרען דער גורל פון זיין פאָלק. אין אן אָרעם הויז איז ער געבוירען געוואָרען, אין וועל־כען דער דלות האָט געפייפט ווי א צוריסענער שטיוועל וואָס שלעפּט זיך אין דער קליינשטעדטעלדיגער בלאָטע. פון זיין יוגענד אָן האָט ער די נויט דערקענט. אין זיין הארץ האָט זיך גאַנץ פריה דער טרויער פאַרקליבען.

אין איינעם פון זיינע לידער שילדערט ביאַליק דאָס הויז, ווי עס זעהט אויס אין א שבת — פרייטאָג־צו־נאַכטס. אויפ׳ן טיש פעהלט וויין און עס איז ניטאָ קיין חלה. די לייכטער זיינען פאַר׳משכנ׳ט און אויף זייער פּלאַץ שטעהען אין ליים איינגעשטעקט איינציגע מאָגערע ליכטלאך, וואָס שפּרינגען אויף די ווענט... און קינדער זאַלבע־זיבען, אין גאַנצען הונגעריג און אביסעל שלעפעריג, זיצען ארום טיש. די מאַמע, א באַ׳צער׳טע, הערט זיך צו אין דעם „שלום עליכם“, מיט וועלכע זיי באַ־גריסען די מלאכי־השרת, און דער טאַטע, ווי א שולדיגער, אַן אָרימער און דערשלאָגענער, פידעלט מיט א שטומפּיג מעסער איבער א שטיק שוואַרץ ברויט און א הערינג. און מען האָט נאָך דאָס שטיקעל אין זאַלץ געטונקענע ברויט ניט ריכטיג צוקייט, און זיי נעהמען שוין אויף דעם הונגעריגען, ברומענדען מאָגען און אויך דעם אויסגעהוילטען הארץ זינגען זמירות. און דעמאָלט שליסט די גריל זיך אויך איין אין כאָר און זינגט־מיט פון איהר פינסטערען שפּאַלט די נגונים...

אין אזא הויז איז דער נאַציאָנאַלער דיכטער געבוירען געוואָרען.

הונגער און נויט, אָבער דאָך זינגט מען זמירות און מען באַגריסט די מלאכי־השרת. אידען־קבצנים, אָבער דאָך בני־מלכים, וועלכע געהען ניט אַהיים פון שוהל אַז געטרייע מלכים זאָלען זיי ניט באַגלייטען. פאַר׳משכנ׳ט די לייכטער, אָבער ליכט ברענען דאָך, וואָס וועבען סודות אויף די ווענד. די שטימונג אין הויז איז שוין דאַרום ניט עהנליך צו דער שטימונג וואָס הערשט געוועהנליך אין אַן אָרעם הויז. עס איז גיכער עהנליך צו דער שטימונג פון אַ רייך הויז, אין וועלכען עס געפינט זיך אַ מת, אָדער טאַקע צו אַן אָרעם הויז, אָבער אין וועלכען עס וואוינט אַ באַריהמטער פידלער וואָס שפּילט אויס אַזעלכע יום־כפּור־טרויעריגע און אַזוי ביים האַרצען ציהענדע נגונים.

אויב איהר ווילט, איז דאָס הויז, אין וועלכען דער דיכטער האָט זיך ערצויגען, באמת ניט אַ סתם־הויז, נאָר סימבאָליזירט דאָס בית־ישראל. פון זיין מוטער׳ס טראַכט איז ביאַליק באַשטימט געוואָרען צו זיין דער נאַציאָנאַלער פּאָעט, און ער האָט געזאָלט אויף זיין אייגען לייב פּאַרזוכען דעם טעם פון אידישע צרות מיט זייער ספּעציעלען בייגעשמאַק.

אין זיין פריהער יוגענד איז ביי איהם דער פאָטער געשטאָרבען און ער איז געבליבען אַ יתום און די מאַמע אַן אלמנה. אַ יתום — דאָס מיינט ניט נאָר דעם אייגענעם טאַטען פאַרלאָרען, נאָר צו דער זעלבער צייט אַ גאַנצע שטאָדט מיט פרעמדע טאַטעס קריגען. ווער איז עס ניט קיין אַפּיטראָפּוס איבער אַ יתום? ווער נעהמט זיך ניט דאָס רעכט איהם מדריך צו זיין און זיך מישען אין זיינע זאַכען, און אויך מיט די שטיוועל אין דער סאַמע נשמה אריינקריכען?

זיין מוטער, וואָס איז געבליבען אַן אלמנה, האָט דאָך איהר שטאָלץ ניט פאַרלוירען און איז ניט געגאַנגען, חלילה, בעטלען. נאָך אין דער יוגענד האָט ביאַליק מיט זיינע אויגען געזעהן ווי זיין מוטער מוז אין מאַרק איהר בלוט און איהר האַרץ פאַרקויפען, און ווי זי קומט אַהיים אַ טויטע, און יעדע פרוטה וואָס

זי ברענגט איז פארשאָלטען, אין איהר הארצענס בלוט גע־ווייקט און אין גאַל געטונקען.

ביאַליק האָט עס אַלץ אין זיין פריהער יוגענד געזעהן און עס האָט זיין הארץ פארוואונדעט, ווי מען וואָלט עס מיט דער־נער שמייסען.

און גאָט האָט צו איהם געזאָגט אזוי:

אזוי ווי דו ביזט אַ יתום, אזוי איז דיין פאָלק פאָטערלאָז און פריינדלאָז. אויף אַ הונגעריגען מאָגען זינגט עס זמירות, וואָס שפּאָלטען די הימלען מיט זייער יאָמער־געשריי. האָב אויערען און הער. כאַפּ אויף זייער ליד און זינג עס אוים אויף דיין ריזען־טענאָר און זאָל די וועלט אַ ציטער טאָן!

הויב אויף די אויגען און זעה. דיין מוטער איז אַן אלמנה. אזוי איז אויך די כנסת ישראל. אין אַ טרויער־שלייער געהט זי שטענדיג געהילט. זי וויינט ניט, אָבער עס ברענט ווי פייער איהר ניט־אויסגעוויינטע טרעהר. שטיל, פון טיפען וועהטאָג זיפצט זי. עפען דיין ברייט הארץ און זאמעל־אויף, ווי איך, די טרעהרען אין דעם טרעהרען־בעכער, וואָס שטעהט פאר מיין כסא־הכבוד, יעדען זיפץ, יעדען אָטעם־צוג, וואָס טראָגט אין זיך אַ פלוך, און גיב עס צוריק דער וועלט אויף דיין ריזען־טענאָר, און זאָל זי דערפיהלען דעם טעם פון דעם טרויער.

און ביאַליק האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט: איך הער.

און זייט דעמאָלט האָט ער זיין „כלי" זיין אומגליקליך פאָלק געווידמעט. און ווען ער האָט געזונגען, האָט ער פון זייערע ליידען געזונגען. ער האָט דאָס יתום'דיגקייט און אלמנ'־דיגקייט פון פאָלק באזונגען.

עס פארגעסט זיך אַמאָל ביאַליק: אַ שעהנע שטימע איז דאָך אַ שעהנע שטימע. און ווען ער דערהערט די טריט פון פריהלינג — עס הויבט אָן וועהען אַן אנדער ווינט... העכער ווערען די הימלען, און מען זעהט ברייטע, קלאָרע האָריזאָנטען, — צוגיסט זיך פון זיך אליין ביי איהם דאָס קלאָרע, בנעימות'דיגע

ליד, און פון אַלע צו אַלע ציהען זיך גאָלדענע פעדים, און זיי פאַנ־גען אין זייער נעץ דאָס דיכטער־האַרץ, און איהם דוכט זיך דאָן, אַז פון זיין פולען האַרץ וועט ער זיין גאַנצען צער אויסדערצעהלען און מיט ליכטיגע טרעהרען זיין שוואַרצען יאוש אָפּשווענקען — ס׳דוכט זיך איהם . . . אָבער באַלד קומט דער מאַמע׳ס גע־שטאַלט אָקעגען, ווי יעקב׳ס געשטאַלט צו יוסף׳ן ווען ער האָט גענומען די האָר קרייזלען, און ער זעהט ווי זי שטעהט אַ טרויעריגע און די יתום׳דיגקייט בליקט אַרויס פון איהרע אױ־גען און זי קוקט אויף איהם אַזוי באַ׳צער׳ט, אַזוי באַ׳צער׳ט, און ער דערהערט גאָט׳ס שטימע:

איך האָב דיך פאַר דיין פאָלק געהייליגט. שטעה אויף, רייב פון די אויגען אויס דאָס זון־גאָלד, און זעה ווי טיפע פינסטערע כמאַרעס יאָגען נאָך דיין אונגליקליך פאָלק. קענסט דו רוהיג בלייבען ווען דיין פאָלק צאַפּעלט זיך ווי אַ לעבעדיגע זאַך וואָס בראָט זיך אויף אַ פאַן? קענסט דו רוהיג בלייבען ווען דיין פאָלק לעבט אַזוי אונרוהיג ווי דער אומרוה? און דער דיכטער הערט און פאַרשטעהט. און ער פאַרלאָזט דעם פריהלינג מיט זיין פרייד און שטורמט־אויף אַ טרויעריג ליד, וואָס קען ריהרען אַ שטיין.

ער טאָר זיך ניט פרעהען! ער איז אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט, ניט בלויז אַ פאָלקס־דיכטער. דאָס פאָלק מעג זיך פרעהען, און פרעהט זיך אויך. און עס איז גוט וואָס עס פאַרגעסט אַמאָל אָן די צרות, וואָס עס גיהט אָפּ דאָס אייז פון האַרץ און עס צוטאַנצט זיך אין אַ „שישו־ושמחו“־האָפּקע.

„דער רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין ביז אין ווייסען טאָג אריין“.

אַ ברכה אויף דעם רבינ׳ס קאָפּ, וואָס האָט דעם באַפעהל געגעבען.

דאָס פאָלק מאַכט חתונה קינדער, דערלעבט אייניקלאַך, עסט לאַטקעס און גריוועז.

דאָס פאָלק קען ניט שטענדיג טרויערען, און זאָל אויך ניט.

גערעכט איז דער רבי, וואָס האָט געהייסען פרעהליך זיין. וואָס וואָלט פון דעם פאָלק געוואָרען, ווען עס וואָלט שטענדיג אויף אַ זאַק זיצען און שטענדיג אויף דעם קאָפּ אַש שיטען און גיסען טרעהרען? ווען עס וואָלט שטענדיג טרויערען, וואָלט עס לאַנג ניט געצויגען, און אונזער פאָלק זאָל לעבען בלייבען.

דאָס פאָלק פרעהט זיך . . . פרעהט זיך, ווען עס האָט פּרנסה, ווען עס האָט די מיזינקע אויסגעגעבען, ווען מען האָט כאָטש איין גזרה פון זיין קאָפּ ארונטערגענומען.

הוליעט, קינדער, אַ גאַנצע נאַכט — די מיזינקע אויסגע־געבען.

און דאָס פאָלק טופּעט אוים אַ קאָזאַצקע.

העכער, בעסער! די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער!

די נאַציע אָבער קען זיך ניט פרעהען: די נאַציע איז אין גלות. די נאַציע זיצט שבעה, איז אין אבלות. די נאַציע האָט געשוואָרען ביי די טייכען פון בבל און זי וועט ניט זינגען אויף פרעמדע ערד, און זי וועט איהר שבועה ניט ברעכען. וואָרים יענע האַרפעס, וואָס זי האָט אויף די ווערבעס אויפגעהאַנגען, אויף וועלכע, ווי אַן אַנדער דיכטער האָט זיך אויסגעדריקט, „עס העננט דער חלום פון דער אומה“, יענע האַרפעס הענגען נאָך דאָרט, און דער חלום הענגט נאָך אויך, האָט זיך נאָך אין קיין לייב און פלייש ניט אַנגעקליידט. עס איז נאָך אַלץ אַ טאָל פוןביינער, אַ יאָמער־טאָל, און — ער קען ניט זינגען.

ווי קען ער?

הערט וואָס ער דערצעהלט אייך אין דעם ליד אָהן אַ נאָמען, מיט וועלכען ער עפענט זיין בוך. וואָרים דאָס איז דער לייט־מאָטיוו:

„אין אַן אָסיען־טאָג, אין אַ פינסטער ווינקעל, אַ טרויעריגע האָב איך זי געפונען, אין אַנגעטאָן אין אלמנה־קליידער האָט זי זיך צו מיר באַוויזען און זיך געלאָזט דערקענען.

און מיט גרויס רחמנות האָט זי אויף מיר געקוקט און שטיל,

און ליכט האָט אויף מיין קאָפּ איהר האַלובענדע האַנד געציטערט.

„יתום מיינער — האָט זי מיר איינגערוימט — יתום מיינער! פאַרגעסען אין דער פינסטער,

וועסטו ווי אַ יונגער שפּראָץ אין דער קעלט, אין דיין שטילען טרויער פאַרמאַטערט ווערען.

נאָר ווייס, אַז אַן איינגעשלאָסענע טרעהר ברענט ביז דעם אָפּגרונד טיף, און אַן איינגעהאַלטענער געוויין הויבט זיך ביז די הימלען און זיי שפּאַלט".

איהר דערקענט?

דאָס האָט זיין מוטער זיך צו איהם באַוויזען, און זי רופט איהם: יתום מיינער! און שילדערט איהם נאָכדעם זיין קינד־הייט, וועלכע האָט אָהן געלעכטער, אָהן פרייד זיך געענדיגט, און ווי זיין בחור'שאַפט האָט ווי אַ פריהער ווינטער אין זיין פענסטער אריינגעבליקט. און דורך דער גאַנצער צייט האָט ער בלויז איין בייזען חלום געזעהן:

„שאַנד, דלות, קויט — קויט, אונערהערטע צרות", און הימלען מיט אַן אייביגער פינסטערניש באַדעקט.

און אַ פינסטערען בליק, וואָס דריקט אויס אַלמנה'דיגקייט, ביטערקייט, עלענדקייט און דערבאַרמדיגע מאַמע־גנאָד האָט זי איהם געשיקט, און עס האָט אין זיין האַרץ טיף אָנגעריהרט און דער דיכטער ערקלעהרט:

„און אייביג, אייביג וועל איך איהר בליק ניט פאַרגעסען, און אין אַלץ וועל איך איהר טרויעריג פּנים זעהן, עס וועט מיך איין מינוט ניט אָפּלאָזען".

און אייביג, אייביג וועל איך איהר בליק ניט פאַרגעסען. און ער געדענקט.

אין אַלע זיינע לידער, וואָס האָבען איהם פאַר אַ נאַציאָ־נאַלען דיכטער געמאַכט, רעדט ביאַליק וועגען זיין יתום'דיגקייט און אַלמנה'דיגקייט, זיין עלענד און פאַרלוירענקייט. ער איז שטענדיג אַ שרוי בצער, געהט שטענדיג אַרום מיט טיפע טרויער־

אויגען, מיט א צוריסען הארץ און פון זיינע ליפען טריפען אונ־
אויפהערליך תוכחה־ווערטער.

ער קען אמאָל אויך זינגען אנדערע לידער. געוועהנליך
פיינינגען ביינאַכט דעם פּאָעט אויף זיין געלעגער ביטערע חלומות,
און ער קען זיך קיין רוה ניט געפינען. ווי קען ער אויף זיין בעט
רוהיג שלאָפען ווען זיין פאָלק איז דאַכטלאָז, וואלגערט זיך אין
שטויב און אין קויט און אויף וועמען די שטיינער אונטער די פיס
און די הימלען איבער דעם קאָפּ קוקען פרעמד? ווי קען ער רוהען
ווען ער זעהט פאר זיך א וועלט א פולע און אַן אָפּענע, וואָס גיט
אונז אלץ, — יסורים און טרעהרען, נאָר איין זאך ניט — רוה?
ער רוהט ניט, ווייל א שטארקע טרעהר איז אין זיין הארץ בא־
האַלטען, וואָס:

ווי א פוילעניש אין די ביינער ליגט זי אין הארץ,
ווי א טריבער, פארבאהאַלטענער וועהטאָג וועגט זי אויף
מיין גייסט.
זי באטריבט מיר דעם שיין פון מיין טאָג, און דעם חלום
פון מיין געלעגער.
זי באגלייט מיך ווי דער טויט ביי מיין ארבייט און רוה.
(לא תמח במהרה דמעתי).

עס מאַכט זיך אָבער אמאָל אַן אויסנאַם און א זיסער חלום
פאר׳גנב׳עט זיך. דער פריהלינג איז געקומען און לייכטער איז
דארום געוואָרען אויף דעם הארץ, עס האָט זיך דאָס פריהלינגס־
ליכט אהין אריינגעריסען און גענומען שפינען א ליבען חלום, און
עס כאַפּט זיך אויף דער פּאָעט — א שוואלבעלע האָט א פישטשע
געטאָן — און ער באמערקט ווי אין זיין פענסטער שפּילען זיך
גרינינקע מאָרגען־ווינטעלאך, און „קלאַפּען ווי טויבען אין דעם
פענסטער׳ס שויבען״, שפּרינגט זיי זיין הארץ, וואָס באָדט זיך
אין דעם ליכט, אקעגען און פיהרט אויף א קורצער ווײַלע א
דועט מיט די ווינטעלאך, זיי רופען איהם געהן מיט זיי, זיך
שפּילען און שפּרייטען פרייד און ליכט אומעטום, און ער רופט

זיי צו זיך אונטער דעם ווייסען, קלאָרען לייליאַך, מיט איהם צו־זאַמען זיך צו וואַלגערען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

זאָל אייך אָבער דער דאָזיגער שפּיל ניט אָפּנאַרען. פאַר־פּלייצט פון ליכט, קאָן ביאַליק אויף אַ מינוט פאַרגעסען דעם שעווערען גורל און די בערג פינסטערניש אַרום איהם פאַר־קוקען. ער קומט אָבער באַלד צו זיך, און ער איז זיך צוריק מתיחד מיט זיין טרויער, ווייל ער קאָן ניט אַנדערש. ער איז ניט נאָר אַ פּאָעט, ער איז אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט. ער רעדט וועגען זיך און מיינט דאָס פאָלק. ער רעדט וועגען פאָלק און מיינט זיך. ער מיט דעם פאָלק זיינען איינס געוואָרען. ער סימבאָליזירט דאָס פאָלק און ער וויינט זינגענדיג:

און איך דאָ, דיין ברודער, בין פון קעלט פאַרגליווערט געוואָרען,
וואָגעל אַרום ווי אַ הונט אין אַ פאַרווירט לאַנד;
געטריבען מיט שטעקענס, מיט ברעקלאַך געשפּייזט,
פאַרלאָזען און פאַרגעסען פון דעם האַרץ און פון גאָט.

און ווייטער:

מען האָט נאָך ניט אויסגעפונען צי איז פאַראַן אַ הונגעריגער מאָגען אין מיין ליידיגען בויך... (אגרת קטנה).

און איהר דערמאָנט זיך אין יענעם שבת, ווען דער קליינער ביאַליק, אין באַגלייטונג פון גריל, האָט געזונגען זמירות אויף אַ הונגעריגען מאָגען. און איהר פאַרשטעהט, אַז ווען ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, האָט ער זיי ביז דער סאַמע טיף געפיהלט.

זיין גורל איז דעם פאָלק'ס גורל. ער איז דער נאַציאָנאַלער דיכטער, זיין מוזע איז די „מטרנותא“, די שוואַרצע שכינה, אַ מידע פון צער און צודריקטע, וועלכע „וויל וויינען און קאָן ניט, וויל שרייען און שווייגט“, אָט ווי זיין מוטער די אַלמנה, וועלכע געהט אויס אין איהר טרויער און שטיקט זיך אין דער שטיל, מיט איהרע פליגעל אויסגעשפּרייט און דעם קאָפּ אונטער דעם פליגעל.

זי קומט עס צו איהם אין מיטען האַלבע נאַכט, ווען אַלע שלאָפען, נאָר ערגעץ וואו א איד א צובראָכענער ריכט אָפּ חצות, זיצט אויף דער ערד ביי דעם קאַנעץ, קלאָגט אויף גלות השכינה, און דאָס קול צוטראָגט זיך איבער דעם הייזעל, וואָס „ווי אַן עלענדער יתום, וואָס גוטע מענשען האָבען פאַרגעסען איהם צו געבען א קלייד, וואָס זאָל איהם וואַרעמען", אונטער אַן אויפ־געריסענעם דאַך, בויגט זיך נידעריג, ציהט זיך אַריין אין זיך, און זי זיפצט שטיל, זי, די שכינה־מוזע.

און דערפאַר קלאָגט ער אַזוי און ברעכט מיט די הענט, אָבער ער וויינט ניט, און די ניט־אויסגעוויינטע טרערען, וועלכע לויפען אַרום ווי גיפט קוואַלען אין זיינע אָדערען, ווערען פאַר־וואַנדעלט אין א ווייס־פייערינען כעס אויף זיך אַליין און אויף זיין פאָלק. און אַז ער ווערט אין כעס, איז ער דערבאַרמונגסלאָז. מיט אייזערנע ריטער שמייסט ער ביז בלוט זיין פאָלק, וואָס נעמט אַן פאַר ליב דעם יתום־גורל, און ער רעוועט אויס ווי א לייב:

„גראָז איז דאָס פאָלק", און רייסט די האָר פון קאָפּ.

קאָנט איהר איהם באַשולדיגען? גרויס איז דער ברעך פון פאָלק, גרויס ווי דער ים, און דאָס פאָלק שווימט אין דעם ים מיט א געוויסער הנאה און פאַרגעסט צו זוכען א האַפען. שפּריצט ער מיט גיפט, דער דיכטער. ער קאָן עס ניט צוזעהן, ער, וואָס האָט זיך פון אַלע תענוגים אָפּגעזאָגט, וואָס געהט אַרום ווי א יזיר אָין א פּרוש, ווען אין האַרצען ברענט א פאַרצעהרענדער פייער; ער, וואָס האָט פון יוגענד ניט געוואוסט און ניט פון ליבע, און זיי, די קינדער פון פאָלק „פאַרקוקען זיך אויף נעכ־טיגע טעג, אויף פויגעלאַך", גלייך ווי ניט זיי מיינט מען עס. און א ביטערער געדאַנק קומט איהם אין קאָפּ אַריין, דעם דיכטער־נביא, אַז ווען זיי וועלען שפּעטער „זיין פאַרברענט האַרץ צווישען ברוך געפינען, וועלען זיי עס פאַר די הינט וואַרפען", און ער נעמט רעדען אַזוי ביטער ווי דער טויט אַליין, און דאָך קאָנט איהר זיך ניט אָוועקרייסען פון איהם. איהר מוזט איהם הערען.

אזא כח האָט שוין אין זיך ביאַליק, אַז ער פאַרכאַפּט אייך אין גאַנצען און האַלט אייך צוגעשמידט צו זיינע געדאַנקען, צו זיינע געפיהלען, צו זיינע איבערלעבונגען; צו זיינע געדאַנקען, וועלכע הויבען זיך אויף הויך, העכער און נאָך העכער, ביז זיי פאַרקלייבען זיך אויף דעם שפּיץ־פעלזען, אויף וועלכען עס נעס־טען די אדלער; צו זיינע געפיהלען, וואָס ברויזען ווי אַ ים פון טרערען און שלאָגען דאָך אויף אַ ליכטיגע און זון־געבאָדענע פּיענע, ווי די זיילען פון אַ וואַסער־פאַל אין דעם העלען זון־ליכט; צו זיינע איבערלעבונגען, וואָס זיינען ווי דער אָפּגרונד טיף, און נעמען מיט זייערע אָרעמס אַרום די אייביגקייט.

מיר קאָנצענטרירען זיך אין ביאַליק; מיט זיינע שירים ביטער ווי פּיאָלין, ווערט אונז דאָך היימישער, מיר פיהלען זיך מעהר ניט אַזוי עלענד... דער נאָגענדער וועהטאָג, וואָס ציהט ווי אַ פּיאַווקע דאָס בלוט, און דער צער וואָס דריקט אַזוי שווער אויף דעם האַרץ, דער צער און דער וועהטאָג אויף דעם בראָך פון כּלל, אויף זיין הילפלאָזיגקייט און נישטיגקייט, האָבען אין ביאַליק'ן זייער שאַרפען און פולען אויסדרוק געפונען, און איהר זייט מעהר ניט אַזוי עלענד, און — מעג מען זאָגען דאָס וואָרט? — איהר האָט נאָכדעם אפילו הנאה פון אייער צער. דער געווס איז אַ ריין עסטעטישער. פאַרשטעהען מיר, די וואָס שטעהען אין טאָל און האַלטען בלויז די אויגען געווענדעט אַרויף צום פּאַרנאַס, פערשטעהען מיר דעמאָלט אפילו ווי אַזוי נירון קיסר האָט געקאָנט הנאה האָבען ווען ער האָט געזעהן די פייער־צונגען טאַנצען זייער כּישוף־טאַנץ, כאָטש זיי האָבען צו דער זעלבער צייט געבראַכט מיט זיך טויט און צושטערונג.

געשיינט האָט די זון,
געבליהט האָט דער בוים,
און דער שוחט האָט געקוילעט.

דעם דיכטער'ס אויג זעהט אַלץ און עס שפּיגעלט אָפּ אין איין און דער זעלבער צייט דעם בליאַסק פון חלף, די זון שטראַה־

לען, וועלכע האָבען מיט זייער ליכט אויף דעם חלף באַגאָסען, און דאָס גרין־גרינס פון דעם בליהענדען בוים — אַלץ זעהט דאָס אויג און דורך דעם אָפּטישען נערוו קומט דער עסטעטישער גענוס, וואָס שטערט דאָך איהם ניט צו דער זעלבער צייט צו פיהלען דעם שמערץ פיל טיפער.

דער מענש איז אַ קאָמפּליצירטע באַשעפעניש, און אַ רעטעניש זיינען זיינע געפיהלען. עס מישען זיך צער און גענוס, רייסען זיך אריין איינס אין דעם אַנדערענ'ס קעניגרייך. עס ווערען פארווישט די גרעניצען. דאָך טיפער און אָנגרייפענדער איז דער צער, וועלכער איז קינסטלעריש געלייטערט געוואָרען, וואָס האָט אַ קינסטלערישע פאָרמע באַקומען. האָט איהר איהם איין מאָל אין זיך אויפגענומען, וועט ער אייך קיינמאָל מעהר ניט אָפּלאָזען, און עס איז פאַר איהם מעהר ניטאָ קיין באַהעלטעניש, איהר זאָלט אפילו אין די הרי חושך אַנטלויפען, וועט ער אייך אויך דאָרט פאַרפאָלגען.

און עס איז ביאַליק, וואָס האָט צו דעם אידישען צער זיין ביטערען צאָרן צוגעגאָסען. עס איז ער, ביאַליק, וואָס האָט דעם צער אַ קינסטלערישע געשטאַלט געגעבען, וועלכער יאָגט אייך נאָך מיט זיינע טיפע יאוש־אויגען.

גרעץ, דער היסטאָריקער, קינסטלער און פּאָעט.

(צו דעם הונדערטען יאָהר פון זיין געבורט)

שרייבען היסטאָריע איז ניט נאָר א וויסענשאַפט, נאָר אויך א קונסט. דער גרויסער היסטאָריקער איז געוועהנליך א מענש, וואָס האָט אין זיין נאַטור פאַראייניגט די פעהיגקייט צו זאַמלען די פּרטים און קליינע שטריכעלאַך, די פּינטעלאַך און רמזים, פון וועלכע דאָס היסטאָרישע בילד איז צונויפגעשטעלט; וואָס האָט די פעהיגקייט צו אַנאַליזירען דעם צונויפגעקליבענעם שטאָף, אויסצוקלייבען דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם צופעליגען, דאָס וויכטיגע פון דעם אונוויכטיגען, אויסצושיילען, אזוי צו זאָגען, די יאָדרע פון דער שאָלאַכץ, און וואָס האָט די פעהיגקייט נאָך דעם קלייבען און איבערקלייבען אויפצוציבערען דאָס בילד, אריינבלאָזען אין דעם א לעבענס־גייסט, מאַכען פון דער טויטער מאַטעריע א באַוועגליך שטיק לעבען, מיט זיין ליכט און שאָטען, מיט זיינע גרויסע שטרעבונגען און קליינע אַמביציעס, דאָס לעבען ווי עס איז, מיט א ריכטיגער פּראָפּאָרציע צווישען זיינע טיילען, אָהן שום איבערטרייבונג אָדער אונטערשעצונג, אָהן שום פּאַראורטייל און ליבעס־ערקלעהרונג, אָהן שמד־שטיק און אויבער־סברות.

כדי צו קענען דאָס טאָן, מוז דער היסטאָריקער זיין א גרויסער קינסטלער און, ווי יעדער קינסטלער, א גרויסער פּאָעט. ער קען ניט יוצא זיין מיט א גוטען קאָפּ און שאַרפען שכל אליין. אמת, ער מוז אָט דיביידע זאַכען האָבען. ער מוז האָבען א שכל הישר, א גרויסע אורטיילונגס־קראַפט און א שאַרף אויג. דער וועג, אויף וועלכען דער היסטאָריקער דאַרף געהן, איז גע־

וועהנליך ניט קיין גלייכער און אויסגעפלאַסטערטער; גאַנץ אָפּט מוז ער קלעטערען אויף הויכע משופע'דיגע בערג, וועלכע הענגען איבער טיפע טאָלען. איין בויג אַן אַ זייט, אַ שווינדעל אין אויג און ער קען ארונטערפאַלען אין דער שאול תחתיה. גאַנץ אָפט דאַרף ער פילע דערנער אוועקשניידען ביז ער דערשלאָגט זיך צו דער לעבענס-פאַרביגער רויז, צו דעם לעבענס-קוואַל, און ניט זעלטען מוז ער וואַנדערען דורך מדבריות, צווישען שטיינער און זאַמד, אָהן א שיעור און אָהן אַן ענד ביז ער דערשלאָגט זיך צו אַ סימן פון לעבען, צו אַ בוים און שאָטען, צו אַ לעבעדיג קול.

דער היסטאָריקער מוז האָבען אָפּענע און שאַרפע אויגען. געפינענדיג זיך אין דער וויסטע, מוז ער דערזעהן אין וועלכער ריכטונג ער דאַרף געהן כדי צו דערגרייכען אַ ישוב. קלעטערענדיג אויף אַ שווינדלענדער סקאַלע, מוז ער באַזיצען דעם שכל הישר צו וויסען וועלכען וועג אַנצושלאָגען.

די דאָזיגע מדות זיינען אָבער ניט גענוג. מיט שכל אליין און מיט אַ שאַרפען אויג אליין קען מען אין מדבריות-וואַנדלונגען ניט אויסקומען. דערפאַר זיינען נויטיג גאַנץ אַנדערע חושים. מען מוז באַזיצען אינטואיציע, אַ קינסטלישע נשמה. מען מוז ניט נאָר דערזעהן די ריכטונג, וואָס פיהרט פון דעם מדבר ארויס, נאָר אויך דערפיהלען, דערשמעקען. מען מוז האָבען אַ חוש פאַר דעם אמת, אַ באַזונדערען חוש — דעם „זעקסטען חוש“. מיט וועגען און מעסטען אליין קען מען דעם אמת ניט אויסגעפינען. דאָס לעבען איז אַ לאַבירינט, אין וועלכען מען קען פאַרפאַלען ווערען, ווען מען זאָל זיך וועלען ביי יעדער טיר און עפענונג אָוועקשטעלען קלעהרען אויב דאָס איז דער וועג וואָס פיהרט אר:יס אין דאָס פרייע. מען מוז פיהלען, מיט וועלכער טיר מען דאַרף ארויסגעהן.

דער היסטאָריקער מוז אויך האָבען פאַנטאַזיע. ער מוז קענען מיט זיין גייסטיג אויג זעהן און דורכזעהן דאָס לעבען וואָס ער שילדערט. ער מוז אַ שעפער זיין. ער מוז אָפּט קענען פון אַ זעמדעל, פון אַ שטיינדעל, וואָס איז געבליבען פון

א גאַנצען באַרג, דעם באַרג צוריק שאַפען; פון דעם טראָפּען, וואָס פליסט נאָך אַלס זכר פון אַ גרויסען ים, וואָס האָט אויסגעטריקענט, אונז די שילדערונג פון ים געבען מיט זיינע קליינע און גרויסע פיש, מיט זיינע לויתנ'ס און ווערים־אייעלאָך — די גאַנצע ממשלה פון ים.

זעהר ווייניג אַזעלכע היסטאָריקער פאַרמאָגט די מענשהייט אַלס אַ גאַנצע. זעהר ווייניג פעלקער האָבען זוכה געווען ארויסצושטעלען געשיכט־שרייבער פון אָט דעם מין. עס איז נאַטירליך, אַז אַ פאָלק זאָל זיין פאַראינטערעסירט אין זיין געשיכטע, זאָל וועלען וויסען פון דעם גורל פון זיינע עלטערען ביז סוף־כל־הדורות. דאָס פאָלק פאַרשטעהט זיך אַליין בעסער, ווען עס באַקענט זיך מיט די דורות, וואָס האָבען געלעבט פאַר איהם, מיט די פאַרשיידענע תקופות וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען אין דעם פאָלק'ס לעבען ביז עס האָט דערגרייכט צו דער תקופה אין וועלכער עס געפינט זיך איצט, לעבט און שאַפט, וועבט איין זיין פאָדים אין דעם געוועב וואָס איז אויסגעוועבט דורך דעם גאַנצען פאָלק'ס לעבען. יעדעס פאָלק האָט ארויסגעשטעלט היסטאָריקער. דאָס באַדירפניש שאַפט דעם אָנבאָט. זעהר ווייניג פעלקער האָבען אָבער זוכה געווען צו היסטאָריקער־קינסטלער. דאָס אידישע פאָלק מעג זיך גליקליך שעצען, וואָס עס האָט זוכה געווען אויף זיין עלטער ארויסצוגעבען פון זיך אַזאַ היסטאָריקער ווי ה. גרעץ, וועלכער האָט באַזעסען אָט די אַלע אויבען־אויסגערעכענטע מעלות, וועלכער איז געווען ניט נאָר אַ וויסענשאַפטסמאַן נאָר אויך אַ קינסטלער און אַ פּאָעט.

זיין „געשיכטע פון די אידען“ איז דאָס גרעסטע מאָנומענט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען פאַר דער פאַרעהרונג פון אונזער פאָלק. גרעץ האָט אונז ניט נאָר געגעבען די טרוקענע פאַקטען פון אונזער לעבען, נאָר אויך דעם צוזאַמענהאַנג צווישען זיי, זייער זין, זייער גייסט און זעעלע. ער האָט אָנגעוויזען אויף דער קראַפט, וואָס האָט אין אַלע תקופות געווירקט, וואָס האָט זיי אַלע פאַראייניגט און געגעבען זייער ריכטונג, זייער

אָנשטויס, פאַרשיידענע ווי זיי זיינען געווען אין זייער אויסזעהן, אין ערפאַהרונגען און אין געשעהענישען, כאָטש זיי האָבען זיך אָפּגעשפּילט אין פאַרשיידענע לענדער, אונטער באַדינגונגען וואָס זיינען געווען ווייט און פאַרשיידען איינע פון די אַנדערע ווי מזרח פון מערב, ווי די פּלעצער אין וועלכע זיי זיינען פאָרגעקומען.

איידער גרעץ האָט פאַר דער אידישער עפענטליכקייט דעם פערטען באַנד פון זיין גרויס ווערק ארויסגעבראַכט — דעם פערטען באַנד, וואָס האָט באַהאַנדעלט די פעריאָדע זייט דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה ביז צום שלוס פון תלמוד, און וועלכען ער האָט געדרוקט צוערשט — איז ער שוין געווען באַקאַנט אין די קרייזען פון די געלעהרטע דורך זיינע פאַרשיידענע וויכטיגע אַרטיקלען איבער היסטאָרישע פראַגען. מען האָט שוין דאָרטען אַנערקענט דעם געלעהרטען, דעם אַנאַליטיקער, דעם מאַן וואָס איז פעהיג אין דעם שטויב פון ספרים, שמות און מאַנוסקריפּטען צו געפינען פערל און גאָלד־שטיקער. ער האָט שוין אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאַמקייט, אָבער קיינער האָט ניט פאַרדעכטיגט אַז ער האָט אין זיך די קראַפט צו ווערען דער געשיכטע־שרייבער פון אידישען פאָלק, וואָס האָט דורכגעלעבט אַזוי פיל, געזעהן אַזוי פיל תקופות, וואָס האָט געקעמפט, געליטען, געפאַלען און ווייטער אויפגעשטאַנען, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט די וועלט, געלעבט אונטער אַלערליי קלימאַטען, געקומען אין באַריהרונג מיט אַלערליי פעלקער, געווירקט אויף זיי און געשטעלט זיך אונטער זייער ווירקונג; וואָס האָט זיך באַטייליגט אין אַלע קולטורען און געהאַט אויף זיי גרויס השפּעה און אויפגענומען פרעמדע השפּעות אין דער אייגענער קולטור; וואָס איז געווען דער וואַנדערער און דער שרעק פון דער וועלט; וואָס איז געווען הייליג און אינוווירדיג אין דער זעלבער צייט — מלאך און טייפעל, אַ רעטעניש פאַר זיך און פאַר דער מענשהייט, אַ געפאַלענער שטערן, וואָס זיין פייער איז נאָך ניט אויסגעלאָשען און וואָס ביי די ערשטע גינסטיגע באַדינגונגען

צושיינט ער זיך אין זיין גאַנצער הימעלשער הערליכקייט, אין זיין בלענדענדער שעהנקייט.

ווען גרעץ האָט אָבער דעם דאָזיגען פערטען טייל פאַר־עפענטליכט, האָט די וועלט באַלד דערזעהן פאַר זיך אַ גרויסען היסטאָריקער, אַ מייסטער־היסטאָריקער, וואָס האָט זעהר וועניג זיינס־גלייכען.

מיט אַ כיוון האָט גרעץ אויסגעקליבען ארויסצוגעבען דעם פערטען חלק צוערשט. ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבען די סאַמע שווערסטע פעריאָדע אין דער אידישער געשיכטע, די סאַמע פאַרלאָזענסטע, די וועלכע איז געווען ארומגערינגעלט מיט אַ דיקער וואַנד פון פאָראורטיילען, פאַרשטעלט פון וואָלקענס פאַלשע פאָרשטעלונגען. ער האָט דוקא אויסגעקליבען אָט די פעריאָדע, וואָרים גראָדע דערפאַר וואָס די ארבייט איז געווען אַ שווערע איז עס געווען אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע און זי האָט איהם צוגעצויגען. ער האָט זיך געפיהלט בארופען, צוגעגרייט פאַר דער שווערער אויפגאַבע, און ער האָט די ארבייט אונטער־נומען.

דאָס ווערק האָט געמאַכט אַ סענסאַציע, און מיט רעכט. ער האָט אין דעם ווערק אויפגעלעבט איינע פון די אינטערע־סאַנטעסטע תקופות אין אונזער לעבען און געוויזען זי אין איהר פולער ליכט און שעהנקייט. ער האָט פאַר דעם לעזער אויפ־געבויט די אַלע קרעפטען און פערזענליכקייטען, קלענערע און גרעסערע, וואָס האָבען אין יענער צייט געווירקט. ביז גרעץ'ען איז די דאָזיגע תקופה ערשינען אַלס צושוואומענע, פאַרמלאָזע מאַסע; תנאים, אמוראים, משנה, תלמוד — אַלץ איז געווען צונויפגעמישט אָהן שום זין און סדר. עס איז געקומען גרעץ און האָט פון דעם געדרענג, פון דער אונבאשטימטקייט און פאַר־געסענקייט אויסגעשניטען באשטימטע, לעבעדיגע, פול־בלוטיגע, ליידענשאפטליכע פערזענליכקייטען, און דער לעזער האָט דער־זעהן פאַר זיך אַ מחנה גרויסע אידען, מיט דער שעהנקייט פון עלטער געקרוינטע געלערנטע מענשען, פייערדיגע פאַטריאָטען

מיט א ווייטען קוק, מיט אַן אונבאגרענעצטער ליבע פאַר זייער פאָלק, מיט אַן אומבאזיגבארען ווילען.

גרעץ האָט אויך איבערגעגעבען די אַטמאָספערע פון יענער צייט, איהרע ליידענשאפטען, איהרע קאַמפען און נצחונות, דער הויב און פאַל פון אידעען, דער וועקסעל פון מיינונגען, די פאַר־שיידענע צווישען זיך קעמפענדיגע שטרעמונגען, די צילען און אמביציעס.

די פעדאַנטען זיינען געווען אומצופרידען, האָבען געצויגען מיט די אַקסלען, זיי זיינען צו אַזא סאָרט ווערק ניט געווען גע־וואוינט. עס איז געווען צופיל לעבען אין דעם ווערק, עס האָט זיך געלייענט ווי א ראָמאַן, עס האָט זיך געדוכט, אז עס קומט פאַר היינט, אז די טויטע זיינען פון די קברים אויפגעשטאַנען און גענו־מען רעדען מיט א שפּראַך, וואָס אַלע האָבען פאַרשטאַנען. די קאַבי־נעט־היסטאָריקער, די „חוקרי קדמוניות", וואָס זייערע אויגען זיינען מיט שטויב פון שמות אָנגעפילט, זיינען פון דעם שטראָם ליכט צו־טומעלט געוואָרען, זיי האָבען געזוכט חסרונות, האָבען אָבער ניט געקאָנט אָפּלייקענען די גרויסע קראַפט פון ווערק — די קראַפט פון לעבען, די קראַפט פון אמת, די קראַפט פון גרויסען קינסטלער.

עס זיינען אפשר געווען אַנדערע, וואָס האָבען בעסער פאַר איהם געקאָנט אויסציפערען א דאָקומענט, פאַרטיידיגען אַן אומ־קלאָרע ציטאַטע, אויסגראָבען א נייעם פּרט, אָבער קיינער איז איהם ניט איבערגעגאַנגען אין דעם מאָלען פון א בילד אַלס גאַנצעס, אין דער קאָנסטרוקציע פון יעדער תקופה אַלס א גאַנצע, אין דעם איבערגעבען דעם זין, דעם אראָמא, די אַטמאָספערע פון דער גע־שיכטע. קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי ברענגען נאָהענט צום לעזער די וואהרהייט פון דער אידישער געשיכטע, איהר לעבענס וואהרהייט, איהר ווירקליכע ווירקליכקייט, ווי דאָס האָט געטאָן גרעץ דער קינסטלער און פּאָעט.

ווען מען לייענט איהם, לייענט מען ניט וועגען א צייט, נאָר

מען לעבט דורך און מיט דער צייט. איהר ווערט אריינגעצויגען אין איהר, און פאָלגט נאָך די פאַסירונגען מיט פארכאַפּענדען אָטעם.

גרעץ האָט פאַר זיין ווערק אויך אויסגעקליבען זיין אייגענ־אַרטיגע שפּראַך, וועלכע האָט בדרך אגב ביי די פּעדאַנטישע גע־לעהרטע גאָר ניט אויסגענומען. זיי זיינען געוואוינט צו אַ טרו־קענער, פּריציעזער שפּראַך. גרעץ׳ס שפּראַך איז פאַר זיי צו רייך, צו צאַפּעלדיג, צו פליסיג. דאָס איז אָבער געווען דער ריכטיגער אינסטרומענט אויפצולעבען די געשילדערטע תקופה. דורך באַ־שטימטע ווערטער און אויסדרוקען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט געוויסע איבערלעבונגען און ערינערונגען, דורך קאָמבינאַציעס פון פראַזען, וואָס הויכען אָן אַ געוויסע אַטמאָספערע, האָט ער פאַר דעם לעזער געקאָנט אויפלעבען דעם גייסט פון יעדען קאַפּיטעל געשיכטע, פאַר איהם אויפדעקען דאָס געווערק, די גאַנצע מאַשי־נעריע פון יעדער תקופה.

גרעץ האָט אין זיין געשיכט־שרייבען באַנוצט זיך מיט דער שפּראַך פון דער שעהנער ליטעראַטור, און דאָס איז געווען אַ מעלה.

ווייל געשיכטע איז ניט נאָר אַ וויסענשאַפט, נאָר אויך אַ קונסט. אין דער צייט ווען מען זאַמעלט דעם מאַטעריאַל, ווען מען אַנאַליזירט איהם אין דער לאַבאָראַטאָריע, איז אפשר די עקזאַקטע שפּראַך נויטיג. אָבער ווען מען נעהמט שאַפען דאָס גע־שיכטליכע בילד פון דעם געזאַמעלטען מאַטעריאַל, דאַן מוז מען אָנווענדען די זעלבע מיטעל וואָס דער קינסטלער ווענדעט אָן ווען ער שרייבט זיין ראָמאַן, און אויך די זעלבע שפּראַך.

פון דעם פערטען באַנד, ביז גרעץ׳ן איז געלונגען צו ענדיגען זיין גאַנץ ווערק, האָט גענומען אַ היבש שטיקעל צייט. ער האָט אָבער זיין ציל עררייכט, און ער האָט אין די שפּעטערדיגע טיילען ניט אָפּגעווייכט פון דעם וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכענט אין דעם ערשטען.

ער איז געבליבען היסטאָריקער־קינסטלער. דערפאַר האָט ער

זיך באַליבט געמאַכט ביי אַלע קלאַסען לעזער, דערפאַר האָט מען איהם איבערזועצט אין אַזוי פיל שפּראַכען. דערפאַר איז ער גע־וואָרען דער היסטאָריקער מיט א „ה" הידיעה, ווייל ער האָט ניט געשריבען די אידישע געשיכטע, נאָר זי געדיכטעט. ער האָט גע־קאָנט האָבען א טעות אין א פּרט, אין אַן עפּיזאָד, ער האָט אָבער שטענדיג תופס געווען איהר גייסט, און האָט שטענדיג געהאַט די פּאַסיגע ווערטער איהר גייסט איבערצוגעבען צו זיינע לעזער.

עס זיינען געווען שרייבער פון דער געשיכטע פון אידען פאַר איהם. ער איז אָבער דער אידישער געשיכטע שרייבער, און דער שרייבער פון דער אידישער געשיכטע.

קאַרל מאַרקס און דער אידישער גייסט.

אויב קאַרל מאַרקס׳ איינפלוס איז היינט, א הונדערט יאָהר נאָך זיין געבורט, אזוי גרויס און מעכטיג אין דער וועלט, איז עס זיכער ניט צוליב זיינע צוויי ענטדעקונגען, אויף וועלכע זיין פריינד פרידריך ענגעלס האָט אָנגעוויזען ווי אויף מאַרקס׳ הויפּט־אויפטו. וואָרים ביידע ענטדעקונגען — די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג און זיין טעאָריע פון מעהר־ווערטה, וואָס איז דער סוד פון דעם קאַפּיטאַליזם, זיינען אפילו בשעת זייער ענטדעקונג לחלוטין ניט געווען ניי. אויסער דעם זיינען זיי היינט אונ׳ברחמנות׳דיג צוקלאַפּט געוואָרען פון פילע פון מאַרקס׳ אייגענע געוועזענע תלמידים. אפילו די עקשנים, וואָס האַלטען זיך כלומרשט ביים דאָגמאַטישען מארקסיזם, טוען עס באמת נאָר לפּנים, וואָרים אויך זיי מאַכען אונטער דעם מאַנטעל פון דער אַלטער פראַזעאַלאָגיע גרויסע הנחות צו די טענות פון דער קריטיק.

אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר שפּילט א גרויסע ראָלע אין לעבען, דאָס זיינען געוויס אַלע מודה. ניט דאָס איז אָבער וואָס די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג פאָדערט פאַר זיך. די דאָזיגע אַנשויאונג איז ניט צופרידען מיט דעם, וואָס מען טיילט צו א פּלאַץ אין דער ערקלעהרונג פון דער סאָציאַלער ענטוויקלונג אויך דעם עקאָנאָמישען פאַקטאָר. זי וויל האָבען, אַז ער איז דער הויפּט־פאַקטאָר און אַז ער באשטימט אויך דעם גאַנג פון מענשליכען דענקען, דעם כאראַקטער פון מענשליכע אידעאַלען. אין דער באריהמטער מארקסיסטישער פראַזעאָלאָגיע, איז דאָס דענקען בלויז דאָס אויבערשטיבעל איבער דעם מאַטער־

יאַליסטישען פונדאַמענט. אָדער ווי מאַרקס אַליין דריקט זיך אויס: „דער אידעאַל איז ניט מעהר ווי דאָס מאַטעריעלע טראַנס־פאָרמירט און איבערזעצט אין מענשליכען מאָרך". מיט דעם סאָרט רעיון זיינען היינט זעהר וועניג מסכים, און די גאַנצע געשכטע, וויפיל מען זאָל זי ניט „סדום בעטלען", ווי מען זאָל ניט קירצען און שטרעקען די פאַקטען כדי זיי זאָלען זיך צו־פאַסען צו דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, בלייבט אַלץ אין ווידער־שפּרוך מיט דער טעאָריע.

זיין צווייטע, אַזוי גערופענע ענטדעקונג איבער דעם מעהר־ווערט, איז אויך ווייט ניט קיין נייע. וואָרים איהר הויפּט־גרונד באַשטעהט אין דער דאָקטרינע, וואָס וויל האָבען אַז ארבייט איז דער קוואַל פון ווערט. דער פּרינציפּ איז אָבער נאָך פיל פריהער פאָרמולירט געוואָרען פון אַן אַנדערען אידישען עקאָנאָ־מיסט, פון דוד ריקאַרדאָ, און איז באמת באַקאַנט אין דער עקאָ־נאָמיע אַלס דער ריקאַרדישער פּרינציפּ. אלא מאי, מאַרקס האָט דעם דאָזיגען פּרינציפּ געמאַכט פאַר דעם אויסגאַנגס־פּונקט פון זיין סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע, אָבער דערין שטעקט ניט פיל, וואָרים דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן ראָדבערטוס און אפילו פּרודאָן.

פילע ווילען האָבען, אַז מאַרקס האָט די אידעע מכח ווערט און מעהר־ווערט אַלס באַגרינדונג פאַר דעם סאָציאַליזם געליהען ביי ראָדבערטוס. נאָר לו יהיה, אַז גערעכט זיינען די, וואָס ווילען דאָס ניט צוגעבען און וואָס ווייזען אויף אַז מאַרקס האָט כמעט אין איין צייט מיט ראָדבערטוס די אידעע ערקלעהרט, און אַז מאַרקס האָט זי פיל טיפער באַאַרבייט ווי ראָדבערטוס. סיי־ווי־סיי איז עס דאָך קלאָר, אַז די גרויסקייט פון מאַרקס קען מעהר ניט באַרוהען אויף דער דאָזיגער באַהויפּטונג, וועלכע עס האָבען געמאַכט אַנדערע גלייכצייטיג מיט איהם.

דער אמת איז, אַז מאַרקס' גרויסקייט איז צו ערקלעהרען ניט דורך זיינע וויסענשאַפטליכע פאַרדינסטען, וועלכע, גרויס ווי זיי זיינען, זיינען אָבער בשום אופן ניט די סבה פון זיין אייביגקייט, פון זיין טיפען איינפלוס.

מאַרקס׳ איינפלוס היינט צו טאָג איז צו ערקלעהרען אַ דאַנק זיין רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער, זיין שאַרפע פאַרדאַמונג פון אונרעכט, זיין פאַרהערליכונג פון דעם אונטערדריקטען קלאַס, זיין אויפהויבען דעם קנעכט פון דער וועלט צו דער שטופע פון האַר, זיין ליידענשאַפטליכע ליבע פאַר גערעכטיגקייט, און זיין מיטלייד מיט די ליידענדע. ניין, מיטלייד איז ניט דאָס וואָרט. ער האָט ניט נאָר מיטגעליטען, ער האָט זיך עמפּערט וואָס עס זיינען דאָ ליידען אויף דער וועלט, ליידען, וואָס זיינען דער פועל יוצא פון אונרעכט. אָט צוליב די אַלע זאַכען, ווי אויך צוליב זיין גלויבען אין דעם נצחון פון רעכט איבער אונרעכט, — זיין גלויבען אין דעם „והיה באחרית הימים“, זיין פעסטער גלויבען אין דעם ענדגילטיגען זיג פון דער אידישער מאָראַל, וועלכע איז באַגרינדעט אויף דעם רעכט פון יעדען מענשען צו גליק, אפילו פון דעם שוואַכסטען, ווייל יעדער מענש איז באַשאַפען אין גאָט׳ס פורעם, — עס איז צוליב דעם וואָס מאַרקס ווערט היינט געאַכטעט פון אַ גאַנצער וועלט און געליבט פון מיליאָנען מענשען־קינדער אין אַלע וועלט־טיילען.

מיט אַנדערע ווערטער, מאַרקס׳ גרויסער איינפלוס ערקלעהרט זיך ניט מיט זיין וויסענשאַפט, וועלכע איז דער היפך פון דער אידישער אויפפאַסונג און וועלכע איז באַשטריטען געוואָרען, נאָר ערקלעהרט זיך דוקא מיט זיין אידישקייט, וועלכע ער אַליין האָט ניט פאַרשטאַנען און וועגען וועלכע ער האָט גערעדט ווערטער וואָס מען קען אפילו אַזאַ גדול ווי מאַרקס ניט מוחל זיין. דער איינציגער תירוץ איז, אַז ער האָט ניט געקענט דאָס יודענטום און גע׳משפט עס לויט די באַנעהמונגען פון אייניגע רייכע פאַרוועגים.

ווען מאַרקס וואָלט דאָס יודענטום בעסער געווען געקענט, וואָלט ער דעם שליסעל צו זיין אייגענער נשמה געווען געפונען. וואָרים ער, ווי זעהר ווייניגע אידען, איז געווען דער אמת׳ער און עכטער אויסדרוק פון יודענטום.

די וואָס פאַרגעסען זיך אָן מאַרקס׳ אידישען אָפּשטאַם, געפינען זיך אין אַ לאַבירינט פון ווידערשפּרוכען. פון איין זייט איז מאַרקס כולו וויסענשאַפט: סאָציאַליזם איז גאָר ניט קיין אידעאַלע נאָר אַ לאָגישע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. פון דער אַנדערער זייט רעדט ער מיט רעוואָלוציאָנערען פייער וועגען דער נויטיגקייט צו העלפען ברענגען דעם סאָציאַליזם אין דער וועלט, וואָס קומט אייגענטליך אַליין, וואָס פאַהרט „נאָ־שפּיץ״, וואָס קיין כח אין דער וועלט קען איהם ניט אָפּשטעלען. איז עס דאָך אַ סתירה.

פון איין זייט איז דאָס אידעאַלע דענקען בלויז די איבער־זעצונג פון דעם מאַטעריעלען צושטאַנד, בלויז אַ רעפלעקס פון דערווירקליכקייט, און פון דער אַנדערער זייט קומט ער מיט אַ פאַרהערליכונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט. לויט מאַרקס׳ אויפ־פאַסונג איז דאָך אפילו ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז פאַר גע־רעכטיגקייט און פאַר סאָציאַליזם, קומט דאָך איהם אַלץ ניט קיין לויב און עס קומט איהם ניט קיין טאַדעל. ער פילט דאָך בלויז אוים די מיסיע וואָס די שטומע ווירקליכקייט האָט אויף איהם ארויפגעלעגט; ער איז דאָך באמת ניט מעהר ווי אַן אונבאוואוסטער אַגענט, וואָס טוט וואָס מען הייסט איהם, ווייל ער קען ניט אַנדערש, ווייל ער קען ניט געהן געגען דעם געזעץ פון דער ווירקליכקייט. איז עס דאָך אַ סתירה.

פון איין זייט איז דער קאַפּיטאַליזם אַ נויטיגער פאָרבאַדינג פאַר דעם סאָציאַליזם; די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט זיך, לאָגישערווייזע, ענטוויקעלט פון דער פעאָדאַלער סיסטעם און איז געוויסערמאַסען אַ פאַרבעסערונג פון יענער. און פון דער אַנדערער זייט — אַ פאַרניכטענדע קריטיק אויף די קאַפּיטאַ־ליסטען. און ניט נאָר קריטיק, נאָר אַ הייסע פאַרדאַמונג פון זייערע מעשים, אַ קריטיק אין וועלכער עס פאַרשווינדט אין גאַנצען דער וויסענשאַפטסמאַן, וואָס צוליב זיין פאַרשטעהן איז ער גרייט צו פאַרגעבען, נאָר עס ענטפּלעקט זיך פאַר אונז דער

אונערבאַרעמליכער מוכיח, דער בייזער קיצוני'דיגער ריכטער, וואָס האַלט זיך ביים פּרינציפּ פון „יקב הדין את ההר". איז עס דאָך אַ סתירה.

עס איז אמת, אַז די מאַרקסיסטען זוכען מיט פאַרשיידענע דיאַלעקטישע דריידלאַך צו פאַרענטפערען די סתירות. מאַרקס, וועלכער שטאַמט פון אַ קייט מיט רבנים וואָס ציהט זיך ביז דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, האָט זיינע תלמידים איבערגעלאָזט אַ גוטע ירושה: די גאונישע חריפות. מיט חריפות האָט רב מאיר מטהר געווען אַ שרץ בק"ן טעמים. מיר ריידען אָבער ניט פון חריפות נאָר פון סתירות, וואָס ווייזען זיך יעדען איינעם וואָס לערענט בעיון דעם מאַרקסיזם.

דער אמת איז אָבער, אַז די סתירות האָבען גערעטעט מאַרקס' איינפלוס אויף דער געשיכטע. וואָרים ווען מאַרקס וואָלט נאָר די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג באַשאַפען, וואָלט ער פאַרנומען אַ פּאָר שטעלען אין אַן עקאָנאָמישען טעקסט־בוך, אָבער ער וואָלט ניט געווען די פאָהן פון דער אונטער־דריקטער מענשהייט. מאַרקס'עס טעאָרעטישע אונקאָנזעקווענץ ערקלעהרט זיך מיט זיין אידישען אָפּשטאַם, מיט זיין אידישען אַרט דענקען, מיט זיין אידיש בלוט און אידישער נשמה.

די טעאָריע איז פאַר איהם ניט געווען קיין ציל נאָר אַ מיטעל. מאַרקס איז ניט געווען קיין וויסענשאַפטס־מאַן הויפּט־זעכליך, נאָר ער האָט זיך באַנוצט מיט דער וויסענשאַפט כדי דורכצופיהרען זיין הויפּט־ציל: ברענגען גליק און גערעכטיגקייט אויף דער וועלט.

מאַרקס האָט זיך ניט געקענט באַציהען צו די פאַקטען רוהיג און אורטיילען רוהיג. זיין נשמה איז געווען אַ רעוואָ־לוציאָנערע און ער האָט ביי דעם אָנבליק פון אונרעכט רעוואָל־טירט, זיין בלוט האָט אויפגעקאָכט און מיט זיין לשון למודים האָט ער באַלד דעם אונרעכט פאַרדאַמט.

ער שאַפט אַ טעאָריע פון מעהר־ווערט. דאָס איז אָבער

נאָר א צירונג. דער עיקר איז דער פראָטעסט געגען רויב, געגען דריקען דעם אָרימאַן.

ער באַנוצט די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג, ווייל ער וויל ווירקען אויף דער וועלט, וואָס איז פאַרזונקען אין מאַטעריאַליזם, וואָס לאַכט ציניש פון אידעאַלען. אָבער ער אליין בלייבט אידעאַליסטיש און האָפט צו די אונטערדריקטע, וועלכע סימפּאַטיזירען מיט די אידעאַלען, זיך צו אָרגאַניזירען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון די אידעאַלען, ווייל בעצם קען ער ניט אָפּלייקענען דעם כח פון פרייען ווילען, פון דעם אָרגאַניזירטען מענשליכען ווילען.

ער פאַרזיכערט די נויטווענדיגקייט פון סאָציאַליזם דורך וויסענשאַפטליכע דריידלאך, אָבער די נויטווענדיגקייט שעפּט ער פון א טיפערען מקור, פון זיין גלויבען אין דעם זיג פון אמת און גערעכטיגקייט, אין וואָס עס האָבען געגלויבט די בעסטע קינדער פון זיין אייגען פאָלק.

ער פאַרהערליכט דעם פּראָלעטאַריאַט געגען דער לאָגיק פון זיין אַנשויאונג, ווייל אזוי האָט נאָך לאַנג געלערענט דאָס אַלטע יודענטום „כי מעניים תצא תורה" — די לעהרע פון גערעכטיגקייט.

ער ערקלעהרט וויסענשאַפטליך, אז די קאַפּיטאַליסטען גראָבען זייער אייגענעם קבר, מחמת אזוי לערענט די אידישע עטיק: מדה כנגד מדה, דאָס שלעכטס פאַרניכטעט זיך אַליין, אין דעם אינגעווייד פון דאָס שלעכטע ליגט זיין אייגענער עונש.

מאַרקס באַפרייט זיך פון פאַטאַליזם, וועלכע איז א לאָגישע פאָלגערונג פון זיין אַנשויאונג. עס איז זיין אידישער גייסט וואָס קומט איהם צו הילף. פאַטאַליזם איז דערווידער דעם אידישען גייסט, וועלכער גיט דעם מענשען די בחירה, וועלכע מאַכט דעם מענשען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים און הויבט אויף דאָס מענשליכע לעבען צו א ציל־באַוואוסטען אקט, באַלויכטען מיט געטליכען שכל און באַשיינט מיט הייליגען געפיהל.

אזוי איז עס אויף שריט און טריט.

צו מאַרקס'עס גליק האָט ער אליין ווידערשפּראָכען זיין טעאָריע און געהאנדעלט אין איינקלאנג מיט די ערעלע מאָטיווען פון זיין נשמה, וואָס איז געווען אזוי טיף אידיש, אז אפילו די אלע דעם אידישען גייסט פרעמדע עלעמענטען, וועלכע ער האָט אין זיין בשורה צו דער ליידענדער מענשהייט אריינגעפיהרט, האָבען איהם ניט געשאַדט.

די אידישע אנשויאונג און דער אידישער גייסט האָבען פאַר־אייביגט מאַרקס'ען, און אין דעם יום־טוב, וואָס די וועלט פייערט איצט לכבוד זיין הונדערט־יעהריגען יובילעאום, קענען זיך אידען מיט דעם גאנצען הארצען מיטפרעהען, קענען שטאָלץ זיין אויף מאַרקס' נצחון, ווייל דער נצחון איז ניט בלויז א נצחון פון איינעם וואָס שטאַמט פון אידען, נאָר עס איז דער נצחון פון דעם אידישען גייסט, וואָס האָט דעם טרעגער אליין גערעטעט פון היסטאָרישען אונטערגאנג.

דאָס איז אויך אפשר די ערעלסטע נקמה, וואָס מיר האָבען אין מאַרקס'ען. ער, וואָס האָט באַקעמפּט דאָס יודענטום, איז דאָך א דאנק איהם גערעטעט געוואָרען פון פאַרגעסענהייט. און אויב ער איז איצט לעבעדיג און פאַרשפּרעכט נאָך צו לעבען דורות און דורות, איז עס דערפאַר וואָס ער איז געווען אונ־באוואוסט געטריי זיין אידישען גייסט, וואָס וועט לעבען אייביג.

גערהארדט האופטמאן

(צו זיין זעכציג־יעהריגען יובילעאום)

צוליב די שנאה געפיהלען, וועלכע זיינען געבליבען אלס ירושה פון דער לעצטער מלחמה, געהט דער הויפטמאן־יובילֵיי אריבער אין שטילשווייגען אין די קולטור לענדער ווי פראנקרייך, ענגלאנד אין אמעריקא. מען פארגינט ניט דעם נעכטיגען שונא די ליכטיגע פערזענליכקייט הויפטמאן, די צארטע, ליבענדע זעעלע, וואס זוכט דעם אמת און לעבט פאר איהם, דעם גרויסען דראמא־טורג גערהארדט הויפטמאן. מען וויל ניט ריידען פון הויפטמאן, מחמת דעמאלט דערמאנט מען זיך דאך, אז די דייטשען זיינען ניט אלע קיין בייזע חיות, ווי מען האט זיי געזוכט צו שילדערען, נאר א גרויס קולטור פאלק, וואס קאן ארויסשטעלען פון זיך גרויסע טאלאנטען, דענקער און קינסטלער.

הויפטמאנ'ס יובילֵיי איז אבער אין אמת'ן ניט דער יום־טוב בלויז פון דייטשען פאלק, נאר פון דער גאנצער קולטור וועלט, מחמת הויפטמאן, כאטש ער איז א באוואוסטער דייטש, און מאלט אין אלע זיינע ווערק עכטע דייטשען, מאלט ער אבער דאס מענשליכע אין די דייטשען, די געפיהלען, וועלכע זיינען אלגעמיין פאר אלע פעלקער.

הויפטמאן איז איינער פון די וויכטיגסטע דראמאטורגען פון דייטשלאנד, אויב ניט דער סאמע וויכטיגסטער. דייטשלאנד, וועלכע האט ארויסגעשטעלט די גרעסטע מוזיקער און די גרעסטע פילאזאפען און די גרעסטע ערפינדער, — איך באנוץ דא דעם סופערלאטיוו מיט דעם פולען באוואוסטזיין, מחמת עס איז גענוג צו דערמאנען, אז מאצארט, בעטהאווען און וואגנער זיינען

דייטשען, אַז לייבניץ, קאַנט און העגעל זיינען דייטשען, און אַז גוטענבערג קומט ארויס פון דעם דייטשען שטאַם; עס איז גענוג צו דערמאָנען אָט די נעמען, כדי צו זעהן, אַז אויף דעם געביט פון מוזיק, פילאָזאָפיע און טעכנישע ערפינדונגען איז דאָס דייטשע פאָלק צווישען די פיהרענדע פעלקער, שטעהט באמת אין פאָראויס פון אַנדערע, — דייטשלאַנד, אַלזאָ, וואָס איז אַזוי גרויס אויף דריי געביטען, איז אויף דעם געביט פון שעהנע ליטעראַטור און פּלאַסטישע קונסט ניט איבעריג גרויס. די דייטשען האָבען אויך אויף דעם געביט אַרויסגעשטעלט גרויסע מענשען, אייניגע ריזען, ווי שילער און געטהע, אָבער אין גאַנצען גענומען, שפּילען זיי דאָ ניט די ערשטע פידעל. שעקספּיר איז ניט קיין דייטש. די דייטשען האָבען אפילו אויף דעם פאַקט גרויס פאַראיבעל, און זאָגען, אַז דער בורא עולם האָט דאָ געהאַט אַ שטיקעל טעות; אַז דער מלאך, וואָס האָט די שעקספּיר־נשמה פון דער הויכער נשמה־וועלט געטראָגען, האָט פאַרביטען די יוצרות, און וועלענדיג זי אַרונטערלאָזען אין דייטשלאַנד, האָט ער נאָר זי אַרונטערגעלאָזט אין ענגלאַנד. די דייטשען קאָנען זיך מיט דעם טרייסטען, אויב זיי ווילען. דער פאַקט בלייבט דאָך אַ פאַקט, אַז שעקספּיר איז אַן ענגלענדער און מילטאָן אויך, און פילע אַנדערע גרויסע דיכטער ווי טעניסאָן, וואַדסוואָרט, בייראָן און שעלי. די ענגלענדער האָבען אויך גרויסע ראָמאַניסטען. האָבען געהאַט און האָבען. דיקענס, טעקערי, סקאָט ביז האַרדי און מערעדיט. די דייטשען האָבען קיין וויכטיגע ראָמאַניסטען ניט אַרויסגעשטעלט. דער גרויסער דייטשער ראָמאַניסט איז שפּילהאַגען, און ער איז אַ מיטעלמעסיגקייט.

קיין פאָלק איז, זעהט אויס, ניט זוכה צו זיין גרויס אויף אַלע געביטען. די דייטשען האָבען פאַרכאַפּט פילע געביטען, אָבער אין אייניגע זיינען זיי הינטערשטעליג. צווישען די צוריקגעשטאַנענע געביטען געפינט זיך אויך די דראַמע. הויפּטמאַן האָט צוריק־געוואונען אַ וויכטיג געביט פאַר די דייטשען. שעקספּיר איז טאַקע אַן ענגלענדער, אָבער אויך ענגלאַנד האָט נאָר איין שעקס־

פיר. די גאַנצע קולטור וועלט האָט דערוויייל נאָר איין וואונדער אזעלכען אויפצואווייזען. די דייטשען האָבען אָבער זיכער דראַמאטישע קראַפט אַלס פאָלק ווען זיי האָבען געקאָנט ארויסשטעלען אַ הויפּטמאַן, וועלכער איז זיכער איינער פון די גרעסטע דראַמאַטורגען פון אונזער דור.

הויפּטמאַן איז אין אָנפאַנג פון זיין קאַריערע געווים פיל געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון איבסען, ווי דער לעצטער האָט אָהן שום ספק פיל געלערענט ביי שעקספּיר. הויפּטמאַן איז אָבער ביי דעם ליכט פון איבסען דאָך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג און אין געוויסע פעלען איז ער איהם אויך איבערגעגאַנגען.

הויפּטמאַן האָט אפילו אין זיינע בעסטע דראַמען ניט געקענט אזוי געשיקט פלעכטען די פּאַסירונגען און זיי ברענגען צו אַ קלימאַקס, ווי עס טוט דער גרויסער מייסטער איבסען. הויפּטמאַן קען אויך ניט אזוי גוט די טעכניק פון דער ביהנע ווי עס קען זי איבסען. איבסען האָט אויך אַ געוויסען סאַרקאַזם. אַ ביטערער טראָפּען העגגט אויף דער שפּיץ פון זיין פעדער, וועלכער פרישט אָפּ און ברענגט שאַרפער ארוים דעם גרונד־טאָן פון זיין שרייבען. הויפּטמאַן'ען פעהלט אָט דער סאַרקאַזם, די גערייצטקייט. ער איז רוהיגער און געלאַסענער. ער איז אָבער דערפאַר פיל לירישער און האַרציגער. ער האָט ניט דאָס שטאַרקע דונערנדע וואָרט. ער קומט ניט מיט אַ באַרג סני מיט דונערען און בליצען. ער דערמאָנט גיכער אָן דער שכינה וואָס קומט פון באַרג חורב, וועלכע וואָרקעט ווי אַ טויב. אָבער אין זיינע דראַמעס איז דאָ די שכינה. איהר אָפּשיין רוהט און גלאַנצט אויף די שורות. איבסען ווערט אָפּט אזוי מיטגעריסען פון אַן אידעע, ווערט אזוי אויפגערעגט געגען אַ געוויסען לעבענס־איינפיהר, וועלכען ער וויל צושטערען, אַז ער ווערט אין פילע פון זיינע דראַמען אָנשטאָט קינסטלער וואָס שילדערט דאָס לעבען מיט זיין ליכט און שאָטען לאָזענדיג דעם צושויער אליין משפּט'ן, נאָר אַגיטאַטאָר, וואָס האָט ניט מורא אָנצולעגען

צופיל שווארצע פאַרב כדי צו דערגרייכען זיין אַגיטאַטאָרישען ציל. ביי הויפּטמאַן טרעפט עס קיין מאָל ניט. ער בלייבט שטענדיג טריי דער באַקאַנטע געטהע־פאָרמולע: „שווייג און שילדער!" ער מישט זיין אייגענעם טאָן ניט אריין אין די רייד פון זיינע העלדען — אפילו ווען זיין הארץ ווערט צוריסען פון מיטגעפיהל, אָדער ווען עס ווערט פארצעהרט אין די פלאַמען און רויך פון כעס.

הויפּטמאַן איז אין זיינע הויפּט־כאַראַקטעריסטיקען ספּעציפיש־דייטש, און דאָס מערקט זיך אויך אין זיין קונסט. ער איז ניט אויסגעהאַלטען ווי געטהע, וועלכער איז מעהר גריך ווי דייטש, מעהר פּאָעטיש ווי ליריש און מעטאַפיזיש, כאָטש אויך געטהע האָט סוף כל סוף אין פאַוסט, אין זיין גרעסטען ווערק, געצאָהלט פיל מס צו זיין דייטשער נשמה.

הויפּטמאַן איז דייטש,—דאָס הייסט ראָמאַנטיש, ליריש און מעטאַפיזיש אפילו ווען ער איז רעאַליסטיש. הויפּטמאַן איז אין פילע ווערק זיינע רעאַליסטיש. דאָס הייסט, ער באַמיהט זיך זיין געטריי דעם לעבען. ער איז אַ מאָדערנער מענש און לעבט מיט אַלע פיבערען פון זיין נשמה מיט דעם גייסט פון זיין תקופה. ער אנטלויפט ניט פון די שרעקען פון זיין צייט, פון איהרע שאָטענס, פון די שטורמיגע ברויזענדע כוואַליעס ערגעץ־וואו אויף אַן אינזעל, אין אַ ראָמאַנטישען גן־עדן. הויפּטמאַן בלייבט מיטביידע פיס שטעקען אין דער וואָכעדיגער וועלט, אויך ווען זיין הארץ איז באַהערשט פון שעהנע חלומות.

הויפּטמאַן איז אַ ראָמאַנטיקער אין זיין רעאַליזם. ער איז אַ ליידענדער און דאָך גלויביגער מענש. זיין זעעלע קנייטשט זיך צונויף ווען ער זעהט דאָס מיט צרעת באַשלאָגענע לעבען. ער ווערט אויף אַ ווײַלע מעלאַנכאָליש־פּעסימיסטיש, אָבער עס געדויערט ניט לאַנג, מחמת בעצם איז ער אַ גלויביגער. ער גלויבט, אַז העכערע כחות פיהרען די וועלט דורך דעם מענשליכען קאַמף און מענשליכע מעשים צו שעהנערע, רייכערע לעבענס־פאָרמען.

הויפּטמאַן לעבט דורך אין זיין זעעל אַ שווערען קאַמף. איהם ציהט צום פאָלק אין טאָל. ער איז אַ מענשען־פריינד. ער איז ניט קיין מיזאַנטראָפּ, ווי זודערמאַן צום ביישפּיל. ער האָט ליב דעם מענשען אויך אין זיין געפאַלענקייט. ער קען דעם מענשען'ס שוואַכקייט און אָפטמאָל ווערט דאָס איהם פאַר־דראָסיג. דעמאָלט באַקלאָגט ער זיך אַז מיאוס איז די וועלט און מיזערנע, טמא און איינגעשמירט אין בלאָטע. ער זעהט אָבער אויך די שעהנע זייטען פון לעבען, דעם מענשליכען גייסט וואָס שטרעבט נאָך שעהנקייט און ליכט. ער קען די זינד, אָבער אויך די תשובה; ער קען די מגושם'דיגע זייט פון לעבען, די עשו־האַנד, אָבער עשו איז דאָך ניט אליין געקומען אויף דער וועלט, אין זיין טריט האָט זיך שטאַרק געהאַלטען יעקב, וועלכער האָט שוין געקענט זעהן אַ חלום וועגען אַ לייטער וואָס שטעהט אויף דער ערד און איהר שפּיץ דערגרייכט ביז די הימלען, און מלאכים געהען ארויף און אראָפּ. הימעל און ערד גיסען זיך צונויף אין לעבען פון דעם מענשען, ווי אין הויפּטמאַן אליין — די רעאַליס־טישע ערד און דער ראָמאַנטישער הימעל.

הויפּטמאַן האָט זיין גרויסען רוהם געוואונען אין דער וועלט דורך זיין דראַמע: „די וועבער", און מיט רעכט. עס קען זיין, אַז זי איז ניט זיין שטאַרקסטע דראַמע, אָבער ער האָט זיכער אין איהר געוויזען אַ נייעם וועג פאַר דער דראַמאַטישער קונסט. די דראַמע איז ביז איהם באַטראַכט געוואָרען אַלס די בימה אויף וועלכער עס ווערט פאָרגעשטעלט דער קאַמף צווישען העל־דען. די פּערזאָנען אין דער דראַמע ווערען דאָך אויך באַציי־כענט מיט דעם נאָמען „העלדען". עס איז דער קאַמף צווישען גאָט און שטן, גאָט און פראָמעטעאוס, אָדער צווישען יצר טוב און יצר הרע אין דעם זעלבען מענשען. די מאַסע האָט אויף דער ביהנע קיין פּלאַץ ניט געהאַט. איהר לייד און פרייד, איהר פּאַסיווער און אַקטיווער קאַמף האָט אויף דער ביהנע ניט געפונען דעם מינדעסטען אָפּקלאַנג. איז געקומען הויפּטמאַן און געוויזען, אַז מען קען אויף דער ביהנע אויפפיהרען אַ מאַסען־

דראַמע. אין די ווערקע איז ניטאָ קיין באַשטימטער העלד אויסער דער מאַסע; קיינער שפּילט דאָרט ניט סאָלאָ. עס איז אַ גרויסער אָרקעסטער, אין וועלכן יעדער שפּילט אויף אַ באַזונדערן אינסטרומענט דעם זעלבן נגון, און עס קומט דאָך אַרויס גראַנדיעז־האַרמאָניש, טאַקע דערפאַר וואָס יעדער שפּילט אויף אַ באַזונדער אינסטרומענט.

אין די ווערקע קומען אַרויס אויף דער ביהנע פערציג געשטאַלטען. יעדער איז אַ טייל פון דער דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ. יעדער ווערט אַריינגעצויגען אין דעם קאַמף געגען הונגער און נויט. און דער קאַמף ברעכט אויס ווי אַן עלעמענטאַרע קראַפט.

האופּטמאַן האָט אָבער צו דער מאַסען־פאָרמע זיך מעהר ניט צוריקגעקעהרט. זיין ראָמאַנטישע נאַטור האָט איהם געצויגען צו שילדערען מענשען מעהר אינדיווידואַליסטיש, און ער האָט דאַדורך די ליטעראַטור באַרייכערט מיט אַ רייהע דראַמען, וועלכע וועלען בלייבען פּערל אין דער דראַמאַטישער קונסט.

האופּטמאַן האָט אָנגעהויבען מיט איבסען, ביי וועמען ער האָט געלערענט די כללים פון דער סאָציאַלער דראַמע, און דערגרייכט צו אַ נייער פאָרמע — צו דער מאַסען־דראַמע. שפּעטער לערענט ער אויך אַ סך פון מעטערלינק׳ען און ווערט שטאַרק באאיינפלוסט פון ניטשע און פון דעם דייטשען מעלאַנכאָלישען דיכטער נאוואַליס, וועלכער זוכט די „בלויע בלום“. ווי די ביהן קלייבט דעם נעקטאַר וואו זי געפינט איהם און פאַראַרבייט איהם אין אַ שמעקענדיגען האָניג, אזוי נעהמט דער דיכטער זיין מאַטעריאַל אומעטום. האופּטמאַן שילדערט אונז אין זיין „געזונקענע גלאָקע“ אַן איבערמענש, וועלכער איז ניט ניטשע׳ס „געלע בעסטיע“, וואָס טרעט מיט אַ יונקער־שטיוועל אויף מענשליכע נשמות, נאָר אַן איבערמענש וואָס קען שטאַרבען אַ שעהנעם טויט דורך אַ ליבעס־קוש, וואָס וויים דאָס געפיהל פון חרטה, וואָס דערהויבט זיך ביז טראַגישער שעהנקייט. די מענשליכע

גרויסקייט ליגט ניט אין מבטל זיין די עטיק נאָר אין דעם נצחון פון דער אייגענער פערזענליכקייט איבער געוויסע נאַטור־קרעפטען ארום און אין זיך, ווען דער מענש קען זיין זיין אייגענער מייסטער. און דאָס גליק פון דעם מענשען איז ניט אין געפינען די „בלויע בלום”, נאָר אין זוכען זי; ניט אין כאַפּען דאָס „בלויע פויגעל”, נאָר אין יאָגען זיך נאָך איהם.

בן יהודה — דער סימבאָל פון אַ דור.

(ביי בן יהודה׳ס קבר)

יעדער דור מוז ניט נאָר האָבען זיינע פאָרשטעהער, זיינע פיהרער, זיינע וואָרט־זאָגער, נאָר אויך זיינע סימבאָלען, זיינע לעגענדעס, זיינע ל״ו׳ניקעס, וועלכע זיינען דער יסוד פון דער תקופה.

דער פיהרער איז וויכטיג און דער טעאָרעטיקער איז וויכ־טיג, און מען מוז אויך האָבען דעם פּיאָנער און דעם וועג־אויס־שלאָגער, אָבער וויכטיגער פון זיי אַלע איז דער מענש, וואָס האָט זוכה געווען צו זיין אַ סימבאָל פאַר זיין דור.

זוכה געווען! מאַנכעס מאָל איז עס אונפאַרשטענדליך ווארום דוקא דער מענש איז געוואָרען די פאָהן פון זיין דור, און עס ווילט זיך אויסדריקען אַן אונצופרידענהייט צו דער געשיכטע׳ס משפּט. עס איז אָבער אומזיסט. די געשיכטע האָט זיך איהרע טעמים ווארום זי טוט אָן די קרוין אויף דעם שטערען פון דעם מענשען, ווארפט ארויף דאָס נביא־מאַנטעל אויף די פּלייצעס פון דעם און ניט פון קיין אַנדערען. מען מוז זיך בויגען פאַר דעם משפּט פון דער געשיכטע, און מען מוז געדענקען אַז ווען אַ מענש האָט זוכה געווען דערצו, דאַרף מען זיך צוליב דעם זכות אליין בויגען אין יראת הכבוד, ווארים וואָס גאָט האָט געבענשט קען אַ מענש ניט שעלטען, און מעגליך, אַז די מערערים, וואָס זיינען אונצופרידען מיט דער געשיכטע׳ס משפּט, זיינען נאָר באמת אונגערעכט, מעגליך, אַז וואָס זיי דוכט זיך אַז עס איז קאַפּריז איז באמת נאָר טיפע גערעכטיגקייט.

געוועהנליך מאכט די געשיכטע קיין טעות ניט. דערפאַר איז דער בעסטער וועג: אוקי אחזקתא — זאָל דער אויסדער־וועהלטער טראָגען זיין קרוין.

* * *

בן יהודה איז געווען א וויכטיגער זשורנאַליסט, וואָס נאָר ווייניגע קענען זיך גלייכען צו איהם. בן יהודה איז געווען א שאַרפער פּאָלעמיקער, וואָס האָט געקענט אַלע תכסיסי־הפּאָלע־מיקע. בן יהודה איז געווען א מוטיגער קעמפער פאַר זיינע פּרינציפּען, בבחינת „יהרוג ואל יעבור". בן יהודה איז געווען זעהר א קאָנזעקוועטער דענקער. ער איז געווען ניט נאָר א נאה דורש נאָר אויך א נאה מקיים. ער האָט געלעבט פאַר זיינע אמת'ען און פיל געליטען פאַר זיי. ער איז געווען א גרויסער קנאי און מיט גרויס קנאות א מלחמה געפיהרט פאַר טאָלעראַנץ ביי אידען און דוקא אין דער הייליגסטער שטאָדט וואו עס האָבען נאָך ביז ניט לאַנג געשאַלטעט די קונע און דער חרם. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געגעבען אין דער אידישער עפענטליכקייט דעם ציוניזם אַלס ענטפער אויף דער אידישער פראגע. ער האָט עס געטאָן נאָך פאַר סמאָלענסקי, פאַר פּינס־קער, פאַר הערצל. און געטאָן עס אזוי שעהן, אזוי איינפאַך, אזוי לאָגיש און אונפּרעטענציעז, אזוי ווי איינער, וואָס ערקלעהרט אז צוויי מאָל צוויי איז פיר. אזוי פשוט און באצווינגענד האָט איהם דער ציוניסטישער אמת אויסגעזעהן. אידען זיינען א פאָלק, אידען מוזען האָבען זייער אייגענע שפּראַך און זייער אייגען לאַנד. ער איז אויך געווען דער ערשטער צווישען די אַלע גרויסע העברעאישע סופרים, וואָס האָבען געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער חיבת ציון, אין דער באַוועגונג, וואָס האָט ארויסגערופען יענע אמת'ע העלדען, וועלכע האָבען זיך אויפגע־הויבען און אַוועק לעבען אין ארץ־ישראל, וואָס איז דעמאָלט פאַר א מאָדערנעם מענשען א גייסטיגער מדבר געווען. מען קען אויס־רעכענען נאָך א סך זאכען, אין וועלכען בן יהודה האָט זיך אויסגע־צייכענט. האָט זיך ארויסגעוויזען גרויס, פיל מאָל מיט א גאַנצען

קאָפּ העכער פון די גרויסע פון זיין דור. מיט בן יהודה׳ס אויפּ־טואונגען וואָלט מען געקענט באַטיילען אַ האַלבען טוצען מענשען און זיי וואָלטען אַלע זיך געקענט קויפען אַ שם לדורות. אָבער קיינער געדענקט ניט די אַלע זאַכען ווען מען רעדט פון בן יהודה. קיינער געדענקט ניט בן יהודה דעם עסקן, דעם שריפטשטעלער, דעם דעבאַטאַנט, דעם גרינדער פון צייטונגען, בן יהודה — אַזוי, בן יהודה — אַנדערש. די אַלע זאַכען זיינען פאַרשאָטענט געוואָרען פון זיין איין גרויסער טאַט, פון זיין גבורה צו נעהמען רעדען העברעאיש ווען אַלע האָבען געמיינט, אַז העברעאיש איז אַ טויטע שפּראַך.

אייגענטליך איז זיין גרויסקייט באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם וואָס ער האָט גערעדט העברעאיש, נאָר אין דעם וואָס ער האָט גערעדט נאָר העברעאיש, וואָס ער האָט אויפגעהערט רעדען אַנדערע שפּראַכען.

דורך דעם נ אָ ר האָט ער זיך גלייך געקויפט דעם יראת־הכבוד פון אַ גאַנץ פאָלק. אין יענעם אינדערפריה, ווען ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען רעדען צו זיין פרוי דבורה נאָר אין העברעאיש, און זי האָט אויף איהם מיט שטוינונג און צומישט־קייט איהרע בעטענדע אויגען אויפגעהויבען: „בן־יהודה, ווי אַזוי?“, אין יענעם מאָמענט איז בן יהודה געוואָרען דער סימ־באָל פון זיין דור.

בן־יהודה — דער נאָמען האָט באַקומען אַ כשוף־קלאַנג. מיט איהם האָט מען געקענט באַגייסטערען די מאַסען.

„מיט סימבאָלען פיהרט מען אַ פאָלק“.

דער דור, וואָס האָט ניט קיין סימבאָל, איז אַ דור־יתום. דער דור בלייבט אונפּרוכטבאַר אין דער געשיכטע. גליקליך איז דאָרום דער דור, וואָס האָט זיין סימבאָל, זיין פאָהן. בן יהודה איז געווען אַ פאָהן, איז געווען אַ סימבאָל פון זיין דור. פילע געשיכטעס זיינען דערצעהלט געוואָרען מכח בן יהודה׳ס פּלוצימ־דיגען אָנהויבען רעדען העברעאיש, ווי אַזוי זיין אייגענע פרוי האָט מיט איהם אין אָנהויב קיין געדולד ניט געהאַט ווען ער

האָט ניט געוואָלט ענטפערען אויף קיין אַנדער שפּראַך, ווי אַ פרומער איד וויל ניט אויסרעדען ביי שמונה עשרה; ווי זיינע פריינד און חברים האָבען פון איהם חוזק געמאַכט, געלאַכט אין די הויפענס און געזאָגט, אַז דאָס איז בלויז אַ מאַניערע, אַ שפּיל פאַר דער גאַלעריע, אַז ניט אַזוי לעבט מען אויף אַ שפּראַך. אָבער בן־יהודה איז דאָך געבליבען ביי זיין עקשנות.

זיין עקשנות האָט געזיגט און דאָס פאָלק האָט זיין עקשנות אפּלאָדירט נאָך פאַר דעם נצחון.

פאַר דעם פאָלק איז בן־יהודה שוין ניט געוועזען סתם אַ מענש נאָר אַ פאַרקערפּערונג פין דער העברעאישער שפּראַך, פון דער תחית־המתים אויפגעשטאַנענער העברעאישער שפּראַך.

דעם יראת הכבוד, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַר זיין שפּראַך, פאַר די ליכטיגע אותיות, פאַר לשון הקודש, די שפּראַך פון מלכים און נביאים, און מיט וועלכער כביכול האָט די וועלט באַשאַפען, — אַ טייל פון דעם יראת־הכבוד האָט דאָס פאָלק איבערגעטראָגען אויף בן־יהודה.

ער איז געווען די כ״ב אותיות. און דערפאַר וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער אָנצוהויבען רעדען אין העברעאיש ווי אין אַ לעבעדיגער שפּראַך, און דערפאַר וואָס זיין באַציהונג צו העברעאיש איז געווען ווי צו אַ לעבעדיגער שפּראַך, דערפאַר האָט איהם דאָס פאָלק מיט ליבע און כבוד באַצאָהלט.

זיינע איבעריגע מעשים זיינען שוין געווען אַ דירעקטע פאָלגע פון זיין ערשטער טאַט. זי האָט באַשטימט זיין גורל. זי האָט איהם געשטופּט אויף דער לייטער פון גדולה.

בן־יהודה האָט געמוזט ווערען אַ מניח הלשון, אַ באַשאַפער פון נייע ווערטער, וועלכע זיינען אריין אין געוועב פון דער שפּראַך, אלס „ביין פון זייער ביין און פלייש פון זייער פלייש״, ווייל ער האָט גדאַרפט האָבען די ווערטער כדי ער זאָל ניט ווערען קיין שטומער אָדער האַלב־שטומער. שפּעטער האָט ער געמוזט זיך נעהמען פאַר דער ריזען־ארבייט צונויפצוקלייבען אַלע שרשים און אַלע אויסדרוקען, וועלכע זיינען צוואָרפען אין דער

פיר טויזענד־יעהריגער ליטעראטור אונזערער. ער האָט געמוזט זיך נעהמען שאַפען דעם גרויסען ווערטערבוך. ער האָט געמוזט קעמפען פאַר געוויסע פּריוויליגען אין דער שפּראַך, און צו דער זעלבער צייט זיך ארויסווייזען שטרענג געגען פרעמדווערטער, וועלכע לויט זיין אויפפאַסונג האָבען געמיינט אַ פאַראָרימונג פון דעם העברעאישען ווערטער־מאַטעריאַל.

ער האָט אויף די אַלע געביטען פיל אויפגעטאָן און זיך ביים פאָלק אַליין מעהר רוהם, מעהר פּלאַץ אין זיין הארץ געקויפט. בן־יהודה איז געוואָרען פאַר זיי אַ מענש פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע. ער מעג וואָס אַנדערע טאָרען ניט. אזוי האָט געלויטעט אַ שטילער פּסק־דין פון פאָלק, כאָטש די פעדאַנטען־משכילים האָבען ניט געוואָלט מסכים זיין.

זיי האָבען געהאַט נאָר טענות. בן־יהודה האָט געעפענט אַ פאַבריק פון נייע ווערטער. בן־יהודה פאַרדארבט העברעאיש. בן־יהודה שרייבט טאָטעריש, ניט קיין העברעאיש. בן־יהודה איז ניט קיין פילאָלאָג, ניט געגנוג וויסענשאַפטסמאַן. און נאָך און נאָך. פעליעטאָניסטען האָבען קונציגע, שטעכיגע פעליעטאָנען געשריבען. די פעדאַנטען האָבען אָבער פאַרגעסען דעם „בירא דשתא בו מיא“. אַלע האָבען זיי ארויסגעוויזען אַן אונדאַנקבאַרקייט דעם מאַן, וועלכער האָט ארונטערגענומען דעם שלאָס פון זייער מויל. איין ניי וואָרט זיינס איז געווען אונגעלונגען, דערפאַר זיינען אָבער געווען הונדערטע געלונגען, און דער עיקר — אַנדערע האָבען פון זיין ביישפּיל געלערענט און איהם נאָכגעמאַכט, און די באַרייכערונג פון דער שפּראַך איז געוואָרען אַ לעבעדיגער פאַקט.

בן־יהודה מעג זיך לויט זייער אויפפאַסונג זיין ניט קיין פילאָלאָג. אָבער ווער האָט די מענשען איינגערעדט, אַז בן־יהודה איז ביי אונז חשוב צוליב דעם ווייל ער איז אַ פילאָלאָג? ער איז געווען ביי אונז חשוב ניט ווייל ער איז געווען אַ צונויפזאַמלער פון טויטע ווערטער, אַן אויסמעסטער פון איינגעמאַרנירטע כללים, נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען דער שאַפער פון

לעבעדיגע, צאַפּעלדיגע ווערטער, וועלכע זיינען געקומען באַפרי־דיגען לעבעדיגע באַדערפענישען.

צוליב זיין ברענענדער תשוקה צו מאַכען זיין העברעאיש, וואָס ער האָט ליב געהאַט מעהר ווי זיין לעבען, רייכער, בויגזאַמער, פּליסיגער, לעבעדיגער און שעהנער (ער האָט געהאַט אַן אַנדער באַגריף פון שעהנקייט ווי זיינע קריטיקער) איז בן יהודה אָפּט געטריבען געוואָרען צו עקסטרעמיזם, אָבער אויך אין זיין עקס־טרעמיזם איז געלעגען אַ געזונטער קערן, וועלכען מיר דאַרפען דאָך ניט אין גאַנצען פאַרוואַרפען.

איך וועל דאָ אָנפיהרען בלויז איין ביישפּיל. אין דער צייט ווען די יונג־טערקען האָבען געמאַכט קאָנסטיטוציע אין טערקיי האָט בן־יהודה, אונטער דעם דרוק פון מאָמענט, געשאַפען דאָס וואָרט „חשמה" (די ראשי תבות פון „חרות שלטון מוגבלה") פאַר קאָנסטיטוציע. האָבען לצים געהאַט אַ געלעגענהייט צו שפּאַסען, די „בני הזמזומים" האָבען געזשומזשעט אויף וואָס די וועלט שטעהט. כאן מצא בעל החוב... דאָס וואָרט „חשמה" האָט זיך קיין בירגער־רעכט אין דער שפּראַך ניט געקויפט. דאָס וואָרט איז צו לעפּיש. אָבער דאָס לאַכען פון ראשי תבות'דיגע ווער־טער האָט נאָר געוויזען, אַז די לאַכער האָבען ניט געקענט די טבע פון זייער אייגענעם לשון. אין אונזער שפּראַך זיינען דאָ פילע ראשי תבות'דיגע ווערטער, ניט נאָר אין נעמען ווי רש"י, רמב"ם א. ד. גל., נאָר אויך אין שמות עצם, ווי, למשל, ש"ץ, סופר סת"ם, רח"ש, שד"ר, לפ"ק, ק"ק, שו"ב, און אין אונזער צייט איז צוגעקומען דאָס וואָרט מו"ל (מוציא לאור) און מען זאָגט אויך מולים אין לשון רבים. פּרינציפּיעל איז, בכן, געווען גערעכט בן־יהודה און ניט די אָפּלאַכער. אינטערעסאַנט איז, אַז די סיסטעם פון ראשי תבות איז איצט שטאַרק פּאָפּולער גע־וואָרען אין באָלשעוויסטישען רוסלאַנד און ניט ווייניג אין אַמע־ריקא.

* * *

איינס נאָך איינס פאַלען זיי, די גרויסע פון יענער שעהנער

רייכער תקופה, וועלכע מיר באצייכענען אלס די „תקופת התחיה“.

בן־יהודה איז שוין אויך ניטאָ מיט אונז. זיין שטוהל בלייבט לעדיג. אונזער יתום'דיגקייט ווערט גרעסער און גרע־סער. בן יהודה'ס ארבייט בלייבט דאָך לעבען. ער איז גע־שטאָרבען רוהיג, ווייל ער האָט נאָך ביי זיין לעבען געזעהן דעם נצחון פון זיין ארבייט.

העברעאיש איז היינט א לעבעדיגע שפראַך, אנערקענט אלס די נאַציאָנאַלע שפראַך אין אונזער לאַנד און אין פילע לענדער אין גלות.

העברעאיש איז איצט איינע פון די רייכסטע קולטור־שפרא־כען, קען זיך מעסטען מיט די גרעסטע. אין א צייט פון בלויז פינף און צוואנציג יאָהר האָט העברעאיש אָנגעיאָגט תקופות און דורות. דעם אָנהויב האָט געמאַכט בן־יהודה. „אם אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט“, און זיין וואָרט איז געווען ביים אָנהויב. אַנדערע זיינען געקומען נאָך איהם, און יעדער אויף זיין אופן האָט צוגעטראָגען א ציגעל צו דעם שטאָלצען שפראַך־בנין, איינ־געוועבט א צעל אין דעם לעבעדיגען אָרגאניזם. ער איז אָבער געווען דער ראש וראשון, דער סימבאָל פון דער ניי צום לעבען אויפגעשטאַנענער שפראַך.

ער האָט ביים לעבען זוכה געווען, אז זיינע קינדער און אייניקלאך זאָלען ערצויגען ווערען אויף העברעאיש אלס זייער מוטער־שפראַך.

„ולא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך“ — די ברכה איז ביי איהם מקוים געוואָרען ביים לעבען.

און ער איז מסתמא מיט א שמייכעל אויף די ליפען גע־שטאָרבען. זיין לעצט וואָרט איז זיכער געווען אין העברעאיש.

HEBREW EDUCATIONAL SOCIETY
[illegible] AVENUE
BROOKLYN, N. Y. 11236